STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05624

DI NEVIIM

Shemuel Aizenshtadt

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Monica Menell-Kinberg
in loving memory of
her mother, Rae Menell

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראפ׳ שמואל אייזנשטאדט

*

די נביאים

פּראָפ׳ שמואל אײזנשטאַדט

די נביאים

זײער צײַט און זײערע געזעלשאַפטלעכע אידײען

פאַרלאַג „אײניקײט"

תל־אביב, תשכ"ד — 1964

Prof. Samuel Eisenstadt
The prophets, their times and their social ideas
Tel-Aviv, Melchet str. 2

שמואל איזנשטדט / הנביאים ורעיונותיהם החברתיים
תל־אביב, רח׳ מלצ׳ט 2

©
כל הזכויות שמורות למחבר
נדפס בישראל
Printed in Israel, 1964

דפוס „אורלי״, תל־אביב, טל. 32062

מיט ערע און טרייקייט

געווידמעט

די, וואָס פאַרווירקלעכן

אין אַ וועלטלעכער געשטאַלט

אין אונדזער גרויסן און פילגעפּרווּוטן דור

די נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און קאָסמישע

אידייען פון די נביאים

אינהאַלט

	זייט
הקדמה צו דער ערשטער אויפלאַגע	9
הקדמה צו דער צווייטער אויפלאַגע	13
אַריינפיר	18

ערשטער טייל

	זייט
1. די מהות פון דער נבואה. וואָס איז אַזוינס אַ נביא?	25
2. דער יהוהיזם אָדער מאָנאָטעיזם — די גרונט אידייע פון דער נביאישער באַוועגונג	39
3. די צווישנפעלקערלעכע נבואות	49
4. די נביאישע ליטעראַטור, איר כאַראַקטער און סטיל	54
5. די נביאים און די כוהנים	68
6. די סאָציאַלע אוטאָפּיעס פון די נביאים	73

צווייטער טייל

	זייט
7. דער אורשפּרונג פון דער נביאישער באַוועגונג. משה — „דער האַר פון די נביאים"	83
8. די ערשטע אויפשטראַלונג פון דער נבואה־באַוועגונג אויפן ארץ־ישראלדיקן באָדן — די נביאה דבורה. דער נביא שמואל	90
9. די נביאים און דער אָנהייב פון פאָלקס־קעניגטום	97
10. די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פונעם לאַנד אין דער קעניגלעכער תקופה. דער קעניג דוד און די נביאים פון זיין צייט	104
11. דער פאָלקס־אויפשטאַנד קעגן דודס דינאַסטיע און די ראָל פון די נביאים	114
12. די בני־רכב. דער צוריקפאַל אין פּרימיטיוון קאָמוניזם	121
13. די רדיפות קעגן דער נבואה־באַוועגונג. דער נביא אליהו. דער נביא עובדיה	125

דריטער טייל

	זייט
14. די „גרויסע" און „קליינע" נביאים	137
15. דער אָנגריף פון דער אַשורישער אימפּעריע. די פּאָליטישע נביאים	139
16. דער נביא עמוס	143

17. דער נביא הושע 151
18. דער נביא ישעיה 155
19. דער נביא מיכה 168
20. דער נביא חבקוק 171
21. די נביאים אַלס געזעצגעבער. די נביאישע מלוכה־רעפאָרם
אין דער צייט פון קעניג יאשיהו. די נביאה חולדה 174
22. די מפלה פון דער אשורישער אימפעריע. די נביאים
יונה און נחום 184
23. דער אויפשטייג פון דער באַבילאָנישער אימפעריע.
דער נביא ירמיהו 191
24. דער נביא צפניה 207
25. די דעפּאָרטאַציע קיין בבל. דער אויפקום פון דער טעאָקראַטיע 211
26. דער נביא יחזקאל 216
27. דניאל — דער וואָרטזאָגער פון די נביאישע אידייען 227
28. די פּערסישע תקופה. דער אומקער און די נביאישע אילוזיעס.
דער נביא ישעיה דער צווייטער 229
29. די אַנטווישונגען פון די נביאים און זייער ווייטערדיקער קאַמף
פאַר פאָלקס־רעכט. די נביאים חגי און זכריה 236
30. דער נביא יואל 245
31. דער נביא מלאכי 249

פערטער טייל

32. די גייסטיקע ירושה פון דער נביאישער באַוועגונג.
די תהילים־געזאַנגען און דער פאָלקלאָר 255
33. די אָפּשפּיגלונג פון די נביאישע אידייען אין די פאָלקס־משלים
און שפּריכווערטער. די ביכער „משלי" און „חכמת שלמה" 267
34. די נביאישע ווירקונג אויף אַנדערע אויסער־ביבלישע
(אַפּאָקריפישע) שריפטן 275
35. דער המשך פון די נביאישע אידייען אין דער גריכיש־רוימישער
תקופה 278
36. די פּרוּוון צו פאַרווירקלעכן די נביאישע אידייען. די איסיים־
קאָמונעס און די „בני־אור" 286

באַמערקונגען 295
זאַך־רעגיסטער 307
צעטל פון די שפּענדער און אַבאָנענטן 313

הקדמה צו דער ערשטער אויפלאַגע

די נביאים, די סאָציאַלע דענקער פון פאַרצייטיקן ישראל, און די נבואה־ליטעראַטור, וואָס נעמט אַרום פילזייטיק פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פּראָבלעמען, בלייבן עד היום מחוצן תחום פון דער סאָציאָלאָגישער פאָרשונג. יעדע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער סאָציאַלער געשיכטע פון דער אַלטער וועלט, הייבט זיך אָן דאָס רוב מיט די גריכן און רוימער און לאָזט איבער די אַלטע ישראלדיקע ליטעראַטור און געשיכטע פאַר די טעאָלאָגן, וועלכע פילן זיך דאָ באַזונדער היימיש. זיי זעען אין דער גלענצנדיקער תקופה פון סאָציאַלן דענקען און סאָציאַלן קאַמף ניט מער ווי אַ לאַנגע הקדמה צום קריסטנטום, וואָס האָט אייגנטלעך ניט געהאַט די מינדסטע שייכות צו דער געזעלשאַפטלעכער מהות פון דער נבואה. גראָד די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע מהות האָבן זיי אין גאַנצן פאַרזען. זיי האָבן דעם נביא אָפּגעטיילט פון דעם כלל מענטשן, צווישן וועלכע ער האָט געלעבט און געווירקט, אים אַרויסגעריסן פון זיין נאַציאָנאַלער און עקאָנאָמישער סביבה און פון דער היסטאָרישער תקופה און האָבן אים באַטראַכט נאָר אין זיין באַציונג צו דער אמונה. זיי האָבן אין גאַנצן ניט איינגעזען, אַז דער נביא איז געשטאַנען אין די אינטימסטע באַציונגען צום מאַסן־לעבן פון זיין צייט, אַז אין דער מאַסע און פאַר איר האָט ער געפּריידיקט זיינע אידייען. זיי האָבן פאַרזען, אַז דער נביא וויל ניט קיין סיגופים און תעניתים, אַז ער רעדט אין ערגעץ ניט פון תחיית המתים און פון לעבן נאָכן טויט, אַז ער שטייט מיט ביידע פיס אויפן רעאַלן באָדן פון זיין צייט און אָרט. דער איינציקער ציל, צו וועלכן ער שטרעבט, איז דאָס גליק פון פאָלק, די גערעכטיקייט אין די מענטשלעכע באַציונגען, און די אמונה איז נאָר אַ לייט־מאָטיוו, אַ לבוש פאַר זיינע געזעלשאַפטלעכע אידייען. זען די תמצית פון די נביאישע אידייען אין זייער באַציונג צו דער אמונה, איז גלייך ווי מען זאָל זוכן דעם

טעם און די אייגנשאַפטן פון אַ וועלכער ניט איז פּרוכט ניט אין איר גופא, נאָר אין איר שאָלעכץ.

די נבואה איז אַ פּראָדוקט פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק. זי איז אַ פּראָטעסט קעגן די געזעלשאַפטלעכע סתירות פון דער צייט, קעגן דער דעמאָראַליזירונג פון די הערשנדיקע קלאַסן, קעגן דער נויט און עלנט פון דער פאָלקסמאַסע. זי באַגריסט און באַגרינדעט אידעאָלאָגיש דעם אויפשטאַנד פון אונטערדריקטע פעלקער און קלאַסן קעגן זייערע אונטערדריקער און זאָגט דרייסט פאָרויס די מפלה פון דער עגיפּטישער און אשוריש־באַבילאָנישער אימפּעריע, וואָס האָבן אין זייער צייט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון אַלמעכטיקייט. די אַגראַר־פראַגע אין דאָרף און דער שרייענדיקער קאָנטראַסט צווישן לוקסוס און הונגער אין שטאָט — דאָס איז געווען די קאַנווע, אויף וועלכער עס האָבן זיך געוועבט די נביאישע אידייען.

דער נביא איז ניט געווען קיין נזיר, קיין בעל־חלומות, ווי עס מאָלט אים אין אונדזער פאַנטאַזיע סיי די יידישע און סיי די קריסטלעכע טעאָ־לאָגיע. ער ווייס ניט לגמרי פון התבודדות און פון רעליגיעזע מיסטעריעס. ער האָט קיין שייכות ניט צו דער פאָרמעלער אמונה. זיין דור האָט אים געהאַלטן, פאַרקערט, פאַר אַן אפּיקורוס, און ערשט ווען די פאָלקס־אמונה האָט זיך שפּעטער דערהויבן צו די הויכעניש פון זיינע סאָציאַלע און עטישע אויסבליקן, האָט זי אים אָנגעהויבן שעצן אַלס לערער, אַלס וואָרט־זאָגער, אַלס אויטאָריטעט.

דער נביא איז דאָס רוב אַ זון פון דאָרפישן המון. ער קומט אַרויס פון די גרונט־שיכטן פון פאָלק. ער ליידט פון זייערע ליידן, דעקט אויף זייערע ווונדן און זוכט אַ לייזונג פאַר זייערע לעבנס־פראַגן. אמת, זיין אָרט באַלייכטן די סאָציאַלע פראַגן איז, ווי ביי אַלע אָריענטאַלישע דענ־קער פון דער אַלטער צייט, אַ רעליגיעזע, פון גאָט קומט גוטס און שלעכטס, רייכקייט און נויט, — אָבער גאָט גופא איז אין דער נביאישער ליטעראַ־טור שוין ניט בלויז אַ בלינדע סטיכישע קראַפט. ער איז אַ סאָציאַלער כוח, וועלכער ווירקט לויט באַשטימטע עטישע געזעצן און וועלכער שאַפט די דאָזיקע געזעצן לטובת דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

די לעצטע צייט, ווען עס זיינען אויפגעדעקט געוואָרן אַזעלכע רייכע דענקמעלער פון דער אַלטער אַשורישער, באַבילאָנישער און עגיפּטישער קולטור, ווען די כתבים, וואָס זיינען געשריבן מיטן באַבילאָנישן פלעקל־כתב און מיטן עגיפּטישן העראָגליפן־כתב, ווערן גוט געלייענט און פאַר־שטאַנען, איז פיל קלאָרער געוואָרן די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע און די קולטור־סביבה, אין וועלכער עס האָבן געלעבט און געווירקט די ישראל־דיקע נביאים. מיר זיינען אין שטאַנד בעסער זיך צו אָריענטירן אין די געשעענישן, וועלכע עס האָבן אַרויסגערופן די אויפמערקזאַמקייט פון די נביאים. עס איז קלאָר געוואָרן די רעכטלעכע און געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וועלכע זיי האָבן קריטיקירט. אַלע מלכים און הערשער, וועלכע זיינען געווען פריער ניט מער ווי טויטע נעמען, האָבן באַקומען אַ ממשות־דיקן אינהאַלט. די נביאישע ספרים האָט מען אָנגעהויבן צו באַטראַכטן אין צוזאַמענהאַנג מיט די רעזולטאַטן פון די אויסגראָבונגען. מען האָט אין זיי געפונען די כאַראַקטעריסטיק פון רעאַלע פערזאָנען און פון פּאָליטישע דערשיינונגען, וועלכע זיינען ערשט איצט געוויער באַקאַנט געוואָרן. דאָס האָט אָבער צום טייל געבראַכט, אַז מען זאָל זיך בעת דער באַטראַכטונג פון דער נביאישער ליטעראַטור מער אָפּשטעלן אויף די נביאישע אַרויס־זאָגונגען, וועלכע זיינען נוגע אַנדערע פעלקער, אויף די פראַגן פון זייער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, — און עס איז אָפּט פאַרגעסן געוואָרן, אַז אין צענטער פון דעם נביאס אויפפאַסונג און באַטראַכטונג שטייט די געזעלשאַפטלעכע ווירקלעכקייט פון ישראל גופא, וועלכע האָט באַדאַרפט בשעת דעם שטורעם־גאַנג פון די קעגנזייטיק קעמפנדיקע גרויסמאַכטן פון יענער צייט געפינען איר געשיכטלעכן וועג, איר פּאָליטישע אָריענטאַ־ציע. די נביאים האָבן געשטרעבט און פאַרלאַנגט, אַז ישראל זאָל גילטן אַלס מוסטער פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און גלייכקייט און אַז זייער קליין פאָטערלאַנד זאָל זיין אַ היים פון שלום און פרייהייט.

די פאָרשונג פון דער טעטיקייט פון די ישראלדיקע נביאים דאַרף געמאַכט ווערן מיט די מעטאָדן פון דער היינטצייטיקער פּראָגרעסיווער וויסנשאַפט און מיר פּרווון דאָס צו טאָן.

די כוונה פון דער דאָזיקער אַרבעט איז צו באַקענען די ברייטע קרייזן

יִדישע לייענער אין אַ פּאָפּולערער און אַלגעמיין פאַרשטענדלעכער שפּראַך מיט די נביאים, זייער צייט און זייערע געזעלשאַפטלעכע אידייען.

אונדזערע לייענער דאַרפן נאָר נעמען אין אַכט דעם שטח פון דריט־האַלבן טויזנט יאָר, וואָס ליגט צווישן אונדזער צייט און דער תקופה פון די נביאים. אונטערן רושם פון גרויסע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פון אונדזער יאָרהונדערט קאָן אָפט שווער פאַרשטאַנען ווערן די ווירק־לעכקייט פון יענער ווייטער צייט מיט אירע לפי ערך פרימיטיווע ווירט־שאַפטלעכע פאָרמען און אייגנאַרטיקער קולטור. דער לייענער דאַרף זיך גייסטיק אַריבערטראָגן אין יענע ווייטע דורות, כדי אימשטאַנד צו זיין ריכטיק אָפּצושאַצן די נביאים און זייערע געזעלשאַפטלעכע אידייען.

הקדמה צו דער צווייטער אויפלאַגע

38 יאָר זיינען אַריבער זינט עס איז דערשינען אין דעם באַקאַנטן ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין די ערשטע אויפלאַגע פון מיין בוך „די נביאים, זייער צייט און זייערע געזעלשאַפטלעכע אידייען".

דאָס בוך, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין מאָסקווע אין דער אויפגעברויזטער צייט, אין די פרילינגס־יאָרן פון דער גרויסער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, איז זיך באַלד פונאַנדערגעגאַנגען איבער אַלע ווינקלען פון דער יידישער וועלט, ניט קוקנדיק אויף די דעמאָלט צעשטערטע קאָמוניקאַציע־וועגן.

שוין אין דער ערשטער אויפלאַגע האָב איך זיך באַמיט צו געבן אַ בעסערן סאָציאַל־היסטאָרישן און וועלטלעכן אויסבליק אויף יענער אַלטצייטיקער תקופה אין דער סאָציאַלער געשיכטע פון ישראל מיט איר ערשטער קלאַסן־דיפערענציאַציע און געזעלשאַפטלעכע קעגנזאַצן. איך האָב געהאַט אָנגעוויזן אויף די גרונט־סיבות, וואָס האָבן געבראַכט צו דעם אויפקום פון דער נביאישער באַוועגונג, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו קעמפן פאַר דער גערעכטיקייט און מענטשן־גלייכקייט, פאַר די אינטערעסן פון די אָרעמע און באַעוולטע פאָלקס־מאַסן אין לאַנד און וואָס איז שפּעטער אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפער קריטיק קעגן די הערשנדיקע גרויסמאַכטן פון יענער צייט.

שוין אין אָנהייב פון די 30ער יאָרן איז געווען אַ גרויסע הצטרכות צו דערגענצן און טיילוויז איבערצואַרבעטן, צו פאַרברייטערן און אַרויסצוגעבן אויף ס'ניי דאָס בוך, און דער מחבר האָט זיך אָן אויפהער, אָבער, לײדער, אויך אָן דערפאָלג געמיט צו געפינען די מעגלעכקייט צו דערלאַנגען די יידישע לייענער־קרייזן אַ נייע פאַרברייטערטע אויפלאַגע פונעם בוך.

פאַר די פיל יאָרן, אַרבעטנדיק איבער אַנדערע היסטאָרישע און יוריסטישע פאָרשונגען אין העברעיש און אין יידיש, האָב איך ניט אויפגע־

הערט ווייטער צו שטודירן די ביבלישע קוועלן און די היינטצייטיקע וויסנ־שאַפטלעכע ליטעראַטור וועגן די נביאים, צו באַקענען זיך מיט די רעזול־טאַטן פון די נייע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין ארץ־ישראל, און איך האָב זיך מיט אַ נייער קראַפט און אַנטשיידנקייט געמיט אַראָפּצוואַרפן דעם טעאָלאָגישן שלייער, אין וועלכן יידישע און ניט־יידישע תנ״ך־פאַרשער האָבן אין אַלע צייטן געוויקלט די נביאישע אַרויסטרעטונגען. איך האָב דערביי געזען צו באַלייכטן מיט אַ פּאַרטיפערטן סאָציאַלן און וועלטלעכן באַוווסטזיין די היסטאָרישע צייט און סביבה, אין וועלכער עס האָבן גע־לעבט, געווירקט און געקעמפט די נביאים.

אין דער נייער אויפלאַגע פונעם בוך וואַרפן מיר אָפּ אויף אַ בולטערן אופן די פאַרעלטערטע השקפות, וועלכע שטעלן פאַר די נביאים ווי פאַר־איינצלטע, אינדיווידועל ווירקנדיקע פערזענלעכקייטן. מיר באַטראַכטן זיי, ווי זיי זיינען ווירקלעך געווען, — אַלס פּיאָנערישע פירער און וואָרט־זאָגער פון די פאָלקסמאַסן אין דאָרף און אין שטאָט, אַלס דרייסטע קרי־טיקער פון דער הערשנדיקער אָרדענונג אין לאַנד און פון דער מאַכט־פּאָליטיק אין די צווישנפעלקערלעכע באַציונגען.

די רעליגיעז אויפגעפּאַסטע געזעלשאַפטלעכע אידייע פון די נביאים איז געווען, ווי מיר וועלן זען, דער יהוה־יזם, אָדער מאָנאָטעיזם, דער גלויבן אין אַן אַבסטראַהירטן — פריער נאַציאָנאַלן און שפּעטער אוניווערסאַלן — גאָט. ער איז דער גרונט־שורש פון דער נביאישער באַוועגונג. פון אים מיען מיר זיך אין אונדזער בוך אַרונטערצונעמען דעם מיסטיש־טעאָלאָ־גישן דעקמאַנטל און באַלייכטן און דערקלערן אים אַלס די וועלט־השקפה פון דער נביאישער באַוועגונג, אַלס אויסדרוק פון אַ רעוואָלוציאָנערער געזעלשאַפטלעכער אידייע, וועלכע האָט דורכגעלייגט פאַר זיך נייע וועגן אין דער פאַרצייטיקער וועלט.

אַריינטראַכטנדיק זיך טיפער אין דעם כאַראַקטער און אין דעם סאָציאַלן אינהאַלט פון דער נבואה, פאַרריכטנדיק פעלערן פון דער ערשטער אויפלאַגע און פאַרברייטערנדיק די ראַם פון דער פאַרשונג בכלל, זיינען מיר געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די אָנהייב־סטאַדיע פון דער נביאישער באַוועגונג איז אויף עטלעכע הונדערט יאָר עלטער, ווי מיר

האָבן אָנגענומען פריער, און אַז עס דאַרף באַשטעטיקט ווערן אַלס היסטאָ־ריש ריכטיק די אַלט־יידישע טראַדיציע, וואָס באַטראַכט שוין משהן אַלס דעם „האַר פון די נביאים" (אדון הנביאים). מיר וועלן פרווון באַגרינדן אונדזער מיינונג אויף באַגלויבטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע יסודות.

אַרויסגייענדיק פון דאָזיקן שטאַנדפונקט, איז אונדזער בוך אַ לעבע־דיקער פּראָטעסט קעגן דער חשדנות פון באַשטימטע תנ"ך־פאָרשער, וועל־כע וואַרפן אָפּ די היסטאָרישקייט פון אונדזער אַלטהיסטאָרישער ליטע־ראַטור. די אויסגראָבונגען און אַרכעאָלאָגישע פאָרשונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן און וואָס ווערן געמאַכט אין דעם ישראלדיקן און דעם אַראַבישן טייל פון איצטיקן ארץ־ישראל, ווי אויך די נייסטע אָבסערוואַ־ציעס פון יידישע און ניט־יידישע היסטאָריקער ווייזן אויף מיט אַן אַלץ וואַקסנדיקער פולקייט די גלויבווירדיקייט פון אונדזערע היסטאָרישע קוועלן, בפרט, ווען מיר באַלייכטן זיי סאָציאַל און רעאַליסטיש.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אויספיר, צו וועלכן מיר זיינען געקומען, זיינען אויך טיילווייז געענדערט געוואָרן די מעטאָדן פון אונדזער אַרבעט און די עצם־אַרבעט איז שטאַרק אויסגעברייטערט געוואָרן. עס האָט זיך אָבער ניט געענדערט איר גרונט־כוונה צו זיין ניט קיין אַרבעט פאַר לומדים און פאַכלייט, נאָר אַ וועגווייזער און אַריינפיר פאַר ברייטערע קרייזן, וואָס ווילן זען די נביאים, זייער צייט און ווירקן מיט די אויגן פון פּראָגרעסיוון מענטשן און אויפדעקן זייער היסטאָרישע און וועלטלעכע מהות.

ווי דער לייענער וועט זיך איבערצייגן, ווערט דאָס בוך איינגעטיילט אין פיר טיילן, וועלכע לאָזן זיך אָפּט שווער אָפּטיילן איינע פון די אַנדערע. די צעטיילונג איז אָבער געוועזן נייטיק, כדי צו לאָזן דעם לייענער בעסער צו קאָנצענטרירן זיך אויף די פאַרשיידענע זייטן און אויסווירקונגען פון דער נבואה און דערגרייכן אַ באַשטימטע סיסטעמאַטישקייט אין דער באַ־האַנדלונג פון דעם מאַטעריאַל.

אין ערשטן טייל ווערן באַהאַנדלט בעיקר די גרונטשטריכן פון דער נבואה און פון דער נביאישער באַוועגונג. אין צווייטן טייל ווערט באַ־האַנדלט די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון דער נביאישער באַוועגונג ביז צום

אויפטריט פון די גרויסע פּאָליטישע נביאים. דער דריטער טייל פאַרנעמט זיך מיט דער תקופה פון דער גרויסער פּאָליטישער אַקטיוויקייט פון דער נביאישער באַוועגונג. אין פערטן טייל ווערט אָנגעמערקט די גייסטיקע ירושה פון דער נביאישער באַוועגונג, איר ווירקונג און אויסשטראַלונג אין דער שפּעטערדיקער צייט. אין אַלע תקופות ווערן אַרויסגעבראַכט די הויפּט־געשטאַלטן פון די נביאישע וואָרטזאָגער אויף וויפל זיי זיינען אונדז באַקאַנט.

אין דעם פּרט פּרעטענדירט ניט דאָס בוך אויף פולשטענדיקייט. מיר האָבן דאָ מער די כוונה אויסצוטייטשן — און אָפט אויף אַ גאַנץ נייעם אופן — די עצם־געשטאַלט און מהות פון דער נבואה, ווידער אויסצושעפּן אַלע איינצלהייטן פון דער נביאישער ליטעראַטור.

פראַגמענטן פון די נביאישע ביכער זיינען געבראַכט געוואָרן אַלס אילוסטראַציעס צו די אַרויסגעזאָגטע גרונטגעדאַנקען, זיי קאָנען אָבער ניט שפּאָרן דעם ערנסטערן לייענער צו לייענען דעם תנ״ך גופא אין אָרי־גינאַל אָדער אין אַ גוטער איבערזעצונג.

דאָס רוב פראַגמענטן האָב איך אויף ס׳ניי איבערגעזעצט פון העברעישן אָריגינאַל און נאָר ערטערווייז האָב איך זיך געהאַלטן ביי יהואָשס יידישער איבערזעצונג אָדער ביי אַנדערע איבערזעצונגען, ווייל אין אונדזער צייט האָט ניט קיין זין צו האַלטן זיך ביי אַ סקאַרבאָווער איבערזעצונג, ווי דער טייטשחומש, און אויך ניט דורכויס ביי אַ גרייטער מאָדערנער איבערזע־צונג. אין סאָציאַלן ליכט פון דער תקופה באַקומען די געדאַנקען און האַנדלונגען פון די נביאישע ביכער אָפט מאָל אַן אַנדערן אויסטייטש און קאָנען צייטנווייז ניט איבערגעגעבן ווערן אין אַ בוכשטעבלעכער איבער־זעצונג, וואָס זאָל האַרמאָנירן מיטן גייסט פון יענער צייט.

די נייע פאַרברייטערטע און גרונטלעך איבערגעאַרבעטע אויפלאַגע פונעם בוך דערשיינט מיט דער הילף פון אַמעריקאַנער פריינט פון פראָגרע־סיוון יידישן וואָרט, וועלכע האָבן אַ לענגערע צייט אַרויסגעוויזן זייער לעבהאַפטיקן אינטערעס צו מיינע פאַראיינצלטע אַרטיקלען איבער יידישע סאָציאַל - היסטאָרישע פראַגן, וואָס זיינען דערשינען מערסטנטייל אין

דער „מאָרגן־פרייהייט״, און איך דריק זיי אויס אַלעמען מיין האַרציקן דאַנק.

אַ גאַנץ באַזונדערן דאַנק קומט די פריינט פסח נאָוויק און פרענק קוירק ז״ל אין ניו־יאָרק, וועלכע האָבן זיך געשטעלט בראש פון דעם אָרגאַ־ניזיר־קאָמיטעט און האָבן געזאָרגט צוזאַמענצוברענגען די נייטיקע צאָל שפענדער און אַבאָנענטן, כדי צו דערמעגלעכן דאָס דערשיינען פונעם בוך.

מיט פריינטלעכער אָנערקענונג דריק איך די הענט פון די פריינט ישראל איסר ארנסאָן (ניו־יאָרק), עוועלין אַלעקסאַנדער (סאַן פראַנציסקאָ), אהרון בערג (מיאַמי ביטש), יעטאַ האָפמאַן (לאָס־אַנזשעלעס), שמואל זאַלצמאַן (ניו־יאָרק), יוסף מאָרגנשטערן (האָליוווד), לעאָן מילמאַן (סאַלוואַדאָר, בראַזיל), מינאַ סמאָלער (לאָס־אַנזשעלעס) און ד״ר ה. ב. שטעלער (טשעלזעא) פאַר זייער מי און אַקטיווער באַטייליקונג אין שאַפן די נייטיקע מיטלען פאַר דער אויסגאַבע פונעם בוך.

אַ פולע רשימה פון די שפענדער און אַבאָנענטן ווערט געבראַכט אין סוף פונעם בוך.

*

מיט אַ געפיל פון מאָראַלישער באַפרידיקונג דערלאַנג איך איצט מיין בוך די ברייטע קרייזן יידישע לייענער אין גאָר דער וועלט — אין ראַטנפאַרבאַנד און אין די אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער, אין ישראל, אין צפון־ און דרום־אַמעריקע, אין פראַנקרייך און בעלגיע, אין דרום־אַפריקע און אויסטראַליע.

דאָס בוך איז באַרופן צו ברענגען מיין באַשיידענעם צושטייער צו דער סאָציאַלער און וועלטלעכער בילדונג פון די יידיש־ריידנדיקע און יידיש־דענקענדיקע קרייזן, ווו זיי זאָלן זיך ניט געפינען.

איך בין טיף איבערצייגט, אַז יעדעס פּראָגרעסיווע אויפקלערערישע בוך אין העברעיש און יידיש העלפט מיט דעם קולטור־אויפשטייג פון אונדזער פאָלק אין גאָר דער וועלט, און איך וועל מיך שעצן גליקלעך און גייסטיק באַפרידיקט, ווען מיין בוך וועט מיט דערפאָלג דערפילן וויפל ניט איז די דאָזיקע לעבנסנייטיקע אויפגאַבע

אַריינפיר

די נביאישע באַוועגונג איז פיל עלטער פון די געשריבענע נבואה־ביכער, וואָס זיינען דערגאַנגען צו אונדזער צייט. זי איז אויפגעקומען אַלס אַ רעזולטאַט פון ישראלס פריצייטיקער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, ווען עס איז צעפאַלן די אַלטע פאַמיליע־קאָמונע, וואָס איז געווען געבויט אויף גלייכקייט און בשותפותדיקער אַרבעט, און עס האָט זיך געבילדעט צו ערשט אַ קלאַסן־געזעלשאַפט, אַן אויפגעבויטע אויף פּריוואַט־אייגנטום און קנעכטשאַפט.

גאַנץ פרי, ווען עס האָבן זיך ערשט קוים אָנגעהויבן אָנצייכענען די קעגנזאַצן צווישן פאַרמעגלעך און אומפאַרמעגלעך, צווישן אייגענעם און פרעמדן, צווישן פרייען און קנעכט, צווישן באַדן־באַזיצער און באַדנלאָזע אַרבעטער, ווען די פריערדיקע וואַנדער־שטאַמען האָבן אָנגעהויבן טייל־וויַיז איבערצוגיין צו ערדאַרבעט און צו באַנוצן זיך אין זייערע פּריוואַטע ווירטשאַפטן אָנשטאָט מיט שטיין־מכשירים, —מיט אייזערנע און קופּערנע ווערקצייג, — איז אויפגעקומען די ערשטע קלאַסן־דיפערענצירטע געזעלשאַפט. אירע ערשטע שפּורן פירן אונדז נאָך אפשר, ווי מיר וועלן זען, צו די אָאזיסן פון גושן און פון קדש ברנע. אירע קאָנטורן ווערן שאַרפער און קלאָרער זינט דער מאַסן־קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל — אין מיטן פון 2טן פאַרקריסטלעכן יאָרטויזנט.

נאָך אַ לאַנגע צייט פריער, איידער עס צייטיקט זיך אַ מאַסן־אומצופרידנקייט און אַ מאַסן־באַוועגונג פון די באַעוולטע, שפּראָצן אויף פּיאָנערישע וואָרטזאָגער, וועלכע ריידן גלייכצייטיק צום פאָלק און צו די הערשער, דערקלערן אַ געזעלשאַפטלעכן גערעכטיקייט.

דאָס זיינען די נביאים, די ערשטע בויער פון אַ געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג אין די יוגנט־יאָרן פון ישראל־פאָלק.

אין דער ערשטער אויפלאַגע פון מיין בוך „די נביאים, זייער צייט און זייערע געזעלשאַפטלעכע אידייען״, האָב איך, גייענדיק אין דעם וועג פון

אַנדערע פאַרשער, געוואָלט זען דעם נביא שמואל אַלס דעם פּיאָנער פון דער נביאישער באַוועגונג. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די סאָציאַל־היסטאָרישע פאַרשונגען אויפן געביט פון דער ביבל אין משך פון די יאָרן און דערהויפּט מיין דיאַלעקטישער צוגאַנג צו דער אָנהייב־תקופה פון דער יידישער געשיכטע האָט מיך געבראַכט צו דער איבערצייגונג, אַז די וואָרצלען פון דער נבואה־באַוועגונג זיינען נאָך עלטער, ווייל די צע־פאַלונג פון דער אַלטער פאַמיליע־קאָמונע האָט זיך אָנגעהויבן שוין אין יענער אַלטצייטיקער תקופה, ווען די שטאַמען פון ישראל האָבן אויסגע־לעבט און איבערוואַנדן די תקופה פון וואַנדערונג און פון דער פּאַשע־ווירטשאַפט אין מצרים און אַז באַהאַוונטע שוין אין דער באַנוצונג פון מעטאַלן אויפן עגיפּטישן שטייגער, זיינען זיי פּלאַנמעסיק אַריבער צו ערד־אַרבעט אויף יסודות פון פריש אויפגעקומענעם פּריוואַט־אייגנטום.

דאָס איז די צייט, אין וועלכער עס איז אָנגעוואַקסן דער דראַנג צו לאַנדווירטשאַפט און צו אַ פעסטער באַזעצונג אויפן באָדן, — די צייט, ווען די שטאַמען האָבן זיך מיט געמיינזאַמע קרעפטן אַרויסגעריסן פון דער עגיפּטישער שקלאַפעריי און זיך אָנגעהויבן צו באַזעצן, פריער צייטוויי־ליק, אין די אָאַזיסן פון מדבר, און שפּעטער, צו אָקופּירן פאַר זיך דעם באָדן אין לאַנד כנען, וואָס איז געוואָרן זייער פאָטערלאַנד.

איז די דאָזיקע קאָנצעפּציע ריכטיק, אַזוי איז קלאָר און לאָגיש, אַז עס איז גערעכט די דורות־לאַנגע טראַדיציע, וועלכע כאַראַקטעריזירט משהן, דעם פירער פון דער פאָלקס־באַפרייונג און דעם פאָלקס־געזעצ־געבער, אַלס „האַר פון די נביאים“, אדון הנביאים, אַלס באַגרינדער פון דער נביאישער באַוועגונג.

פון דעם שטאַנדפּונקט אַרויס וועט אויך קלאָר ווערן, אַז די צען געבאָטן, עשרת הדברות, די ערשטע ישראלדיקע געזעצן, וועלכע זיינען געגעבן געוואָרן דורך משהן אין יענער צייט פון איבערגאַנג צו ערדאַרבעט, בילדן מיט זיך די ערשטע סאָציאַלע צוימען און באַגרענעצונגען פון דער אומגלייכקייט, וואָס עס האָט מיט זיך געבראַכט דאָס פּריוואַטע אייגנטום. זיי רעגלאַמענטירן, אמת, דאָס פּריוואַט־אייגנטום און שיצן אים דורכן פאַרבאָט פון גנבנען און אפילו פון גלוסטן יענעמס אייגנטום, אָבער זיי

שטײען שוין פאַר דער טאָטזאַך פון דער שקלאַפערײ, וואָס איז דער פּראָדוקט פון פּריוואַט־אײגנטום און פון דער ערשטער קלאַסן־געזעלשאַפט, און גיבן אַ סאָציאַלן שוץ דעם פרײען און אומפרײען אַרבעטער. זײ רעגו־לירן די אַרבעטס־צײט און פּראָקלאַמירן אַן אָבליגאַטאָרישן רו־טאָג.

זײ ברענגען צום ערשטן רעאַלן אויסדרוק די סאָציאַלע שטרעבונגען פון דער אויפקומענדיקער נביאישער באַוועגונג.

געװײנלעך טראָגט די נביאישע באַוועגונג, ניט קוקנדיק אויף איר רעוואָלוציאָנערישקייט, דעם בולטן שטעמפּל פון איר צײט. בײ זײן גאַנצער דערהײבנקייט בלײבט דער סאָציאַלער אינהאַלט אירער פאַרבונדן מיט אַ רעליגיעזן גלויבן, מיט דער באַהעפטונג אין אַן איבערמענטשלעכן קוואַל פון גערעכטיקייט. דער דאָזיקער צוגאַנג איז שוין איבערוווּנדן געוואָרן דורך דער הײנטצײטיקער, וועלטלעכער, בפרט מאַרקסיסטישער היסטאָ־ריאָגראַפיע.

מיר זײנען אָבער אין אונדזער אַרבעט ניט אויסן אָנצונעמען די נבי־אישע אידייען, ווי זײ זײנען, אַלס ריכטליניע פאַר אונדזער צײט. מיר ווילן זײ תופס זײן אין דער ראַם פון יענעם ווײטן עבר, אין וועלכן זײ האָבן דורכגעלײגט נײע וועגן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַרײנגעטראָגן אַ גרונטלעכע איבערקערעניש אין מענטשלעכן דענקען און געדינט אַלס שטויסקראַפט צו אַ בעסערער, ריכטיקערער פאַרשטענדעניש צווישן אײנ־צלנע מענטשן און פעלקער.

די נביאישע באַוועגונג איז אַן אָרגאַנישער טײל פון דער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער געשיכטע פון ישראל אין די דורות, אין וועלכע זי האָט זיך אַנטפּלעקט און געווירקט. דאָס האָט אַרויסגערופן בײ אונדז די באַדערפעניש צו ברענגען ערטערווײז, אין קורצע שטריכן, די געשיכטע פון פאָלק אין יענער תקופה, אויף וויפל זי גילט אַלס ראַם פאַר דער נביאישער באַוועגונג.

שרײבנדיק אין משך פון פיל חדשים די נײע אויפלאַגע פון נביאים־בוך, האָבן מיר שטודירט די עלטערע און נײע פאַרשונגען איבער די נביאים אין פאַרשײדענע שפּראַכן. מיר האָבן זעלטן ווו געפונען אַן אויפגעקלערטן סאָציאַלן צוגאַנג צו די נביאישע צײטן און צו דער עצם־

די נביאים

מהות פון דער נבואה, וואָס זאָל זיין ריין פון טעאָלאָגישע אָפּנייגונגען.

מיר האָבן זיך באַנוצט מיט פיל מאַטעריאַלן אויך אין דעם פאַל, ווען מיר זיינען מיט זיי כלל ניט מסכים געווען. מיר האָבן אָבער ניט פאַר־שווערט פאַרן לייענער פונעם בוך דאָס לייענען און שטודירן, אָנלאָדנדיק דאָס בוך מיט ציטאַטן. מיר זיינען אויך ניט אַריין אין קיין וויכוח מיט די פאַרשיידענע פאָרשער.

איינס ווייסן מיר קלאָר, אַז אין אַ סך פּרטים האָבן מיר זיך אָפּגעווייגט פון די אָנגענומענע שיטות און מיינונגען, און אַז מיר האָבן באַטראַכט די נביאים מיט אויגן פון אַ מאָדערנעם וועלטלעכן שטודירער און סאָציאָ־ליסטישן שרייבער.

מיר האָבן זיך אויך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז דאָס בוך איז געשריבן בעיקר פאַר ברייטערע שיכטן פון יידישע לייענער, וואָס קאָנען זיך ווייניק וואָס פאַרטיפן און אָריענטירן אין דער רייכער און פילפאַרביקער ליטע־ראַטור און אין העברעישן אָריגינאַל פון דער ביבל און נייטיקן זיך אין אַ קלאָרער און היינטצייטיקער אויפקלערונג.

מיר האָבן זיך געמיט, ווי ווייט עס איז מעגלעך, צו דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבע.

פּראָפ׳ שמואל אייזנשטאַדט

אדר ה.תשכ״ד — מערץ 1964

ערשטער טייל

1. די מהות פון דער נבואה.
וואָס איז אַזוינס אַ נביא?

איידער מיר ווילן איבערגיין צו באַהאַנדלען דעם אורשפרונג פון דער נבואה און דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער נביאישער באַוועגונג, אירע גרונט־יסודות און איר ליטעראַטור, לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף דעם עצם באַגריף „נביא״ און „נבואה״, באַפרייען אים פון דער פסולת פון פאַראורטיילן און אויפקלערן זיין אמתע, סאָציאַלע מהות.

אַ נביא הייסט, לויט דער אַלטהעברעישער שפּראַך־אויסטייטשונג, אַ מענטש, וואָס רעדט, וואָס טרעט אַרויס ניט אין זיין אייגענעם נאָמען, נאָר אין עמעצנס שליחות. אַזוי ווערט בפירוש געזאָגט וועגן משהן, וועלכער איז געווען, לויט דער לעגענדע, אַ שטאַמלער, אַז זיין ברודער אהרון וועט זיין זיין נביא,[1] זיין פאַררעדער, בשעת זיינע אַרויסטרעטונגען פאַרן הערשער פון מצרים.

אויסער דעם איינציקן ביישפיל, ווו איין מענטש רעדט אין נאָמען פון אַ צווייטן מענטשן, ווערט אומעטום דער אויסדרוק „נביא״ באַנוצט ספּעציעל, כדי צו באַצייכענען אַ מענטשן, וואָס רעדט ניט אין אייגענעם נאָמען, נאָר אויס דער אינעווייניקסטער איבערצייגונג און אינספּיראַציע, אַז ער דערפילט אַ געזעלשאַפטלעכע שליחות, די שליחות פון דער גערעכטיקייט, אַז ער רעדט אין נאָמען פון גאָט פון גערעכטיקייט, פון יהוה.

אַפילו די וואָרטזאָגער, וואָס האָבן גערעדט צום פאָלק אין נאָמען פון דעם בעל־אָפּגאָט און וואָס האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז זיי זיינען אינספּירירט פון דער כנעניש־ישראלדיקער רעליגיע האָבן געהייסן נביאים מיטן צוגאָב־וואָרט בעל־נביאים, נביאי־הבעל, אָדער פאַלשע נביאים.

[1] שמות ז׳ 1.

אויך אַנדערע סעמיטישע פעלקער האָבן זיך געהאַט באַנוצט מיט דעם וואָרט „נביא״ און זיי האָבן געהאַט אויף זייער אַרט זייערע נביאים.

ווען מיר זאָלן זיך ניט אָפּשטעלן אויף ביישפּילן פון דער שפּעטער־דיקער צייט, אין וועלכער ביי די אַראַבער פלעגן אַרויסטרעטן מיט פּלאַמיקע פּאַרויסזאָגונגען די אַזוי' גערופענע „כהינים״ און אין וועלכער עס איז דערנאָך אויפגעקומען מיט אַ טעמפּעראַמענטפולער דערוואַכונג פון אַ נביא דער גרויסער רעליגיעזער באַנייער מוחמד, באַגעגענען מיר שוין אין דער פריער תנ״ך־תקופה אַ ביישפּיל פון אַ נביא ביי אַ צווייטן סעמיטישן פאָלק, וואָס האָט געלעבט אין שכנות מיט ישראל, ביי די מואבים. דאָס איז געווען בלעם בן בעור. הגם ער ווערט אָנגערופן אין דער ביבל מיט אַ גאַנץ באַשטימטער כוונה ניט נביא, נאָר צויבערער, לאָזט זיך קלאָר זען נאָך דער גאַנצער אַרט פון זיין אַרויסטרעטונג און אַפילו נאָך זיין דערהויבענעם פּאַטעטישן סטיל, ווי גייסטיק נאָענט ער שטייט צו די ישראלדיקע נביאים. די זעלביקע פאָלקסטימלעכקייט און די אומאָפּהענגיקייט פון זיינע מיינונגען, וועלכע ער זאָגט אַרויס פאַרן מואבישן קעניג בלק, איז כלל ניט אין גייסט פון יענעמס דערוואַרטונגען. פּונקט ווי די נביאים פון ישראל, האָט ער פאַר זיך ברייטע פּאָליטישע האָריזאָנטן. ער וואַרפט זיין בליק אויף די פאַרשיידענע פעלקער פון דעמאָלטיקן מיטעלן מזרח. אַ גאַנצע שורה פון אַזעלכע נביאות האָבן מיר אין דער פרשה בלק.[2] זיי זיינען געשריבן, ענלעך ווי די ישראלדיקע נבואה־רעדעס, אין אַ בילדלעכער שפּראַך, וועלכע איז (ווי מיר ווייסן פון דעם דענקמאָל פון דעם מואבישן קעניג מישע) געווען אַ ברודער־שפּראַך פון העברעיש.

די אינספּיראַציע, די אינעווייניקסטע איבערצייגונג פון דעם עפּנט־לעך אַרויסטרעטנדיקן פאָלקסמענטש, אַז ער דריקט אויס ניט זיין אייגענעם ווילן, נאָר דעם ווילן פון אַ העכערער איבערמענטשלעכער גערעכטער אינסטאַנץ — דאָס איז דער כאַראַקטעריסטישער גרונטשטריך פון דעם איינצלנעם נביא און פון דער נביאישער באַוועגונג אין אַלגעמיין.

[2] במדבר כ״ג, 7—10, 18—24; כ״ד, 4—9, 15—24.

די נביאים

די געשוואָרענע טעאָלאָגן און דאָס פאָלק, וואָס געפינט זיך פיל דורות אונטער זייער דערציערישער השפעה, האָבן אָן אַ שיעור פאַרגרייזט און פאַרפלאָכט דעם געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער פון דער נבואה, האָבן וווּלגאַריש און אויבערפלעכלעך פאַרשטאַנען דעם באַגריף פון געטלעכער התגלות ביי די נביאים. זיי האָבן דעם נביא פאַרגעשטעלט אַלס אָן אומ־נאַטירלעכן, איבערמענטשלעכן, פון גאָט באַפולמעכטיקטן שליח, בעת דער נביא איז אין דער אמתן געשטאַנען מיט ביידע פיס אויפן באָדן פון דער ריעאַלער אַלטעגלעכקייט, און דורך דער גאַנץ פאַרשטענדלעכער און נאַ־טירלעכער אַנטפלעקונג פון זיין עטישן און סאָציאַלן באַוווסטזיין האָט ער גענומען אַ קלאָרע און געוויסנהאַפטע שטעלונג צו די עקאָנאָמישע, גייס־טיקע און פּאָליטישע פּראָבלעמען פון זיין צייט. ער האָט זיך אין די דאָזיקע פּראָבלעמען אָריענטירט און גערופן צו זיין אָריענטאַציע דאָס פאָלק און זיינע הערשער, צו וועלכע ער האָט זיך געווענדט מיט זיין וואָרט.

די גייסטיקע פרייהייט פון דעם נביא, דער געזעלשאַפטלעך־רעוואָלו־ציאָנערער כאַראַקטער פון זיינע אַרויסטרעטונגען, זיין כוח איבערצורייסן מיט די פאָראורטיילן פון זיין צייט, דערקלערן זיך דערמיט, וואָס ער האָט זיך כלל ניט באַטראַכט אַלס אַ מעכאַנישן שליח, אַלס אַ קנעכט פון גאָט, וואָס דערפילט בלינד און באַוווסטלאָז באַפעלן פון איינעם, וואָס געפינט זיך אויסער אים, וואָס שטייט איבער אים. ער איז דער שליח פון גאָט, פון דעם קוואַל פון אמת און גערעכטיקייט, וואָס לעבט אין אים און די שליחות פון וועלכן ער האָט איבערגענומען לויט דעם אינעווייניקסטן דראַנג, לויט זיין פרייען ווילן און פרייער איבערצייגונג.

דער דאָזיקער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער מאָמענט אין דער נבואה האָט געגעבן אַ באַזונדערע קראַפט די נביאישע אַרויסטרעטונגען. אין די קריי־טישע מאָמענטן פון זייער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, ווען דאָס פאָלק האָט זיי ניט פאַרשטאַנען און די הערשער פון לאַנד האָבן קעגן זיי פאַר־גענומען בלוטיקע רדיפות, האָבן זיי געפונען די גייסטיקע קראַפט און טרייסט, דעם געזעלשאַפטלעכן שטיצפונקט פאַר זייערע סאָציאַל־גערעכטע אַרויסזאָגונגען און פאָדערונגען אין דער טיפער סוביעקטיווער איבער־צייגונג זייערער, אַז דער מקור פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, פון וועלכן

זיי שעפן, איז אַן אייביקער און אַלמעכטיקער, וועלכן עס איז ניט אימשטאַנד צו צעשטערן ניט די צייטווייליקע גלייכגילטיקייט פון די מאַסן, ניט די גרויזאַמקייט פון די דעספּאָטישע הערשער. גאָט איז פאַר זיי געווען דער העכסטער קוואַל פון סאָציאַלן אמת און יושר, דער שיצער פון די אָרעמע און שוואַכע, דער שטראָפער פון יעדן אונטערדריקער און גוואַלדטוער, און עס איז פאַר דעם נביא אַ באַזונדער שטאָלץ און גליק און ערע צו דערפילן זיין שליחות, ניט קוקנדיק אויף אַלע שטורעמס פון דעם לויפנ־דיקן טאָג, וועלכער איז ניט מער ווי אַ קליינער אויגנבליק אין פאַרגלייך מיט דער אייביקייט, ניט קוקנדיק אויך אויף אַלע יסורים און פּיין פון דעם שליח, ווען עס איז כדאי מקריב צו זיין זיין אייגן לעבן פאַרן נצחון פון דער גערעכטיקייט און אמת.

*

אין יענער ווייטער היסטאָרישער תקופה, אין וועלכער עס זיינען צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן די נביאים, האָט אין דער פאָלקס־אמונה פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט דאָס פאַרויסזאָגן די צוקונפט. ניט האָבנדיק נאָך קיין השגה פון די סאָציאַלע און נאַטור־געזעצן, האָט דער מענטש געגלייבט בלינד, אַז זיין לעבנס־גורל, זיין גליק און אומגליק, זיין נצחון און מפּלה זיינען פאָרויס באַשטימט. ניט האָבנדיק קיין אייגענעם סאָציאַלן באַוווסטזיין, האָט ער זיך יעדעס מאָל ביי אַ פאַרלעגנהייט געווענדט צו די, וועמען עס זיינען, לויט זיין פאַרשטעלונג, פאַרטרויט די שליסלען צו די סודות פון דער וועלט.

די דאָזיקע אויפגאַבע האָבן שוין פאַרצייטן גענומען אויף זיך די באַבילאָנישע פּריסטערס, וועלכע האָבן געגלייבט, אַז זיי זיינען אימשטאַנד צו באַשטימען דעם גורל פון מענטשן, פון שטעט, פעלקער און מלוכות לויט דעם גאַנג פון די שטערן אין הימל, וועלכע זיי פלעגן אָבסערווירן פון זייערע הויכע טורעמס. פון באַבילאָניע (בבל) איז דאָס דאָזיקע פאָרויס־זאָגן די צוקונפט אַריבערגעגאַנגען, ווי די באַבילאָנישע רעליגיעזע קולטור בכלל, קיין כנען, נאָך פאַר דער תקופה פון דער ישראלדיקער קאָלאָניזאַ־ציע. דאָ, אין די אַלטע הייליקע שטעט האָט דער כוהן געהאָט די אויפגאַבע

פֿאַרויסצוזאָגן די מענטשן פֿון פֿאָלק, וואָס פֿלעגן זיך צו אים ווענדן, זייער גורל און זייער צוקונפֿט. אַהער פֿלעגן קומען די עלטסטע פֿון די שבטים צו פֿרעגן, צי וועט זיי גאָט צושיקן אַ נצחון אין דער מלחמה מיטן שונא. אַהער פֿלעגט די דאָרפֿישע געמיינדע שיקן אירע פֿאָרשטייער פֿרעגן, וועמען זאָל זי אויסקלייבן (אָדער לויט איר השגה — וועמען האָט שוין גאָט פֿאַר איר אויסגעקליבן) פֿאַר אַן אָנפֿירער. אַהער צו פֿלעגט אויך קומען דער פּאַסטעך צו פֿרעגן וועגן זיינע פֿאַרבלאָנדזשעטע שאָף.

נאָך דעם ווי די שבטים פֿון ישראל האָבן געהאַט איינגענומען דאָס לאַנד האָבן זיי איבערגענומען ביי די פֿריערדיקע איינוווינער אויך די הייליקע שטעט מיט זייער רעליגיעזן קולט, וועלכער איז געווען פֿאַרבונדן מיט דער ערדאַרבעט און מיט די פּרימיטיווע פֿאָרמען פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. אויפֿן אַלטצייטיקן שטייגער האָט איצט אויך דער ישראלדיקער כּהן פֿאָרויסגעזאָגט פֿאַר פֿאָלק און מענטש די צוקונפֿט אויפֿן שטייגער פֿון גריכישן אָראַקול, באַנוצנדיק דערצו דעם געהייליקטן פֿאַנצער, דעם חושן אָדער די אורים ותומים, אין וועלכן עס זיינען געווען איינגעפֿאַסט 12 פֿינקלדיקע פֿאַרשיידנאַרטיקע און פֿאַרשיידנפֿאַרביקע ברילִיאַנטן לויט דער צאָל פֿון די ישראלשע שטאַמען.

אַ טיפֿער אָפּגרונט איז געלעגן צווישן די פֿאַרמעלע גורל־טרעפֿונגען פֿון די כּוהנים און צווישן דער פֿאָלקס־פּסיכאָלאָגישער פֿאַרשטענדעניש און שפּירזאַמקייט פֿון די נביאים, וועלכע האָבן זיך ניט פֿאַרשלאָסן אין זייערע טעמפּלען, נאָר געלעבט אין פֿאָלק און מיטן פֿאָלק, אַרויסגעטראָטן אַלס זיינע ראַטגעבער און קעמפֿער פֿאַר זיין פֿרייהייט, פֿאַר זיינע טאָג־טעגלעכע אינטערעסן.

דאָס פֿאָלק האָט, אמת, פֿון פֿאַרצייטן גערופֿן דעם נביא „רואה״ — „זעער״, אָבער דאָס איז געווען אַ זעונג פֿון אַ גאַנץ אַנדער אַרט, אַ פּראָגנאָז פֿון אַ פֿאָלקס־דענקער און וואָרטזאָגער, וואָס האָט געהאַט הינטער זיך רעאַלע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע יסודות.

דער נביא איז ניט געווען, ווי עס זעען אים טעאָלאָגן און קורצזיכטיקע היסטאָריקער, קיין איינצלנער, אינדיווידועל, פֿאַרזיכדיק דערשיינענדיקער יחיד. ער איז אויך קיין מאָל ניט געווען קיין אויבערמענטש, וואָס לייכט

אויף ווי אַ שטערן אין דער כלומרשטיקער וויסטעניש פון אַרומיקן לעבן. הינטער אים און דורך אים אַנטוויקלט זיך אַ פאָלקס־באַוועגונג. עס באַשטייט אַן אינטערעסן־שותפות צווישן דער נביאישער באַוועגונג, וואָס ווערט דורך אים רעפרעזענטירט, און צווישן די פאָלקסמאַסן. ער איז אַ פאָלקס־רעדנער און אַ פאָלקס־קעמפער, וואָס טרעט אַרויס מיט זיינע פאָדערונגען עפנטלעך אויף די מערק, ביי די שטאָט־טויערן און אין די הייפן פון די טעמפלען.

נאָך מער, — עס עקסיסטירט אין יעדן דור פאַר איינס אַ גרעסערע צאָל נביאים (להקת נביאים) און אַ נביאישע יוגנט (בני־נביאים), וועלכע ווערט דערצויגן, ווי שפעטער די תלמידים פון די לערנהייזער, צו פאָליטישע אַרויסטרעטונגען, נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע. אין די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען ווערט ניט נאָר אַרויסגעזאָגט די נביאישע באַציונג צו די לויפנדיקע געשעענישן און צו דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג פון שטאַנדפונקט פון די פאָלקס־אינטערעסן, נאָר עס ווערן ביי יעדער געלעגנהייט אויפגעקלערט די יסודות פון אַן אוניווערסאַלער, אַלגעמיין־מענטשלעכער וועלט־אַנשויונג, פון וועלכער עס דרינגען אַרויס די געפאָדערטע און מיט התלהבות פאַרטיידיקטע מענטשלעכע האַנדלונגען און באַציונגען, אויף וועלכע עס באַזירן זיך די באַשולדיקונגען קעגן די שלעכטע און גרויזאַמע און דער פּראָגנאָז פון אַן אַנדערער, בעסערער און ערלעכערער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואָס וועט קומען.

עס איז ניט שטענדיק לייכט דעם שטודירער פון דער נביאישער ליטעראַטור אַרויסצופּלאָנטערן זיך פון דער נעץ פון נביאישע פאָרויסזאָגונגען, אַנטפּלעקונגען, וווּנדער־מאַכעריי, דראָונגען, קללות, וואָרענונגען און טרייסט־רעדעס און צו זען זייערע געזעלשאַפטלעכע אַרויסטרעטונגען אין ריאַלן געזעלשאַפטלעכן ליכט. דער שטודירער דאַרף אָבער, פאַרטיפנדיק זיך אין די רעליגיעזע פאָרמען פון דער פאַרצייטיקער קולטור מיט אירע אָבערגלויבנס און מיסטעריעס, גוט פאַרשטיין, אַז דער נביא האָט זיך געמוזט רעכענען מיט די גלויבונגען פון זיין צייט, מיט דער פסיכאָלאָגיע פון די דעמאָלטיקע מאַסן און מיט דעם דעמאָלטיקן צושטאַנד פון דער ציוויליזאַציע, וואָס איז געווען באַווירקט דורך עגיפּטישע, אַשור־

רישע, בבלישע און אַראַמישע טראַדיציעס, כדי ער זאָל זיין אימשטאַנד דורכצוברעכן די דיקע שיכט פון פאַלשע פאַרשטעלונגען און כדי צו גע־ווינען דעם צוטרוי פון פאָלק.

עס גייען אָבער אויף אומוועגן און ווערן פאַרפירט יענע נבואה־פאַרשער, וועלכע באַטראַכטן די נביאים פון ריין רעליגיעזן און ניט פון סאָציאַלן שטאַנדפונקט.

פון סאָציאַלן שטאַנדפונקט זעט דער נביא אויס גאַנץ אַנדערש. ער איז אין שורש אַן אַקטיווער, פּיאָנערישער, גייסטיקער פירער פון דער פאָלקסמאַסע פון זיין לאַנד און פון זיין צייט. ער איז אַ ווייטזעעוודיקער פּאַטריאָט און אַן אומדערמידלעכער קעמפער פאַרן אמת און גערעכטיקייט, און די אמונה, ניט די פאָרמעלע און קאָנווענציאָנעלע, וואָס דריקט זיך אויס אין קרבנות און תפילות, נאָר די אינדיווידועל פּאַרטיפּטע און אויפ־ריכטיקע איז די אינעווייניקסטע טרייבקראַפט פון זיינע אַרויסטרעטונגען.

אין דעם פּרט באַטראַכטן זיך די נביאים אַלס יהוהס שליחים. זיי זיינען טיף איבערצייגט און אָפט קומען זיי צו דער איבערצייגונג אויפן וועג פון וויזיעס און חלומות, בעת וועלכע עס קומט זיי פאָר — דערהויפּט ביי משהן און ביי די עלטערע נביאים — אַז בשעת אַזאַ חלום אָדער וויזיע האָט זיך יהוה צו זיי אַנטפּלעקט, האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט אַ באַשטימטע שליחות, האָט זיי געזאַלבט, ווי מען זאַלבט אַ קעניג, פאַר אַ לעבנסלאַנגער טעטיקייט אין זיין נאָמען.

דאָס אויפקומען פון דער דאָזיקער אַקטיווקייט ביי יעדן איינצלנעם נביא, די אַזוי גערופענע אַנטפּלעקונג פון דעם נביאישן גייסט, דאַרף, נאָך אונדזערע היינטיקע השגות, פאַרשטאַנען ווערן אַלס אינספּיראַציע, אַלס צייטיקונג פון אַן אינעווייניקסטער טרייבקראַפט, ווי זי איז גוט באַקאַנט פּאָליטישע עסקנים, דיכטער, קולטור־טוער און קינסטלער פון אַלע צייטן. אונטער דער ווירקונג פון אויסנווייניקסטע אומשטענדן, אונטער דעם שטאַרקן איינדרוק פון נויטן און פון עוולות, וועלכע ווערן מיט אַ טיפער עמפּינדלעכקייט אויפגענומען דורך דעם נביא, דערוועקט זיך אין אים די הצטרכות אַרויסצוגיין פון זיינע פיר איילן, צו אַנטשליסן זיך צו טואונגען און אַרויסטרעטונגען, צו גיין קעגן שטראָם, צו באַקעמפן דעם עקסיסטי־

רנדיקן שלעכטן סדר. דאָס איז דער אויפקום פון רעוואָלוציאָנערן אַקטי־וויזם, וועלכער דערשיינט, בפרט ביי מענטשן מיט אַן אָריענטאַלישן כאַראַק־טער, מיט אַ שטאַרקער וואַרעמקייט, עמאָציאָנעלקייט און עקסטאַז.

דער דאָזיקער דרייסטער און אָפנהאַרציקער צוגאַנג פון די נביאישע וואָרטזאָגער צו מאַכטפולע הערשער און מלכים איז ניט געווען קיין צופע־ליקע דערשיינונג. זיי האָבן געהאַט זייער לאַנגיאָריקע — איך וואָלט געזאָגט רעוואָלוציאָנערע — טראַדיציעס. מיר האָבן זיי געזען ביי די אַרויס־טרעטונגען פון משהן פאַר דעם הערשער פון מצרים. מיר האָבן זיי געזען דערנאָך אין דעם נביא שמואלס און דעם נביא אליהוס אָפענער און פּרינ־ציפּיעלער קריטיק פון קעניגטום און אין זייערע אַרויסטרעטונגען פאַר די קעניגן פון יהודה און ישראל.

אַזוי דאַרף פאַרשטאַנען ווערן, אַ שטייגער, אויך דער באַשלוס משהס צו שטעלן זיך אין דער שפּיץ פון דער באַוועגונג פאַר דער באַפרייונג פון זיין שטאַם פון דער מצרישער שקלאַפעריי: ער פּיטערט די שאָף פון יתרו זיין שווער און גייט מיט זיי אַרויס אין די ווייטענישן פון מדבר. זיינע געדאַנקען זיינען באַלאָדן מיט דער שווערער אומדערטרעגלעכער לאַגע פון זיינע פאַרקנעכטיקטע ברידער. עס דערוועקט זיך אין אים דער שטאַרקער ווילן זיי צו העלפן, צו דערשלאָגן זיך זייער באַפרייונג, און דאָ דערזעט ער אַ דאָרן־בוים, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן פון די פלאַמיקע שטראַ־לן פון דער זון. לויט אַלטע טראַדיציעס גלייבט ער אין דער הייליקייט פון פייער [3] און זעט אין דעם ברענענדיקן דאָרן־בוים אַ געטלעכן רוף און געטלעכע בענטשונג צו זיין פאָלקס־אַרבעט. ער הערט פון פייער־אַרויס ווי אַ באַפעל: „איך האָב געזען די פּיין פון מיין פאָלק וואָס אין מצרים און איך האָב געהערט זייער געשריי קעגן זייערע אונטערדריקער, איך וויס זייערע שמערצן... טאָ גיי איצט, איך שיק דיך צו פרעהן, און פיר אַרויס מיין ישראל־פאָלק פון מצרים״.[4]

[3] דאָס אָנצינדן פייער אויפן מזבח, דאָס צינדן ליכט אין טעמפּל איז געבליבן אַ טראַדיציע אויף לאַנגע דורות און האָט זיך טיף איינגעקריצט אין די השגות פון פאָלק.

[4] שמות ג, 7, 10.

ווי יעדע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט אויך די נביאישע באַוועגונג ניט געקאָנט בלייבן פאַראייניזאַמט, פאַרשלאָסן אין איר געדאַנקען־וועלט. די נביאים האָבן זיך אין אַלע צייטן געניטיקט אין אַ ברייטערן קרייז פון נאָכפאָלגער, וואָס זאָלן טראָגן זייערע אידייען אין פאָלק, דעם אמתן פאַר־ווירקלעכער פון אַלע אידייען. זיי האָבן געמוזט צוציען און דערציען אַנדערע צו געוואַגטע און אַנטשלאָסענע טואונגען.

אַזוי האָט דער נביא אליהו אַרויסגערופן צו נביאישער אַקטיווקייט זיין תלמיד און נאָכפאָלגער אלישע בן שפט, געבראַכט אים, ווי טעאָלאָגן וועלן זיך אויסדריקן, צו זיין אַנטפּלעקונג. ווי עס ווערט דערציילט, איז אליהו געקומען אין דאָרף, ווו אלישע איז געווען פאַרנומען מיט אַקערן דאָס פעלד. אַ געשפּאַן פון 12 אָקסן גייט פאָרויס איבערן פעלד און ער פירט דעם צוועלפטן געשפּאַן, און אליהו וואַרפט אויף אים זיין מאַנטל, און אלישע לאָזט איבער דעם געשפּאַן, לויפט צעקושן זיך מיט פאָטער און מוטער און לאָזט זיך גיין מיט אליהון און דינען אים.[5]

ביי יעדער קריטישער פּאָליטישער לאַגע, אַפילו ווען זי פלעגט זיך ענדיקן מיט אַ פולער קאַטאַסטראָפע, מיט אַן אָקופּאַציע פון לאַנד דורך פיינטלעכע כוחות, איז דער נביאישער וואָרטזאָגער קיין מאָל ניט אַריינגעפאַלן אין קיין פעסימיסטישער שטימונג. ער האָט, אמת, אין טראַגישע, האַרצרייסנדיקע אויסדרוקן געוואָרנט וועגן דער פאַרשטייענדיקער קאַטאַסטראָפע אָדער באַקלאָגט זי, ווען זי איז שוין געשען. ער האָט אומברחמנותדיק אויפגעדעקט יעדעס מאָל די טיפע ווונדן פון לאַנד, די ליידן פון דער פאַלש אָריענטירטער געזעלשאַפט, ער האָט קלאָר און דייטלעך געהאַט אויפגעקלערט די סיבות פון דעם פּאָליטישן קראַך, האָט דרייסט און אָפן אָנגעוויזן אויף די שולדיקע, — ער האָט אָבער קיין מאָל ניט געשעדיקט, ניט אונטערגעגראָבן דעם בטחון און די האָפענונג פון פאָלק אויף בעסערע צייטן, אויף דערלייזונג. דאָס פאָלק וועט ניט אונטער־גיין, ער וועט פאַרריכטן די באַגאַנגענע פעלערן, ער וועט לערנען פון די

[5] מלכים א׳ י״ט. 19—20.

גרייזן פון זיינע הערשער. ער ווייס, אמת, באַצאָלן אַ שווערוואַגיקן רבי־געלט, ער וועט אָבער אַרויסגיין אויפן וועג פון גערעכטיקייט.

שילדערנדיק פאַרן פאָלק דאָס ליכטיקע בילד פון דער געגאַרטער צוקונפט אין רעאַליסטישע, אין קינסטלערישע, מוסטערהאַפט אָנגעוואָרפענע פאַרבן, האָט דער נביאישער וואָרטזאָגער געוועקט יעדעס מאָל אין דער פאָלקסמאַסע דעם אומבאַזיגבאַרן ווילן אויסצוקעמפן זיך אַ בעסערע צוקונפט אָדער אויסוואַרטן מיט געדולד בעסערע צייטן, ניט קוקנדיק אויף אַלע פאַרפאָלגונגען און געפאַרן.

און ווען עס פלעגט אויסברעכן אין לאַנד אַן אויפשטאַנד קעגן דער אומגערעכטער מלוכה־אָרדענונג, פלעגן זיך די נביאים שטעלן אָפט אויף דער זייט פון די אויפשטענדלער און מוטיקן זיי צו זייער פאָזיטיווער אויפגאַבע — צו ברעכן די באַנקראָטירטע מלוכה־מאַכט.

עס זיינען געווען אויך צייטן, אין וועלכע די געזעלשאַפט איז נאָך ניט גרייט געווען אויפצונעמען די נביאישע אידייען און דער נביא, אַלס איר טרייער וואָרטזאָגער, איז געצוווּנגען געווען צו ריידן מילד, פאַרזיכטיק, צוריקגעהאַלטן. אַזוי אַנטפּלעקט זיך, אַ שטייגער, יהוה צו שמואלן אין דעם טונקעלן ווינקל פון דעם שילה־טעמפּל „איידער דאָס געטלעכע ליכט איז אויסגעלאָשן". עס קומט אָבער די צייט, ווען דער נביא טרעט אַרויס פאַר ברייטע פאָלקסמאַסן, ווען די אַקטועלע פּאָליטישע געשעענישן פון דער צייט פאָדערן אים אויף צו זאָגן זיין וואָרט ניט נאָר ביי די טויערן פון ירושלים און שומרון, נאָר ניט ווייניקער אויך ביי די טויערן פון נינוה און בבל.

בשעת זיינע אַרויסטרעטונגען גלייבט דער נביא, גלייבן זיינע אָנהענגער, וואָס שטייען הינטער אים, אַז דאָס לאַנד וועט זיין גליקלעך, ווען די אָנפירונג וועט איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון אַן אויסדערוויילטן בראָוון און באַשיידענעם פאָלקס־פירער. אָפט מאָל שטייען דער נביא און זיינע אָנהענגער אויך אַנטוישטע און צאָרנדיקע פאַר אַן אינעווייניק צעלייגטער און נאָך אויסן אוממעכטיקער געזעלשאַפט, וואָס קאָן ניט געפינען איר תיקון אין איר אַלטעגלעכקייט. זי מוז צעשטערט ווערן פריער און ערשט אויף אירע רואינען וועט קאָנען אויסוואַקסן אַ נייער, אַ בעסע־

רער און גערעכטער מלוכה־סדר. דער נביא זאָרגט שוין דאַן כלל ניט דערפאַר, וואָס די טעריטאָריאַלע גרענעצן ווערן ענגער, וואָס אדום רייסט אָפּ שטעט און דערפער ביים יהודה־לאַנד און אַרם ביי ישראל. ער האָט שוין אויסגעווייטיקט די טראַגיק פון דער רעאַלערווירקלעכקייט און האָט זיך איינגעלעבט מיט דעם געדאַנק, אַז דאָס איז געשען, אַז אין דעם באַשטייט דער אָנזאָג פון דעם גרויסן יהוה־טאָג, וואָס קומט אָן, וואָס מוז אָנקומען.

דער יהוה־טאָג אין דער פאָרשטעלונג פון די פּאָליטישע נביאים, דאָס איז דער טאָג פון העכסטער אָנזאַמלונג פון מענטשלעכע ליידן, פון איין זייט, און הערשערישער אכזריות, פון דער צווייטער זייט, — דער טאָג, וואָס מוז אָנקומען און צייטיקן דעם גרויסן דורכברוך, דעם גרינטלעכן שינוי אין די מענטשלעכע באַציונגען, עפּעס טיר און טויער אין דער וועלט פון גערעכטיקייט. דאָס איז דער קלאַסישער נוסח פון די חבלי־משיח פון די שפּעטערדיקע דורות, די דורות פון מקובלים, די משיח־ליידן, וואָס דאַרפן פאָרויסגיין פאַרן קומען פון משיחן, דעם דערלייזער פון פאָלק און מענטש.

ביז וואַנען דאָס וועט געשען וועט זיך דאָס לאַנד, ווי אַלע אַנדערע היימען פון די ליידנדיקע פעלקער, מוזן געפינען אין שטענדיקן שפּיל פון פּאָליטישע וועלט־כוחות און עס האָט ניט קיין זין צו וואַרפן זיך מיט זיי אין אַן אומגלייכן, אָפּעגעם קאַמף ביי אומגינסטיקע באַדינגונגען.

די נביאישע באַוועגונג פאַסט, פאַרשטייט זיך, נאָך ניט אויף דיאַ־לעקטיש און קלאָר די געזעצן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, וואָס דאַרפן פירן צו די גרינטלעכע ענדערונגען אין די מענטשלעכע באַציונגען. ווי אַלע שפּעטערדיקע אוטאָפּיסטן, איז דער נביא תופס די געשעענישן פון זיין צייט און סביבה עטיש און עמפּיריש, ער גייט צו זיי צו מיט אַ קלאָרן און דערהויבענעם געפיל און מיט אַ ווייטזעעוודיק אויג און ער קומט צום סוף צו די זעלביקע אויספירן ווי די שפּעטערדיקע דיאַלעקטיקער און היסטאָרישע מאַטעריאַליסטן. דער גרויסער חילוק באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס די נביאישע באַוועגונג ווייסט נאָך נישט אָנצוווייזן, ווי עס וועט דורכגעלייגט ווערן די בריק איבערן תהום פון די געזעלשאַפטלעכע קאָנפליקטן.

*

אַן אומאונטערבראָכענע קייט פון נביאישע וואָרטזאָגער האָט זיך געצויגן דורך דורות. זי האָט געהאַט איר טראַדיציע, איר המשך, איר אייגנאַרטיקן אויסדרוק, מען קאָן זאָגן — איר פּראָגראַם. די נביאישע באַוועגונג האָט געהאַט אין יעדער צייט אירע אָנהענגער אין פאָלק, וועמענס אינטערעסן זי האָט אויסגעדריקט און האָט זיך געצויגן פּאַראַלעל צו דער שערענגע פון די קעניגן. הערשאַפט און קעגנהערשאַפט זיינען גע־גאַנגען האַנט ביי האַנט.

ניט די טעטיקייט פון אַלע נביאים איז אָבער געבליבן באַקאַנט ביז אונדזער צייט. אין צייטן פון פּאָליטישן טעראָר זיינען מאַסנווייז אויס־געשאָכטן געוואָרן פיל נביאים. זיי פלעגן זיך אויסבאַהאַלטן אין די היילן, און פאָלקסמענטשן פלעגן זיי ברענגען אויף אַ געהיימען אופן שפּייז.

ביי אַזעלכע אומשטענדן האָבן די נביאים אָפט ניט געקאָנט אַרויס־טרעטן עפנטלעך פאַרן פאָלק און זייערע נאָכפאָלגער זיינען ניט געווען אימשטאַנד צו פאַרשרייבן זייערע רעדעס, אָדער די פאַרשריבענע רעדעס זיינען צום טייל פאַרניכטעט געוואָרן דורך די מאַכטהאָבער.

יעדנפאַלס, דאַרף זיין קלאָר, אַז גרויסע תקופות אין פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון פאָלק האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אַקטיוון, עכט רעוואָלוציאָנערן אַרויסטרעטן פון די נביאים, אַז עס איז אין אַ גרוי־סער מאָס דערהאַלטן געוואָרן זייער אַרט רעאַגירן אויף פאַרשיידענע עוולות און פאַרברעכנס, אַז עס איז ניט פאַרשוויגן געוואָרן און אַז עס האָט הילכיק געקלונגען דורך דורות און יאָרהונדערטער דער דרייסטער קול פון זייער פּראָטעסט, פון זייער אויפקלערונג און פון זייער שאַרפער קריטיק איבער דער פּאָליטיק פון גוואַלט.

מעג די ביבל האָבן רעדאַקטירט געוואָרן שפּעטער דורך מעסיקע, טעאָלאָגיש געפאַרבטע שרייבער און רעדאַקטאָרן, מעגן אין איר — אַ דאַנק דורות־לאַנגע פאַרפאָלגונגען און קאַטאַסטראָפעס — אין בהלה

צוזאַמענגעבראַכט ווערן היסטאָרישע און ליטעראַרישע שאַפונגען פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער, — בלייבט זי אין איר גרעסטן און חשובסטן טייל באַשטראַלט דורך דער נביאישער וועלט־השקפה. זי שטעלט מיט זיך פאָר דעם בעסטן און אויסדרוקפולסטן גייסטיקן דענקמאָל פון דער נביאישער באַוועגונג. זי איז דער איינציקאַרטיקער אויסדרוק פון קאָלעקטיון נביאישן שאַפן און קאַמף.

די נביאים זיינען געווען אויסגעשפּראָכענע פּרינציפּיעלע קעגנער פון מלחמה און פון יעדער בלוט־פאַרגיסונג. קריטיקירנדיק שאַרף די פּאָליטיק פון כוח פון די גרויסמאַכטן פון זייער צייט, האָבן זיי ביי יעדער געלעגנהייט אָנגעוויזן אויף דער הינטערשטעליקייט און פאַרגענגלעכקייט פון יעדן נצחון, וועלכער ווערט דערגרייכט מיט דער שווערד. דער נביא פלעגט אויפמונטערן אין זיינע אַרויסטרעטונגען די שוואַכע, וואָס זיינען באַזיגט געוואָרן דורך אַ ברוטאַלער פיזישער קראַפט און האָט פאָרויסגעזען פאַר זיי אַ גליקלעכע צוקונפט, בעת עס וועט זיגן ניט די שווערד פון דעם שטאַרקן, נאָר דער אמת און די גערעכטיקייט.

אויך די נעגאַטיווע באַציונג צו די קרבנות פון געשאָכטענע רינדער און שאָף אין טעמפּל, וועלכע מיר געפינען ביי די נביאים, דערקלערט זיך מיט זייער קעגנערשאַפט צו בלוט־פאַרגיסונג, אין דעם אויך צו די צוועקן פון רעליגיעזן קולט. עס איז אויך מעגלעך, אַז אַ דאַנק דער נביאישער ווירקונג און פאָדערונג זיינען אין דער שפּעטערדיקער פּריסטערלעכער געזעצגעבונג, אין תורת־כוהנים, איינגעפירט געוואָרן מעל־ און ברויט־קרבנות, דערהויפּט פאַר די וויניק פאַרמעגלעכע שיכטן פון פאָלק.

אין קעגנזאַץ צו די מלכים, וואָס זיינען פאַרטאָן געווען מיט מלחמות און אומאויפהערלעכע זאָרגן צו פאַרשטאַרקן זייער מיליטערישע קראַפט, האָט דער נביא געזען אין זיינע צוקונפט־וויזיעס אַ וועלט פון סטאַבילן שלום, ווו אין דער שפּיץ וועט שטיין ניט דער קעניג, דער מלחמה־פירער און בלוט־פאַרגיסער, נאָר „אָט וועט אָנקומען דיין קעניג, אַ גערעכטער און אַ געהאָלפענער איז ער, אַן אָרעמער און רייט אויף אַן אייזל און אויף אַ מוילאייזל, און איך וועל אָפּשאַפן (מיליטערישע) רייטוואָגנס פון אפרים און פערד פון ירושלים און עס וועט אָפּגעשאַפט ווערן דער מלחמה־בויגן,

און ער (דער קעניג) וועט פאַרליִיגן שלום די פעלקער און ער וועט גע־הוועלטיקן פון ים צו ים און טייך [6] ביז צו די עקן פון דער וועלט״.[7]

*

אַזוי קאָנען מיר אונטערפירן דעם סך־הכל וועגן דעם באַגריף „נביא״ און דרייסט זאָגן, אַז דער נביא איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכער טוער און פּאָליטישער קעמפער, אַ פרײדיקער פון פאָלקס־רעכט און גערעכטיקייט, אָבער אַז די מאָראַלישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע אידייען, וועלכע ער האָט פאַרשפּרייט אין פאָלק, לטובת וועלכע ער האָט אויסגעבויט אַ פאָלקס־באַוועגונג, האָט ער ניט צוגעשריבן זיך אַליין. ער האָט די דאָזיקע אידייען ניט אויפגעפאַסט אַלס אַ פּראָדוקט פון זיין אינעווייניקסטן סאָציאַלן און עטישן באַוואוסטזיין, נאָר אַלס אַן אינספּיראַציע פון אַן אַבסטראַהירטן געט־לעכן כוח, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין אים און צו אים און וועמענס שליחות ער דערפילט זיין גאַנץ לעבן.

אין קעגנזאַץ צו די יידישע און קריסטלעכע טעאָלאָגן זעען מיר די נביאים לחלוטין אַלס סאָציאַלע דענקער און קעמפער.

דער היינטצייטיקער מענטש באַפרייט זיך פון דעם גאַנצן נעפּל, מיט וועלכן עס האָט פאַרטונקלט זיין אינטעלעקט די טעאָלאָגישע דערציונג און די טעאָלאָגישע באַלייכטונג פון דער יידישער פאָלקס־געשיכטע אין משך פון פיל דורות, ביז צום היינטיקן טאָג. ער איז תופס דעם נביא און זיין לערע אין סאָציאַלן ליכט פון זיין צייט.

[6] די כוונה איז צו דעם טייך פרת (יעופראַט) אָדער נילוס

[7] זכריה ט, 9—10.

2. דער יהוהיזם אָדער מאָנאָטעיזם — די גרונט־אידייע פון דער נביאישער באַוועגונג

דער יהוהיזם, דער גלויבן אין יהוה, אָדער דער מאָנאָטעיזם, דער גלויבן אין איין איינציקן גאָט, איז דער פּרינציפּיעלער יסוד פון דער נביאישער וועלט־השקפה און פון דער נביאישער באַוועגונג. דאָס איז געווען די רעוואָלוציאָנערע אידייע פון איר צייט. זי האָט זיך אין משך פון דורות געשלייפט, פאַרטיפט, אַנטוויקלט און אָפט אויך ניט ווייניק פאַרגרייזט.

די רעוואָלוציאָנערע מהות פון יהוהיזם איז באַשטאַנען אין דעם וואָס זי האָט, אין קעגנזאַץ צו די דעמאָלט עקסיסטירנדיקע נאַטור־רעלי־גיעס, וואָס האָבן זיך בהכנעה געבויגן פאַר די סטיכישע כוחות פון דער נאַטור און זיי פּערזאָניפיצירט אין אַלערליי בילדער און געשטאַלטן, האָט דער יהוהיזם אויסגעבויט דעם באַגריף פון אַ סאָציאַלער רעליגיע. דער יהוהיזם האָט פּראָקלאַמירט דעם גלויבן אין אַן אַבסטראַהירטער גייסטיקער קראַפט, וואָס רעגולירט די דערשיינונגען פון דער נאַטור און די האַנדלונגען פון מענטשן, וואָס שטייט העכער איבער אַלע מענטשלעכע הערשער און וועלכע באַוואַכט די גערעכטע אינטערעסן פון פאָלק, היט אָפּ די יסודות פון גערעכטיקייט און שלום אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

עס איז גאַנץ נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך, אַז די יהוה־אמונה, אין איר ערשטער געשטאַלט, איז געבוירן געוואָרן אין דער וויסטעניש, ווו דער מענטש געניסט אַזוי ווייניק פון די גאָבן פון דער אָרומיקער נאַטור און האָט געקאָנט בעסער זיך דערהייבן צו דעם באַגריף פון אַן אַבסטראַקטן גאָט אַלס סימבאָל פון הערשאַפט איבער דער נאַטור און מענטש, אַלס שורש פון דער וועלט־געזעצלעכקייט און סאָציאַלער שותפות פון מענטשן.

ניט אין בילדער און סטאַטועס, ניט אין מזבחות אויף די גרינע הויי־

כענישן, נאָר אין דער טיפער שטילקייט פון דער וויסטעניש ווערט אָב־סערווירט און אַנטפּלעקט זיך די מהות פון יהוה.

דער לבוש פון פייער, אין וועלכן די פאָרשטעלונג פון יהוה האָט זיך צום אָנהייב נאָך געקליידט בעת דער וויזיע פון דעם ברענענדיקן דאָרן־בוים און דעם פלאַמיקן סיני־באַרג, ווערט שפּעטער איבערוווּנדן.

דער יהוהיסטיש־מאָנאָטעיסטישער באַגריף ווערט סאָציאַל געלייטערט און באַפרייט זיך לאַנגזאַם פון געצנדינערישע רעשטן.

ניט דער קולט פון קרבנות, ניט דאָס פייער אויפן מזבח פון טעמפּל, אַפילו ניט דאָס שאַבלאָניקע געבעט פון דעם גלייביקן גילטן אַלס אויס־דרוק פון דער אמתער אמונה, נאָר דאָס ריינע האַרץ, דאָס טאָן גוטס מענטשן, דאָס ערלעכע לעבן פון יחיד און כלל, די איינפירונג פון אַ גע־זעלשאַפטלעכן סדר, אין וועלכן עס זאָלן ניט זיין קיין רויבער און קיין באַרויבטע, קיין הונגעריקע און נויטבאַדערפטיקע, אין וועלכן די גלייכ־קייט און די קעגנזייטיקע מענטשלעכע פאַרשטענדעניש זאָלן זיך אויס־ברייטערן „ווי דאָס וואַסער, וואָס פאַרדעקט דעם ים״.

עס איז אויך ניט קיין צופאַל, וואָס די לערע פון יהוהיזם אָדער מאָנאָטעיזם און דער קאַמף פאַר אים אַלס יסוד פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט האָט געפונען זיין אויסבילדונג אין קולטור־לעבן פון אַ קליין פאָלק, וואָס זיין לאַנד איז געווען אַרומגערינגלט דורך די גרויסמאַכטן פון דער אַלטער צייט און וועלכער האָט זיך אויפן אייגענעם טראַגישןביישפּיל געקאָנט טאָג־טעגלעך איבערצייגן אין דער גרויזאַמקייט און פאַר איינס אויך הינטערשטעליקייט פון דער פּאָליטיק פון כוח. גרויסמאַכטן, ווי אַסיריע (אשור), באַבילאָניע (בבל), עגיפּטן (מצרים) און שפּעטער פּער־סיע (פרס), גריכנלאַנד (יוון) און רוים (רומי), זיינען אויפגעקומען, גע־הערשט, געראַנגלט זיך בלוטיק איינע מיט דער אַנדערער און אין קאַמף פאַר דער הערשאַפט זיינען געפאַלן און צעשמעטערט געוואָרן ריזיקע אימפּעריעס.

אַלס פּראָטאָטיפּ פון זייער ערדישן געראַנגל האָבן זיי פאָרגעשטעלט אויך דעם פאַנטאַזיע פון זייערע געטער, ווי איבערמענטשלעכע ריזיקע קעמפער, וואָס באַוועלטיקן איינער דעם אַנדערן נאָך בלוטיקע קאַמפן און

טײַלן צווישן זיך די וועלט־הערשאַפט, ווי די ערדישע הערשער די אײנצלנע לענדער.

אַלס פּראָטעסט און רעאַקציע קעגן דער הינטערשטעליקער אויפפאַסונג פון דער רעליגיע אַלס אויסדרוק פון ברוטאַלער קראַפט און דעספּאָטישער הערשאַפט, איז אויפגעקומען און זיך לאַנגזאַם אַנטוויקלט ביי די פּיאָנערישע פאָלקס־דענקער און גייסטיקע פירער פון ישראל, וואָס האָט אויף אַ נאַטירלעכן אופן ניט געקאָנט בויען זיין לעבן אויפן יסוד פון כוח, די אידייע פון איין גאָט פאַר שטאַרקע און שוואַכע, ווייטע און נאָענטע, אַ וועלט־גאָט, וואָס האָט געשאַפן די ערד פאַר אַלע מענטשן־קינדער און וועלכער רעגירט מיט דער וועלט ניט ווי אַ בלוטיקער טיראַן, נאָר ווי אַ פאָטער, ניט מיט קראַפט, נאָר מיט גערעכטיקייט און רחמים.

יהוה ווערט, אמת, די ערשטע צייט אויפגעפאַסט דורך די נביאים ווי אַן אויסשליסלעך נאַציאָנאַלער גאָט פון ישראל. ער טאָלערירט נאָך די עקסיסטענץ פון נאַטור־אמונות אין אַנדערע לענדער אַחוץ ארץ־ישראל, ער אַנערקענט, אַזוי צו זאָגן, זייער צייטווייליקע אויטאָנאָמע הערשאַפט אין אַנדערע לענדער, איבער אַנדערע פעלקער. אָבער גאַנץ גיך דערהייבט זיך די נביאישע אידייע צו אַ העכערן, צו דעם העכסטן שטאַפּל. די סאָציאַלע אמונה פון יהוה ווערט פאַרשטאַנען אַלס אַן אוניווערסאַלע, אַלס אַ וועלט־אמונה, און אַלע נאַטור־רעליגיעס, ווו און וועלכע זיי זאָלן ניט זיין, ווערן אויפן שאַרפסטן אופן קריטיקירט און אָפּגעוואָרפן און פאַראורטיילט אַלס פאַלשע און פאַרפירערישע.

עס ווערט מיט פיל גייסטרייכקייט און לאָגיק אויפגעקלערט דער געדאַנק, אַז דער מענטש דאַרף אַנערקענען גאָט, אָבער ער קאָן ניט שאַפן מיט זיינע אייגענע הענט קיין גאָט, קיין פיזישע פאַרקערפּערונג זיינע.

עס איז ניט געווען קיין לייכטע זאַך פאַר די נביאים אָפּצורייסן די פאָלקסמאַסן פון דער נאַטור־אמונה, וועלכע איז געווען ענג געבונדן מיט די טאָג־טעגלעכע פּראָצעסן פון דער לאַנדווירטשאַפט און איז געווען אַנערקענט אַלס די מלוכהשע אמונה פון לאַנד. עס איז שווער געווען צו איבערצייגן דעם פּויער, אַז ניט דער בעל, דער גאָט פון פרוכטבאַרקייט,

וועמענס טעמפּלען און מזבחות זיינען געווען צעשפּרייט איבער אַלע הויכענישן פון לאַנד, אַז ניט ער שענקט די גערעטעניש דעם פעלד און וויינגאָרטן, און אַז ניט דורך קרבנות פון דעם בעסטן גוטס און האָב וועט דערגרייכט ווערן אַ געבענטשט יאָר. עס איז שווער געווען איינצופלאַנצן אין דער פויערן־מאַסע די נביאישע אידייע וועגן דער עקסיסטענץ פון אַ העכערער וועלט־מאַכט, וואָס רעגולירט די פּראָצעסן פון דער נאַטור און פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, אַ מאַכט, וואָס באַלוינט דעם גערעכטן און פאַרשאַפט ברויט דעם ערלעכן, און אַז פאַר גאָט ברויכט מען ניט אויסצוקויפן זיך מיט מתנות, ווי פאַר אַן ערדישן הערשער, אַז זיין גנאָד קומט פון זיך און גילט אַלס באַצאָלונג פאַר אַ גערעכטער מענטשלעכער אויפפירונג. אַרויסטרעטנדיק אַלס שליח פון גאָט, פון דער גערעכטיקייט, האָט דער נביא מאַניפעסטירט בעצם די קראַפט פון מענטשלעכן באַוווסטזיין, פון דער טיפער איבערצייגונג, וועלכע האָט זיך אין אים אויסגעאַרבעט אַלס רעזולטאַט פון רעליגיעזער אינספּיראַציע.

דער דאָזיקער רעליגיעז־פּסיכאָלאָגישער מאָמענט האָט געגעבן די נביאים אַ ריזיקע קראַפט אין זייערע געזעלשאַפטלעכע אַרויסטרעטונגען — אַ קראַפט, וואָס עס זיינען ניט געווען בכוח צו צעשטערן אָדער פאַרמינערן ניט די גלייכגילטיקייט פון אומבאַוווסטזיניקע מאַסן און ניט די גרויזאַמקייט פון דעספּאָטישע מלכים. גאָט איז פאַר זיי געבליבן אומגעענדערט, ביי אַלע אומשטענדן, דער קוואַל פון געזעלשאַפטלעכן אמת און יושר, דער שטראָפער פון יעטוועדער אונטערדריקונג און פאַרגוואַלטיקונג, און עס איז אַ באַזונדער שטאָלץ און ערע צו דערפילן זיין שליחות, ז׳עם געבאָט פון דער צייט. מעג אויסקומען דעם שליח אויסצושטיין יסורים און פיין, טאַדלעניש און רדיפות, איז העכסט כדאי מקריב צו זיין דעם פערזענלעכן ווילשטאַנד און דאָס לעבן פאַרן גליק פון פאָלק, פאַרן נצחון פון גערעכטיקייט און אמת אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

ניט אין הימל, אָפּגעזונדערט פון מענטש און פאָלק, אַנטפּלעקט זיך יהוה — לויט דער אויפפאַסונג פון זיינע אָנהענגער. ער עקסיסטירט אומעטום, ער לעבט צווישן מענטשן, זיין אומגעזען געזיכט אַנטדעקט זיך אין נאַטור און געזעלשאַפט. ער שטייט אויף דער וואַך פון דער וועלט, ער

העלפט אַרויס דעם שוואַכן און באַעוולטן, ער דערהייבט דעם דערנידע־ריקטן, שטאַרקט דעם געפּאַלענעם און רעכנט זיך אָפּ מיט דעם אונטער־דריקער, מיט דעם טיראַנישן הערשער, מיט דעם רשע. ער איז דער העכסטער ריכטער פון דער וועלט און זיין משפט איז שטענדיק גערעכט.

יהוה דערלייזט די וועלט פון אַגרעסיע און בלוט־פאַרגיסונג, און ווען אַפילו ער איז געדולדיק און לאָזט די גרויזאַמע ביז אַ צייט געוועלטיקן און אויספירן זייערע העסלעכע פאַרמעסטונגען, — אַלץ קאַטאַסטראָפאַלער וועט זיין זייער סוף און אַלץ קאַטעגאָרישער און שטרענגער וועט זיין דער אורטייל פון דער וועלט־גערעכטיקייט, וועלכע וועט זיי גרייכן.

יהוה דערשיינט אָפט מאָל אויך אַלס גאָט פון מלחמה, פון אַ גערעכטן נקמה־ און באַפרייונגס־קריג. ער באַגלייט דאָס פאָלק, וואָס קעמפט פאַר זיין פרייהייט, ער בענטשט די כלי־זיין, וואָס זיינען געווענדט קעגן פאַר־שקלאַפער און אָנפאַלער, ער שטעלט אַוועק די כוחות פון דער נאַטור אין דינסט פון מוטיקע פרייהייט־קעמפער. עס קראַכן אונטער זיין האַנט שטאַרקע און אומגערעכטע רעגירונגען, אונטערדריקער פון פעלקער, אָקופּאַנטן פון פרעמדע לענדער. ער שיקט דעם נצחון שוואַכע, ווייניקע אין זייער קאַמף קעגן מעכטיקע און פילצאָליקע. ער מאַכט צו שפּאָט די פּאָליטיק פון ברוטאַלער מענטשלעכער מאַכט. זיין ממשלה ברייטערט זיך איבער גאָר דער וועלט, ער איז דער קעניג איבער אַלע קעניגן, — דער קעניג פון דער וועלט. און אַפילו ווען ער איז אָפט געדולדיק און לאָזט צו, אַז די הערשאַפט פון גראָבער קראַפט, פון בלוט־פאַרגיסונג און אונ־טערדריקונג זאָל אַ צייט אָנהאַלטן, קומט אָן, מוז אָנקומען דער גרויסער „טאָג פון יהוה", ווען דאָס שלעכטס ווערט אויסגערוימט מיט יהוהס ריזי־קער שטראָפנדיקער האַנט, ווען עס פאַלן די שטאַרקע פעסטונגען, ווען עס ווערן צעשמעטערט אייזערנע רייטוואָגנס, און די נעכטיקע גרויסהאַל־טערישע הערשער און אונטערדריקער ווערן אָפּגעווישט פון דער וועלט. די פיזישע קראַפט פון דעם אונטערדריקער האָט ניט קיין קיום אויף לאַנגע צייטן. און אַפילו אין דער צייט ווען זי עקסיסטירט נאָך, איז זי אָפט מאָל ניט מער ווי אַ ווערקצייג אין יהוהס האַנט, „אַ שטעקן אין זיין צאָרנדיקן אָרעם", מיט וועלכן ער שלאָגט יענע, וועלכע האָבן פאַרדאָרבן זייער

לעבנס־וועג, אָפּגענייגט זיך פון גוטס און אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון זינד און פאַרברעכן.

יהוה האָט באַשאַפן די וועלט מיט אַלע אירע באַשעפענישן. ער איז דער פאָטער פון דער וועלט און אַלע מענטשן זיינען זיינע קינדער. ניט אין רעזולטאַט פון בלוטיקן קעגנזייטיקן קאַמף פון קאָנקורירנדיקע געטער איז באַשאַפן געוואָרן די ערד, ווי עס וויל זיך פאָרשטעלן די גריכישע מיטאָ־לאָגיע, נאָר אין פּראָצעס פון פּראָדוקטיוון און פרידלעכן געטלעכן שאַפן. די געשיכטע פון דער ביבלישער וועלט־שאַפונג, פון דער יצירה, איז באַ־שטראַלט דורך דער יהוהיסטישער, נביאישער לערע.

יהוהס האַנט האָט דעם מענטשן באַשאַפן און זי רעגולירט די מענטש־לעכע האַנדלונגען, פּירט אָן מיט די צווישנפעלקערלעכע באַציונגען, ווייזט אָן די וועגן פאַרן יחיד און כלל. דער גלויבן אין אים טרייסט און שטאַרקט, באַליכט די וועגן און עפנט פענצטער אין אַן אידעאַלער וועלט פון שלום און גערעכטיקייט, וואָס וועט אויסגעקעמפט ווערן און וועט קומען „אין סוף פון די טעג״.

שילדערנדיק אין אַלגעמיינע שטריכן דעם באַגריף פון יהוהיזם, ווי עס האָט אים אויסגעאַרבעט און אַנטוויקלט אין משך פון דורות די נביאישע שול, דאַרפן מיר געדענקען, אַז ער איז פּאַקטיש געווען און געבליבן אין אַלע צייטן אַ פּראָדוקט פון באַשטימטע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אַנט־וויקלונגען און האָט געדינט אַלס רעליגיעזער לבוש פאַר עקאָנאָמישע און פּאָליטישע ראַנגלענישן און פאַרן עקסיסטענץ־קאַמף פון אַ קליין פאָלק אין דער אַלטער וועלט.

דער נביאישער יהוהיזם האָט ניט נאָר אויסגעאַרבעט פּערספּעקטיוון און האָפענונגען פאַר אַ גערעכטער וועלט פון מאָרגן. ער האָט פּיקסירט אויך פּראַקטישע ריכטליניעס פאַר דער מלוכה־פּאָליטיק אין דער קעגנ־וואַרט. ער האָט באַווירקט די באַציונגען צו די היינטיקע גרויסמאַכטן, ער האָט רעוואָלוציאָניזירט, דערהויבן דעם מוט פון קליינע פאַרקנעכטעטע פעלקער און געבראָכן די אכזריות פון הערשער, וועלכע זיינען אין פלוג געווען איינגעגלייבט, אַז זייער ווילן איז דער איינציקער און העכסטער געזעץ. אונטערשטרייכנדיק אין די טאָג־טעגלעכע אַרויסטרעטונגען די

עקסיסטענץ פון דער העכסטער און אַבסאָלוטער וועלט־מאַכט פון יהוה, האָבן די נביאים — שוין אָנהייבנדיק מיט משהן — שאַקירט, אַראָפּגע־נידערט און באַגרענעצט די מאַכט פון די ערדישע הערשער, אויפגעפּאָדערט זיי אָפּצוגעבן אַ חשבון פאַר יהוהן, שטעלן זיך צו זיין גערעכטן און שטרענגן משפט.

יעדנפאַלס, דאַרף זיין קלאָר, אַז דער יהוהיזם אַלס אידייע איז געשאַפן און געמייסטערט געוואָרן אידייאיש אין משך פון דורות דורך דער נביאי־שער באַוועגונג, דורך אירע פּאָליטישע וואָרטזאָגער, און אַז דער געדאַנ־קענגאַנג און דער טאָג־טעגלעכער אויפטריט פון די נביאים איז געווען באַשטימט דורך דער ניט געבראָכענער פאָרשטעלונג, אַז דער נביא איז דער דערקלערער און אויסדריקער, דער אינטערפּרעטירער פון דער יהוהיסטישער אידייע, אַז ער איז איר קעמפער און פאַרווירקלעכער, אַז ער זעט זיך אַלס דעם שליח פון יהוה.

דער קאַמף פאַר דעם יהוה־גלויבן איז געווען ביי די אומשטענדן פון דער אַלטער צייט און פון דער טיף איינגעוואָרצלטער נאַטור־רעליגיע ביי אַלע אָריענטאַלישע פעלקער — אַ קאַמף פאַר אַ העכערער קולטור, פאַרן סאָציאַלן פאָרשריט.

די נביאים זיינען געווען איבערצייגט, אַז די יהוהיסטישע אידייע פון דער וועלט־גערעכטיקייט וועט פריער אָדער שפּעטער מוזן קומען צום פולן נצחון, און אַז דער דאָזיקער נצחון וועט זיך צוערשט פאַרווירקלעכן אין זייער קליינעם פאָטערלאַנד. דעם נביאס באַגער איז, אַז אַהער, ווו עס הערשט איצט אַזוי פיל פּיין, ווו עס ווערן אָפּגעטאָן אַזוי פיל עוולות, ווו עס גיסט זיך אומזיסט בלוט פון פאָלקסמענטשן, קרבנות פון דער הערשער־תאווה פון די גרויסע אימפּעריעס, — אַהער זאָלן זיך ציען אין פרידלעכע מאַסן־מאַרשן די דערלייזטע פעלקער פון גאָר דער וועלט. דאָ וועט יהוה פון דער הייך פון זיין הייליקן באַרג פּראָקלאַמירן די אָנגעקומענע הער־שאַפט פון גערעכטיקייט.

„און דאָס וועט געשען אין סוף פון די טעג און דער באַרג פון יהוהס הויז וועט זיך אַריבערהייבן איבער דעם שפּיץ פון אַלע בערג און וועט העכער ווערן פון אַלע הויכענישן און עס וועלן זיך צו אים ציען אַלע

פעלקער, און פיל נאַציעס וועלן קומען און זאָגן: קומט, לאָמיר אַרויפשטייגן אויף יהוהס באַרג, צום הויז פון יעקבס גאָט און זאָל ער אונדז לערנען זיינע וועגן... און זאָל ער משפטן צווישן נאַציעס און אַרויסטראָגן זיין אורטייל פאַר פיל פעלקער, און זאָלן זיי צעשטויסן זייערע שווערדן אין גראָבאייזנס און זייערע שפיזן אין שניידמעסערס. און אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק זאָל מער ניט אויפהייבן קיין שווערד און מען זאָל מער ניט לערנען קיין קריג־פירונג״.[1]

*

און כדי דורכצופירן זיכערע וועגן פאַר דער געגאַרטער, בעסערער מענטשלעכער געזעלשאַפט, פאַר אַ טיפערער פאַרשטענדעניש פון וועלט און מענטש, האָט די נביאישע באַוועגונג, קודם כל, געשטרעבט אַרויס־צורייסן פונעם פאָלקס לעבנס־שטייגער די געצנדינערישע השגות. די נביאים האָבן אויף אַ סאַרקאַסטישן אופן אויסגעשפּאָט יעדע פאַרקערפּערונג פון דעם גאָט־באַגריף אין פיזישע אָביעקטן, אין בילדער און סטאַטועס אויפן גרונט פון דעם עלטסטן נביאישן געבאָט, דעם ערשטן פון די אַלטצייטיקע נביאישע געבאָטן: „מאַך זיך ניט קיין סטאַטוע און קיין בילד פון דעם וואָס עס איז אויפן הימל אויבן און אויף דער ערד אונטן, בוק דיך צו זיי ניט און דין זיי ניט״.[2]

מיט זיין שטורמישער קראַפט האָט זיך שוין אויסגעצייכנט דער נביא אליהו, וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן אַרויסצוטרעטן אין דער מלוכה־צייט פון קעניג אחאב, אין דער צייט פון מאַסן־רדיפות אויף די נביאים, פאַר אַ פאַרזאַמלונג פון 450 בעל־נביאים און אויפווייזן זיי אין אַ ריי וווּנדערלעכע מעשים די נישטיקייט און דעם פולן באַנקראָט פון געצנדינסט.

דעם קאַמף מיטן געצנדינסט האָבן סיסטעמאַטיש געפירט די ווייטער־דיקע נביאים, ביז ער איז געקומען צו אַ בילדלעכן אויסדרוק ביי דעם נביא ישעיה דעם צווייטן.

[1] ישעיה ב, 2—4.   [2] שמות כ, 3—4.

אַזוי זאָגט דער נביא ישעיה דער צווייטער אין איינער פון זיינע סאַטירישע רעדעס, וואָס זיינען געווענדט צו די געצנדינערישע פעלקער:

„צו וועמען גלייכט איר גאָט און וואָס פאַר אַ געשטאַלט ווילט איר אים צוגעבן?! די סטאַטוע האָט אויסגעאַרבעט דער מייסטער, דער גאָלד־שמיד האָט זי מיט גאָלד צוגעדעקט און זילבער־קייטלעך (האָט אויסגע־פאַרטיקט) דער זילבערשמיד. מסוכן־האָלץ קלייבט ער אויס, וואָס פוילט ניט, אַ געניטן מייסטער זוכט ער זיך צו אויפריכטן אַ סטאַטוע, וואָס זאָל ניט איינפאַלן... איינער העלפט דעם אַנדערן, און צו זיין ברודער זאָגט איינער — שטאַרק דיך! און עס האָט אונטערגעהאַלטן דער מייסטער דעם גאָלדמאַכער און דער גלעטער מיטן האַמער דעם שלאָגער און מען זאָגט, אַז די באַהעפטונג איז גוט, און מען קלאַפּט זי (די סטאַטוע) צו מיט טשוועקעס זי זאָל ניט אַרונטערפאַלן".[3]

אַזוי זעט אויס אין די אויגן פון דעם נביא דער גאָט פון די געצנ־דינער, וועלכן זיי האָבן מיט זייערע אייגענע הענט פאַבריצירט.

און דער נביא מאַכט מיט באַגייסטערונג זיין אויספיר:

„צו וועמען גלייכט איר מיך און איך זאָל גלייך זיין — זאָגט דער הייליקער — הייבט אויף הויך אייערע אויגן און זעט: ווער האָט דאָס אַלץ באַשאַפן? ווער פירט זייער פילצאָליקע אַרמיי אַרויס, ווער האָט זיי אַלעמען נעמען געגעבן?...".[4]

די נביאישע כאַראַקטעריסטיק פון געצנדינסט, וועלכע חזרט זיך איבער מיט איר שפּאָט און ביטול אויך ביי אַנדערע נביאים, געפינט אירן אַ געלונגענעם און קלאָרן אָפּקלאַנג אין אַ פאָלקלאָריסטיש ליד אין דער זאַמלונג פון די תהילים־געזאַנגען:

„צו וואָס פרעגן די פעלקער: „ווו איז זייער גאָט?"
אונדזער גאָט איז אין הימל,
וואָס ער האָט געוואָלט האָט ער געשאַפן,
(אָבער) זייערע געצן פון זילבער און גאָלד

[3] ישעיה מ, 18—20; מ"א 6—7. [4] ישעיה מ, 25—26.

פראָפ׳ שמואל אײזנשטאַדט

זײַנען אַ שאַפֿונג פֿון מענטשלעכע הענט.
זיי האָבן אַ מויל אוןריידן ניט,
זיי האָבן אויגן און זעען ניט,
אַ נאָז — און שמעקן ניט,
הענט — און טאַפּן ניט,
פֿיס — און גייען ניט,
קאָנען פֿון האַלדז קיין קול ניט אַרויסברענגען,
ווי זיי, אַזוי זאָלן זיין זייערע מאַכער,
די אַלע וואָס פֿאַרטרויען זיך אויף זיי״.[5]

[5] תהילים קט״ו 2—8.

3. די צווישנפעלקערלעכע נבואות

מיר האָבן שוין געזען, אַז דער נביאישער יהוהיזם, אָדער דער מאָנאָ־טעיזם, האָט לויט זיין נאַטור ניט געקאָנט זיך איינשליסן אין די ענגע גרענעצן פון איין פאָלק און איין לאַנד. דער נביא פון ישראל, אַלס פּאַטריאָט פון זיין אייגן פאָלק, האָט, אמת, געוואָלט און געשטרעבט און געפּריידיקט אין זיינע רעדעס, אַז זיין לאַנד, זיין פאָלק, זיין ירושלים, זאָל אין דער צוקונפט גילטן אַלס דער צענטער פון מענטשלעכער גערעכטיקייט. אָבער יהוה, אַלס סימבאָל פון דער גערעכטיקייט אין זיין פולן פאַרנעם, מוז אויסברייטערן זיין הערשאַפט איבער גאָר דער וועלט. די גערעכטיקייט לאָזט זיך ניט טיילן. זי איז אַלגעמיין־מענטשלעך.

דעריבער קאָן זיך דער נביא ניט איינשליסן בלויז אין די ראַמען פון זיין היימלאַנד. ער איז באַרופן צו עפענען ברייטע וועלט־האָריזאָנטן פאַר דער אידייע פון גערעכטיקייט און צו זאָגן זיין ערנסטן און אָפט אויך שאַרפן און קאַטעגאָרישן וואָרט בנוגע דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, בנוגע די מענטשלעכע באַציונגען און צו דער מלוכה־פּאָליטיק פון די אַנדערע פעלקער און לענדער פון זיין צייט, גאַנץ באַזונדער פון די גרויס־מאַכטן, וואָס געפינען זיך אין שכנות מיט ארץ־ישראל און אַמפּערן זיך צוליב דער הערשאַפט איבער דער וועלט.

לאָ די, וואָס דער ווילשטאַנד פון זיין פאָלק איז געווען אויפן ענגסטן אופן פאַרבונדן מיט דעם מצב און מיט דער פּאָליטיק פון די דאָזיקע מדינות, איז דער נביא געווען, לויט דעם אוניווערסאַלן פאַרנעם פון זיין אידייע, אַ וועלט־מענטש, אַ נביא לגויים, אַ וואָרטזאָגער אין צווישנפעל־קערלעכן מאָסשטאַב. ער האָט געקאָנט זיכער און קלאָר פאָרמולירן זיין צוגאַנג צו די וועלט־געשעענישן מיט די ווערטער פון די פּראָגרעסיווע פּאָליטיקער פון אונדזער צייט: „דער שלום און די גערעכטיקייט לאָזן

זיך ניט טיילן״. מען קאָן זאָגן דרייסט, אָן איבערטרייבונג, אַז אין זייערע צווישנפעלקערלעכע נבואות האָבן זיך די נביאים דערהויבן צו דער מדרגה פון וועלט־בירגער, פון אינטערנאַציאָנאַליסטן.

אָבסערווירנדיק דעם אויפשטייג און דעם קראַך פון די גרויסע אימ־פעריעס פון זיין צייט, האָט דער נביא שאַרף קריטיקירט די אומאויפהער־לעכע באַוואָפענונג פון די גרויסמאַכטן. ער האָט אָנגעוויזן אויף דער אומ־מעכטיקייט פון די כלי־זיין, פון די מיליטערישע רייטוואָגנס און רייטער אָפּצושטעלן די מפלה פון די כלומרשט שטאַרקע רעגירונגען אין דעם פאַל, ווען זייער אינעווייניקסטער פאָלקס־לעבן און פּאָליטישע באַציונגען צו אַנדערע מדינות זיינען געבויט אויף אומגערעכטיקייט.

דער געדאַנק וועגן דער נישטיקייט פון פיזישער קראַפט אין די צווישנפעלקערלעכע קאָנפליקטן גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך אַלע נביאישע אַרויסזאָגונגען, וועלכע זיינען געווענדט צו די פעלקער פון דער וועלט. אין זיי האָט זייער אייגן פאָלק אָפט געקאָנט געפינען אַ טראָפּן טרייסט אין די צייטן פון פּאָליטישע קריזיסן.

אַזוי ווערט געזונגען אין איינעם פון די מיט נביאישן גייסט באַשטראַל־טע תהילים־לידער, וואָס זיינען געווענדט צו „אַלע איינוווינער פון דער ערד״:

„דער קעניג ווערט ניט געהאָלפן מיט פיל מיליטער,
דער העלד ראַטעוועט זיך ניט מיט גרויס קראַפט,
פאַלש איז די הילף פון דעם (רייט־) פערד
און די פיל מיליטער מיידט ניט אויס (די מפלה)״.[1]

אין קעגנזאַץ צו דער פיזישער קראַפט, וואָס איז געגליכן צו אַ צע־בראָכענעם שטעקן, אויף וועלכן איינער שפּאַרט זיך אָן, האָט דער נביא אָנגעצייכנט פאַר זיין פאָלק און פאַר דער צווישנפעלקערלעכער עפנטלעכקייט פון זיין צייט אַלס אידעאַל די געשטאַלט פון אַ גוטמוטיקן פאָלקס־טרייען פירער. ער האָט געמאָלט אַלעגאָריש דאָס צוקונפט־בילד פון דער וועלט און

[1] תהלים ל״ג, 16—17.

האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי פעלקער וועלן אויפהערן צו שטרייטן איינע מיט די אַנדערע, וועלן זיך דערנענטערן איינע צו די אַנדערע און אויסלעבן זיך אין שלום און גערעכטיקייט.

עס איז אויך גאַנץ נאַטירלעך, אַז אַזאַ שלום־פּאָליטיק אין צווישנ־פעלקערלעכן, אוניווערסאַלן פאַרנעם, האָט געקאָנט און געמוזט אויפקו־מען ביי וואָרטזאָגער פון אַ קליין פאָלק ווי ישראל, וואָס איז געווען אין קלעם פון די קאָנקורירנדיקע גרויסמאַכטן און וואָס איז געווען אַ לעבע־דיקער עדות און אַ קרבן פון זייער אויפשטייג און פון זייער ירידה.

דער נביא האָט גערעדט צו די פעלקער און געוואָרנט זיי פאַר דעם אומקום, וואָס דראָט זיי צוליב זייער פּאָליטיק פון כוח פון זייערע הערשער און צוליב זייער אומגערעכטער באַציונג צו זייערע אייגענע בירגער און צו אַנדערע פעלקער.

דאָס זיינען געווען ניט סתם פאַרוורפן ערגעץ ווו געמאַכטע אין דער זייט. דאָס זיינען קריטישע רעדעס פון ישראלדיקע פאָלקס־פּאָליטיקער, וואָס זיינען געזאָגט עפנטלעך אין די טויערן פון די שטעט און וואָס זיינען זיכער דערגאַנגען צו די פעלקער און צו זייערע הערשער.

מען דאַרף דערביי געדענקען, אַז די אשורישע און די אַראַמעישע שפּראַך זיינען געווען ברודער־שפּראַכן פון העברעיש און אַז דאָס אין העברעיש געזאָגטע נביאישע וואָרט איז פאַרשטאַנען געוואָרן דורך די אַרומיקע פעלקער.

דער נביא זעט פאַר זיך חוב אַרויסצוזאָגן אָפן און דייטלעך זיין מיינונג און זיין אורטייל, ווייל ער שפּירט, אַז עס ליגט אויף אים אַ הייליקע שליחות ניט נאָר בנוגע זיין אייגן פאָלק, וואָס איז דאָס רוב אויך אַ קרבן פון דער צווישנפעלקערלעכער אומגערעכטער פּאָליטיק, נאָר אויך בנוגע די אַנדערע פעלקער און מלוכות. גאָט, אין וועמענס נאָמען ער רעדט, שליסט זיך ניט איין מער אין די ראַמען פון ישראל אַליין. עס איז פול מיט אים די וועלט, ער איז גאָט פון דער וועלט און פון דער גערעכטיקייט, ער איז דער קעניג און פאָטער פון אַלע פעלקער.

פון די דראַסטישע שילדערונגען וועגן דעם לעבן אין די שכנישע לענדער און פון דער פּאָליטיק פון זייערע רעגירונגען קאָן מען זען באַ־

שיימפּערלעך, אַז די נביאים זיינען געווען פּאָליטיש געבילדעטע מענטשן און האָבן זיך גוט אָריענטירט אין דער פּאָליטישער לאַגע פון נאָענטן מזרח, פון זיינע אויפקומענדיקע און זינקענדיקע כוחות, פון די עקאָנאָמישע פאַקטאָרן, וואָס באַשטימען דעם גורל פון די לענדער. די טאָג־טעגלעכע פּאָליטישע דערשיינונגען אויף דער וועלט־אַרענע האָבן געגעבן די נביאים די בולטסטעביישפּילן און אילוסטראַציעס, האָבן זיי געליפערט מאַטעריאַל צו זייערע אָפּשאַצונגען. די מעכטיקע אשורישע אימפּעריע איז געפאַלן אונטער די קלעפּ פון די באַבילאָנישע אַרמייען. אַ צייט שפּעטער האָבן די באַבילאָנישע פעלקער־פאַרשקלאַפער געמוזט בייגן זייערע קעפּ פאַר די אויפגעקומענע פּערסישע געוועלטיקער, וועלכע האָבן באַלד צעבראָכן און געשטעלט אויף די קני אויך די עגיפּטישע גרויס־מאַכט. און די אונדז באַקאַנטע נביאים פון דער שפּעט־פּערסישער תקופה האָבן שוין זיכער געזען די ערשטע שפּורן פון דער נייער גריכישער גרויס־מאַכט, וואָס האָט שוין ערנסט באַדראָט פאַר איינס די פּערסישע און עגיפּטישע הערשער.

דער נביא איז אַרויסגעגאַנגען אין זיינע באַטראַכטונגען פון שטאַנד־פּונקט פון דער גערעכטיקייט און די רעכט פון די איינצלנע פעלקער. ער האָט הויפּטזאַכלעך געהאַט דערביי אין זינען די אינטערעסן פון זיין פאָלק און לאַנד, וואָס האָבן שווער געליטן פון די אַגרעסיווע, פאַרשקלאַפּערישע כוונות פון די אָריענטאַלישע גרויסמאַכטן. ער האָט אָבער שטענדיק אויך געהאַט די דרייסטקייט שאַרף צו קריטיקירן די פעלערן פון די ישראל־הערשער און אָנצוווייזן אויף זייער פאַלשער אָריענטאַציע אין די צווישנ־פעלקערלעכע באַציונגען.

דאָס איז פאַר אים כלל ניט געווען קיין לייכטע זאַך, ווייל די פּאָליטישע לאַגע פון די גרויסע אָריענטאַלישע מלוכות איז ניט געווען סטאַביל אין יענע צייטן, אין 8טן, 7טן און 6טן פאַרקריסטלעכן יאָרהונדערט, און עס איז געווען נייטיק אַ טיפער און וויטבליקנדיקער פּראָגנאָז, כדי צו גילטן אַלס ריכטיקע וועגווייזער אין דעם קאָמפּליצירטן פּאָליטישן לעבן.

די ישראל־הערשער, וועלכע האָבן זיך גערעכנט מער מיט די מאָמענטאַנע רעאַלע פאַקטאָרן פון לויפנדיקן טאָג, האָבן דאָס רוב אַרויסגעוויזן

די נביאים

אַ שאַרפע קעגנערשאַפט צו דער ווייטבליקנדיקער צווישנפעלקערלעכער פּאָליטיק פון די נביאים.

עס האָט ניט איין מאָל אויסגעזען אין די אויגן פון די הערשער און פון זייערע באַראַטער, אַז די מאָטיקע, ערלעכע און ווייטזעענדיקע מיינונ־גען פון די נביאים זיינען צום נוצן פון די פיינטלעכע מלוכות און גילטן אַלס פאַרראַט פון די אינטערעסן פון לאַנד, און דאָס האָט שטאַרק גע־קרענקט די נביאים, וואָס האָבן ביים בעסטן ווילן ניט געקאָנט מאָלן די צווישנפעלקערלעכע לאַגע אין העלערע פאַרבן.

ניט אַלע מאָל אָבער האָבן זיך די נביאים אָפּגעגעבן בלויז מיט צווישנפעלקערלעכע פראַגן, אין וועלכע עס איז געווען דירעקט פאַראינ־טערעסירט זייער פאָלק. אין דעם האָט זיך אַרויסגעוויזן זייער אוניווער־סאַלער צוגאַנג צו געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פראַגן, זייער פאַר־געשריטענע איינשטעלונג, לויט וועלכער גאָט פון גערעכטיקייט איז אַ וועלט־גאָט, פאַר וועלכן אַלע פעלקער זענען קינדער און דאַרפן ניט באַ־עוולט ווערן איינע פון די אַנדערע.

4. די נביאישע ליטעראַטור, איר כאַראַקטער און סטיל

נאָך דורות־לאַנגע שטורמישע געשעענישן און אָקופּאַציעס, וועלכע עס האָבן איבערגעלעבט ישראל און יהודה אַ דאַנק דעם אומאויפהערלעכן געראַנגל פון די גרויסמאַכטן אין מזרח (אשור, בבל און שפּעטער פּרס) און אין מערב (מצרים), איז אָנגעקומען אויף אַ באַשטימטער צייט אַ פּאָליטישע גלייכגעוויכט און אַ סטאַבילקייט, אין וועלכער דער געשיכטע־שרייבער האָט אונטערגעפירט די סך־הכלען פון דער פיל־געפּרוווטער פאַרגאַנגענהייט מיט אירע קאַמפן, דערגרייכונגען און שטרויכלונגען און — וואָס נאָך וויכטיקער — מיט אירע קולטורעלע און ליטעראַרישע שאַפונגען.

אויפן יסוד פון זכרונות און איבערלעבונגען און אויפן גרונט פון דערהאַלטענע און אויסבאַהאַלטענע כראָניקס און פאַרשריבענע נביאישע רעדעס, זיינען, ווייניקסטנס טיילווייז, אויפגעזאַמלט געוואָרן די שאַפונגען און טואונגען פון די נביאים, כדי זיי זאָלן גילטן אַלס דערציונגס־מאַטעריאַל פאַר די קומענדיקע דורות.

די נביאישע אידייען זיינען אפשר ניט געווען גענוג פּאָפּולער אין דער צייט פון די מלכים אָדער זיי האָבן געמוזט געפּריידיקט ווערן געהיים, אַ דאַנק די שווערע רדיפות מצד די קעניגלעכע באַאַמטע, און ערשט שפּעטער, ווען די מלוכה איז ענדגילטיק געפאַלן און דאָס לאַנד איז באַזעצט געוואָרן דורך אַשור און בבל און איז אַריבער דערנאָך צו דער פּערסישער הערשאַפט, האָט עזרא דער שרייבער (אין יאָר 538 בערך פאַר דער קריסטלעכער צייט) און אפשר מיט אים די מיטגלידער פון דער גרויסער פאַרזאַמלונג (אנשי כנסת הגדולה) אויפגעקליבן די פאַרשריבענע נביאישע רעדעס און קאָדיפיצירט זיי אַלס טיילן פון דער ביבלישער זאַמלונג, אַריינטראָגנדיק אין זיי באַשטימטע סטיליסטישע — און אפשר אינהאַלטלעכע ענדערונגען. זיי האָבן אָבער יעדנפאַלס אויסגעמיטן אַריינ־

צוטראָגן אין זייער זאַמלונג די אַנטי־נביאישע קעניגלעכע כראָניקעס און ליטעראַרישע שאַפונגען און פאָלקלאָר פון דער געצנדינערישער תקופה, וואָס איז מן הסתם געווען ביי אונדז גענוג רייך, ווי ביי די אַנדערע אָריענ־טאַלישע פעלקער.

דער סטיל פון די צו אונדז דערגאַנגענע נביאישע אַרויסטרעטונגען איז אַ סטאַבילער און אַלגעמיין פאַרשטענדלעכער. דאָס איז ניט, ווי עס קאָן זיך אַ מאָל דוכטן, אַ מליצישער סטיל, אַ מין בלומען־שפּראַך. דאָס איז אַן עפנטלעך געברויכטע, עכט אָריענטאַלישע רעדנער־שפּראַך, וועלכע האָט עקסיסטירט אין ארץ־ישראל אין משך פון יאָרהונדערטער און וועלכע האָט געהאַט, קאָנטיק, איר גלייכן אויך ביי אַנדערע סעמיטישע פעלקער.

ניט קוקנדיק אויף דער אינדיווידועלער פאַרשיידנקייט און אויף דעם פאַרשיידענעם פאַרנעם פון די צו אונדז דערגאַנגענע שאַפונגען פון די נביאים, קאָנען מיר מיט פולער זיכערקייט פעסטשטעלן, אַז ביי אַלעמען פון זיי, אַפילו אין די פראַגמענטן פון די שריפטלעך ניט דערגאַנגענע אַרויסטרעטונגען, האָבן מיר צו טאָן מיט אַן אויסדריקלעכן און אייגנאַר־טיקן נביאישן סטיל.

דאָס איז אַ ליטעראַרישער סטיל, וואָס איז רייך מיט אילוסטראַציעס און אויפקלערונגען, אַ סטיל פון אַ פאָלקס־רעדנער, וואָס רעדט צום געוויסן און צום געפיל פון דער צוהערער־מאַסע. אָבער גלייכצייטיק אַנטהאַלט ער אויך אַן עכט דיכטערישע בילדערישע אויסדרוקס־אַרט פון עמאָציעס, אפשר צום טייל אַ סטיליזירטע דורך די נביאישע אָנהענגער, דורך דער נביאישער יוגנט, די בני־הנביאים, וועלכע פלעגן, קאָנטיק, פאַרשרייבן די נביאישע רעדעס.

אויפן אַלטן פּאָעטישן און רעטאָרישן שטייגער ווערט דער נביאישער געדאַנק אויסגעדריקט אין צוויי פּאַראַלעלע שפּראַכלעכע וואַריאַציעס, וועלכע דערגאַנצן אינהאַלטלעך און בילדעריש איינע די אַנדערע.

אַלס קלאַסישער מוסטער פון דער פּאַראַלעלישקייט אין דער נביאי־שער אויסדרוק־אַרט קאָן גילטן אויך משהס געזעגענונגס־ליד. דאָס ליד — אַפילו אויפן פאַל, אַז עס איז רעדאַקטירט געוואָרן אין שפּעטערדיקע

פראָפ׳ שמואל אייזנשטאַדט

זורות — איז פאַרפאַסט אין פּרעכטיקע פּאַראַלעל־אויסדרוקן, וועלכע זיינען אויך אויסגעהאַלטן אין זייער מעטרישן אויפבוי. נאָר אייפערזיכטיקע און ענגהאַרציקע ביבל־פאָרשער קאָנען פאַרזען די קלאָרע טאַטזאַך, אַז אין דער דאָזיקער באַגייסטערטער רעדע פאַרן פאָלק איז געקומען צום אויסדרוק די אַלטצייטיקע נביאישע באַוועגונג.

לאָמיר ציטירן אייניקע פראַגמענטן פון דעם דאָזיקן געזעגענונגס־ליד:

הערט הימלען וואָס איך רייד
און הער, ערד, די אַרויסזאָגונגען פון מיין מויל.
זאָל טריפן ווי אַ רעגן מיין לערע,
זאָל רינען ווי טוי מיין וואָרט.

ווי וואַסער־שפּריצן אויפן גרינס,
ווי אַ וואָלקן־גאָס אויפן גראָז.
איך רוף אויס יהוהס נאָמען,
גיט אָפּ ערע אונדזער גאָט.

דער שאַפער, וואָס אָן קיין פעלער איז זיין שאַפונג.
אַלע זיינע וועגן זיינען רעכט,
אַ פאַרטרויטער גאָט (איז ער), אָן גענאַרטקייט,
ער איז גערעכט און גלייך...

געדענק די אַמאָליקע צייטן,
פאַרשטיי די יאָרן פון יעדן דור.
פרעג דיין פאָטער, וועט ער דיר דערציילן,
דיינע עלטסטע — וועלן זיי דיר זאָגן,

ווען דער איבערשטער האָט פעלקער באַזעצט,
געשיידט צווישן מענטשן,

די נביאים

האָט ער געשטעלט גרענעצן צווישן פעלקער
לויט דער צאָל פון די ישראל־זין.[1]

*

דעם זעלביקן פיגוראַלן טאָפּל־אויסדרוק געפינען מיר שוין אין דער רעדע פון דעם מואבישן נביא בלעם, וועלכער זאָגט, אַ שטייגער:

פון אַרם לאָזט מיך קומען בלק, מואבס קעניג,
פון די פאַרצייטיקע בערג.

גיי, שילט מיר יעקבן,
גיי, צאָרן אויף ישראלן.

ווי זאָל איך שילטן, ווען גאָט האָט ניט געשאָלטן,
ווי זאָל איך צאָרנען, ווען גאָט האָט ניט געצאָרנט.

פון דער שפּיץ פעלדז זע איך אים
און פון די הויכעניש קוק איך אים אָן...[2]

דעם זעלביקן טאָפּל־אויסדרוק געפינען מיר אין די פערזן פונעם דבורה־ליד, וואָס גלידערט זיך אָרגאַניש אַריין אין דער נביאישער רעטאָריק. דאָרט זינגט זיך, למשל:

יהוה, בשעת דו ביסט פון שעיר אַרויס,
האָסט מאַרשירט פון אדום־פעלד,
האָט די ערד געציטערט,
אויך די הימלען האָבן געטריפט, וואָלקנס האָבן געטריפט,

[1] **דברים לב,** 1—4, 7—8.
[2] **במדבר כג,** 7—10.

פראָפ׳ שמואל אייזנשטאַדט

בערג האָבן געפלאָסן פאַר יהוה,
דער סיני — פאַר ישראלס גאָט יהוה.[3]

באַזונדער בירגערט זיך איין דער טאָפּל־אויסדרוק אין די רעדעס פון די גרויסע נביאים. מיר געפינען אים אין דעם גרעסטן טייל רעדעס.

לאָמיר זען אַ ביישפּיל פון דער שיינער און מייסטערהאַפטער פּאַראַלעלישקייט ביים נביא ישעיהו:

הערט צו, הימלען און פאַרנעם, ערד,
דען יהוה האָט גערעדט.

קינדער האָב איך געהאָדעוועט און דערהויבן
און זיי האָבן מיך פאַרראַטן.

עס דערקענט דער אָקס זיין ווירט,
דער אייזל זיין בעל־הביתס קאָרעטע.

ישראל דערקאָנט (מיך) ניט,
מיין פאָלק האָט זיך ניט אַריינגעטראַכט,

ווי, דו זינדיק געשלעכט,
שווער פאַרברעכעריש פאָלק,

שלעכטע קינדער,
פאַרברעכערישע זין.[4]

[3] שופטים ה, 4—5.
[4] ישעיה א, 2—4.

אָדער אָט רעדט, למשל, ירמיה צו די ישראל־פרויען:

הערט נאָר, פרויען, יהוהס וואָרט
און זאָל אייער אויער פאַרנעמען זיין מוילס רייד.

לערנט אייערע טעכטער ווי
און איינע די אַנדערע קלאָג.

דען דער טויט האָט זיך אַרויפגעהויבן אין אונדזערע
פענצטער,
ער איז געקומען אין אונדזערע פּאַלאַצן,

צו פאַרשניידן אַ קינד פון דרויסן,
יונגען — פון די גאַסן.[5]

אין דעם זעלבן סטיל זיינען געהאַלטן געוואָרן די נביאישע רעדעס פון דער פערסישער תקופה, וואָס זיינען מינדסטנס מיט 150 יאָר שפּעטער פון ישעיהן.

אַזוי קלינגט, אַ שטייגער, די רעדע פון דעם נביא זכריה, אין דער צייט פון פערסישן קעניג דאַריוס:

אפרים וועט זיין ווי אַ העלד,
און וועט זיך פרייען ווי פון וויין.

זייערע קינדער וועלן צוזען און זיין פריידיק,
זיי וועלן זיין לוסטיק אַ דאַנק יהוהן.

איך וועל זיי נאָר אַ פייף געבן און פאַרזאַמלען,
דען איך האָב זיי דערלייזט און זיי האָבן זיך געמערט.

[5] ירמיה ט, 19—20.

איך האָב זיי צעזייט צווישן פעלקער און זיי האָבן אין דער
ווייטעניש מיך געדענקט.
זיי האָבן זיך אויסגעלעבט צוזאַמען מיט די קינדער און
אומגעקערט.

און איך האָב זיי אומגעקערט פון מצרים
און איך האָב זיי אויפגעזאַמלט פון אַשור־לאַנד.[6]

אָדער — עס זינגט דער זינגער פון תהילים־בוך:

גאָט איז אונדז אַ שוץ און קראַפט,
מיר געפינען אין אים באַלד הילף אין לייד.

דעריבער האָבן מיר ניט מורא ווען ס׳ענדערט זיך די ערד,
ווען ס׳זינקען בערג אין מיטן די ימען.

עס ברומען און רוישן זיינע וואַסערן,
עס שטורעמען בערג פאַר זיין שטאָלץ.

דער טייך און זיינע שטראָמען דערפרייען די געטלעכע שטאָט,
געהייליקט — דעם איבערשטנס וווינפלעצער.[7]

די זאַצן פון דער נביאישער רעדע זיינען, ווי מיר זעען, קורצע, און יעדער זאַץ צעפאַלט אין צוויי ריטמישע און סימעטריש גלייכע העלפטן, וועלכע בילדן ווי צוויי פליגלען פון אַן איינהייטלעכער ליטעראַרישער קאָמפּאָזיציע.

מיט דער דאָזיקער פּאַראַלעלישקייט פון אויסדרוק, מיט דעם איבער־חזרן דעם זעלביקן אינהאַלט אין צוויי פאַרשיידענע וואַריאַנטן אָדער מיט

[6] זכריה י, 7—10.
[7] תהילים מ״ו, 2—5.

דעם אַוועקשטעלן אין יעדע זאַץ־טייל אַ באַשטימטן געדאַנק מיטן פּנים צו זיין קעגנזאַץ, מיטן באַווייזן צוויי זייטן פון דער מטבע האָט דער נביא, ד׳אָס רוב, די כוונה צו מאַכן פילזייטיקער דעם אינהאַלט און קאַלירפולער די שפּראַך, צו מאַכן זי פאַרשטענדלעכער פאַר אַלע זיינע צוהערער.

אַ מאָל האָט אָבער דער רעדנער אויך די כוונה עפּעס באַזונדערס אונטערצושטרייכן, צו עפּעס צוציען אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט דורך ד׳ער איבערחזרונג פון דעם געדאַנק אין אַ נייער גראַמאַטישער פאָרעם. אַ מאָל וויל ער דערמיט אויך ווירקן, אַז זיינע ווערטער זאָלן זיך איינקריצן טיפער אין זכרון פון די צוהערער דורך זייער צווייִמאָליקער באַטאָנונג.

ביי זיין גאַנצער רעטאָרישקייט בלייבט אָבער דעם נביאס אַרט רעדן און שרייבן קלאָר און אַלגעמיין פאַרשטענדלעך. ער ווייס, אַז ער רעדט צום פאָלק אויפן מאַרק אָדער ביים שטאָט־טויער און זיין כוונה איז, ער זאָל געענוי און גוט פאַרשטאַנען ווערן פון זיינע צוהערער. ער פּאַסט זיך צו צום קולטור־ניווא פון זיין אוידיטאָריע. אַנדערש איז ווען ער רעדט ביים אַריינגאַנג אין טעמפּל אָדער ביים טויער פון קעניגלעכן פּאַלאַץ, ווען זיינע רייד זיינען געווענדט בעיקר צו די קעניגן, האַרן און כוהנים. און אויב די תנ״ך־אויסטייטשער, די תנ״ך־לערנער און שפּראַך־פאָרשער איז ניט שטענדיק גענוג קלאָר דער פּירוש פון פאַרשיידענע נביאישע אויסדרוקן, לאָזט זיך דאָס דערקלערן מיט אונדזער היסטאָרישער ווייטקייט און פאַר־פרעמדקייט פון דער אַמאָליקער העברעישער אומגאַנג־שפּראַך און צום טייל אויך דורך דעם, וואָס אין משך פון די דורות זיינען די טעקסטן פאַרגרייזט געוואָרן מצד די פאַרשיידענע איבערשרייבער און צענזאָרן.

ווען מיר פאַרגלייכן די נביאישע ביכער מיט די ניט לאַנג אַנטדעקטע מגילות פון קומראַן, דעקט זיך אונדז אויף באַזונדער קלאָר די ליטעראַרישע אייגנשאַפט פון דער נביאישער ליטעראַטור. ניט נאָר דער אינהאַלט, נאָר אויך דער סטיל, די אַרט פון אויסצודריקן די געדאַנקען האָבן דאָ אַן אַלטע, דורות־לאַנגע טראַדיציע. אין וועלכער צייט עס זאָל ניט האָבן רעדאַקטירט געוואָרן דעם פּאָטער יעקבס געזעגענונגס־רעדע צו זיין שטאָם, אָדער משהס געזעגענונגס־רעדע צום פאָלק, אָדער דבורהס נצחון־ליד איבער די אַראָ־מעיער, אָדער חנהס לויב־געזאַנג פאַר שמואלס געבורט, אָדער דעם קעניג

דודס קלאָג־ליד אויפן טויט פון שאול און יונתן אין דער שלאַכט אויפן גלבוע, — זיי זיינען אַלע עלטער אין צייט פון די געשריבענע נביאישע רעדעס און פון דעסטוועגן לאָזט זיך אין זיי אַלעמען מערקן אַ גרויסע ענלעכקייט אין ליטעראַרישן און סטיליסטישן בוי, און אפשר האָט אויך איין רעדאַקטאָר זיי ענדגילטיק רעדאַקטירט אין דער צייט פון עזרא דעם שרייבער.

דער אַלגעמיינער שטריך פון זיי אַלע באַשטייט אין דעם, וואָס זיי זיינען עפנטלעך געהאַלטענע רעדעס, און וואָס דער רעדנער וויל זיך אַזוי אויס־דריקן, אַז דאָס פאָלק זאָל אים גוט און דייטלעך פאַרשטיין און באַאיינפלוסט ווערן פון זיין רעדע.

דער נביא איז אַ פּראָפּאַגאַנדיסט און דערציער, ער איז אויך דאָס רוב אַ זון פון פאָלק און אָריענטירט זיך גוט אין דער מאַסן־פּסיכאָלאָגיע פון זיינע צוהערער, ווי אויך אין דער מאַסן־שפּראַך. מען קאָן זאָגן, אַז אין די מגילות פון מדבר יהודה זעען מיר פאַר זיך אַ היסטאָריש שפּעטערן, צום טייל אַ ניט־באַאַרבעטן, ניט געשליפטן פאָלקס־סטיל. מיר געפינען דאָרטן אויך פראַגמענטן פון פאָלקסטימלעכע קאָמענטאַרן צו די נביאים־ביכער, ווי דעם קאָמענטאַר צום נביאים־בוך חבקוק, בעת די נביאישע ביכער פון דער ביבל זיינען צו אונדז געקומען צום גרעסטן טייל רעדאַקטירטע דורך שרייבער און סטיליסטן און שטייען אויף דער גרענעץ צווישן דער אומ־מיטלבאַרער פאָלקס־שפּראַך און דער ספּעציעלער לערער־ און רעדנער־שפּראַך.

עס זיינען אָבער דאָ, דערהויפּט ביי די גרויסע נביאים, אויך שטעלן, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער אַנדערש־אַרטיקן סטיל, מיט אַ דער־ציילערישן סטיל. דאָרטן קומט אויף דער נביא ניט אַלס רעדנער, נאָר אַלס דערציילער, אַלס היסטאָריקער פון זיין צייט און תקופה. פון יענע שטעלן, וואָס זעען אויס ווי אינדזלען אין דעם ים פון רוישיקע רעדעס, קאָנען מיר לערנען, אַז די נביאים האָבן אויך דערפילט מיט דערפאָלג די פונקציע פון היסטאָריקער און מיר קאָנען קומען צו דעם לאָגישן אויספיר, אַז פּאַראַלעל צו די קעניגלעכע כראָניקעס, וועלכע זיינען דערהאַלטן געוואָרן אין די צוויי דברי־הימים־ביכער פון דער ביבל, זיינען די כראָניקעס, וואָס זיינען איינ־

געגלידערט אין די נביאים־ביכער און דאָס רוב כראָניקעס פון די ביכער שופטים, שמואל און מלכים, געשריבן געוואָרן דורך די נביאים פון זייער שטאַנדפּונקט און מיט זייער באַזונדערן דערציילערישן סטיל.

דער דאָזיקער סטיל איז רעאַליסטיש, בינדיק, די געשילדערטע געשעענישן ווערן דערציילט פּליסיק, אין פּאָפּולערן לשון.

אַזוי לייענען מיר אין איינער פון אַזעלכע דערציילערישע שטעלן פון ירמיהו־בוך:

„אין דעם ניינטן (מלוכה)־יאָר צדקיהוס, דעם קעניג פון יהודה־לאַנד, דעם צענטן חודש, איז אָנגעקומען נבוכדנאצר, דער קעניג פון בבל, מיט זיין גאַנצן מיליטער קיין ירושלים און זי באַלאַגערט. אין דעם עלפטן (מלוכה־) יאָר צדקיהוס, אין ניינטן טאָג פון פערטן חודש, איז איינגענומען געוואָרן די שטאָט. עס זיינען געקומען די האַרן פון בבלישן קעניג און האָבן זיך אויסגעזעצט אין מיטלסטן טויער... און בעת צדקיהו, דער קעניג פון יהודה־לאַנד, האָט זיי דערזען, זיינען ער און אַלע זיינע מיליטער־לייט אַנטלאָפן און זיינען אַרויס ביי נאַכט פון שטאָט דורכן קעניגלעכן גאָרטן, דורך דעם טויער וואָס צווישן די מויערן און אַרויס אויפן וועג צו דעם סטעפּ. האָט דאָס כשדים־מיליטער זיך נאָך זיי נאָכגעיאָגט און האָט דערגרייכט צדקיהון אין דעם סטעפּ פון יריחו...“[8]

אַזוי אַנטפּלעקט זיך אונדז דאָס נביאישע וואָרט אין די רייד פאַרן פאָלק און אין דער באַשרייבונג פון די אַקטועלע און טראַגישע געשעענישן פון דעם נביאס צייט.

*

די אַרויסטרעטונגען פון די עלטערע נביאים, פון משהן ביז אליהו, זיינען באַקרוינט מיט אויסטערלישע לעגענדעס, ווי זיי ווערן געשאַפן אַרום די פּערזענלעכקייטן פון גרויסע פאָלקס־טוער און דענקער אין אַלע צייטן, און ווי עס שאַפט זיי דער רייכער דמיון, גאַנץ באַזונדער ביי די מזרח־פעלקער.

[8] ירמיהו נב, 4—8.

דער ברענענדיקער דאָרן־בוים, וואָס ברענט און ווערט ניט פאַרברענט, דער פייער־זייל און וואָלקן־זייל, וואָס באַגלייטן דעם באַפרייטן פאָלק אויף זיינע וואַנדער־וועגן, דער שטעקן, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין אַ שלאַנג, דער ים, וואָס שפּאַלט זיך, כדי דורכצולאָזן די דערלייזטע פאָלקסמאַסן, דער פייער פון הימל, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך דעם נביא אליהו און וואָס פאַרברענט די קרבנות, דער אַרויפגאַנג אליהוס אויפן הימל — דאָס איז אַלץ אַ פּראָדוקט פון פאַנטאַסטישער פאָלקס־דיכטונג, וועלכע בילדעט זיך אַרום גרויסע, שאַפנדיקע פערזענלעכקייטן, אַרום פאָלקס־קעמפער אין דעצידירנדיקע תקופות פון דער פאָלקס־געשיכטע.

עס מוז אָבער געמאַכט ווערן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן די אויס־געדיכטעטע, איבערנאַטירלעכע דערשיינונגען און די רעאַלע סימ־באָלישע טואונגען אוןביישפּילן פון די נביאים, וועלכע ווערן דורך זיי אַרויסגעבראַכט בשעת זייערע אַרויסטרעטונגען פאַרן פאָלק און וואָס זייער כוונה איז אַ סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע: צו שטאַרקן די אויפמערקזאַמקייט פון פאָלק, צו איבערצייגן אים אין דער ריכטיקייט פון די נביאישע אַרויס־זאָגונגען און כדי איינצוקריצן אין זיין זכרון דעם אָנדענק פון באַשטימטע מעשים און סאָציאַלע אמתן.

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז שוין די עצם נעמען פון די איינצלנע נביאים, מיט וועלכע זיי זיינען געווען באַקאַנט אין פאָלק, האָבן געטראָגן אַ סימ־באָלישן כאַראַקטער. דעם נביאס נאָמען האָט געדאַרפט פון זיך אַליין דעמאָנסטרירן די אידייע, וועלכע ער פאַרטרעט און פּריידיקט, גילטן אַלס לאָזונג און פאָן. אַזוי באַטייט:

אליהו — אלי־יהוה — גאָט איז יהוה
ישעיה — ישע־יה(וה) — יהוה וועט העלפן
אלישע — אל־ישע — גאָט וועט העלפן
ירמיה — ירם־יה(וה) — יהוה וועט דערהייבן
ירום־יה(וה) — יהוה וועט זיך דערהייבן
יואל — יו־אל — יהוה איז גאָט
מלאכי — מלאך יהוה — יהוהס שליח

די נביאים

יחזקאל — יחזק־אל — גאָט איז שטאַרק
זכריה — זכר־יה — יהוה דערמאָנט זיך.

אַזוי זעען מיר אויך ווי ישעיה רופט אָן זיינע קינדער מיט סימבאָלישע נעמען, וואָס דאַרפן אויף זייער גאַנצן לעבן גילטן אַלס עדות און וואָרע־נונגען לויטן נביאישן שטייגער: איין זון רופט ער אָן עמנואל — עמנו־אל — מיט אונדז איז גאָט.[9] דער נאָמען פון צווייטן מהר שלל חש בז דאַרף גילטן אַלס התראה, אַז גאַנץ גיך וועט דאָס אשור־מיליטער אָקופּירן און צערויבן דאָס לאַנד.[10]

אויך באַנוצן זיך די נביאים מיט משלים, מיט ביישפּילן, כדי צו פאַר־שטעלן בילדעריש זייערע געדאַנקען און אַרויסצורופן צו זיי אַ פאַרשטאַרקטן אינטערעס אין פאָלק.

ווען מיר וועלן באַהאַנדלען די נביאישע אַרויסטרעטונגען יחזקאלס, וועלן מיר זיך באַקענען מיט זיין פּרעכטיקן, מיסטיש געפאַרבטן משל וועגן דעם טאָל טרוקענע ביינער.

באַזונדער אינטערעסאַנט איז ישעיהס משל וועגן דעם וויינגאָרטן:

„מיין פריינט האָט געהאַט אַ וויינגאָרטן אין אַ ווינקל פון בן שמן, האָט ער אים אַרומגעגראָבן, פון שטיינער געריניקט, האָט יונגע וויינשטאָקן פאַרפלאַנצט, האָט אין אים אַ טורעם אויפגעבויט און אַ וויין־קעלטער אויסגעהאַקט און האָט געהאָפט, אַז ער וועט אים ברענגען וויינטרויבן, ערשט ער האָט אים שטינק־אויבס געבראַכט. משפט איצט, איינוווינער פון ירושלים און יהודה־בירגער, צווישן מיר און צווישן מיין וויינגאָרטן. וואָס איז נאָך דאָ אַ זאַך צו טאָן פאַר מיין וויינגאָרטן, וועלכע איך האָב ניט געטאָן. פאַר וואָס האָב איך געהאָפט איינצוברענגען וויינטרויבן און עס האָט געבראַכט שטינק־אויבס. וועל איך אייך איצט מעלדן, וואָס איך טו מיט מיין וויינגאָרטן. איך נעם אַראָפּ זיין צוים און זאָל ער אויסגעראַמט ווערן, איך צעברעך זיין פּאַרקן און זאָל ער צעטראָטן ווערן, איך לאָז אים

[9] ישעיה ז, 14.
[10] ישעיה ח, 3.

וויסט, ער זאָל ניט אַרומגעשניטן ווערן און ניט אויפגעאַקערט ווערן, זאָלן אין אים אויפוואַקסן דערנער און די וואָלקנס וועל איך פאַרזאָגן זיי זאָלן אויף אים ניט לאָזן רעגענען קיין רעגן״.

און איצט קומט נאָכן משל דער נמשל:

„יהוהס ווייַנגאָרטן איז ישראל און יהודה איז זיין געליבטע פלאַנצונג. ער האָט געהאָפט אויף רעכט און עס איז אומרעכט, אויף גערעכטיקייט און עס איז אַ ווייגעשריי״.[11]

אויך די אַנדערע נביאים האָבן זיך פיל באַנוצט צו דערציערישע און פראָפּאַגאַנדיסטישע צוועקן מיט משלים און פאַרגלייכונגען.

ירמיהו פאַרגלייכט דאָס פאָלק צו אַ ווייַנשטאָק, פון וועלכן פרעמדע וועלן אויפקלייבן די פרוכט.[12] פּרעכטיק און איבערצייַגנדיק איז געווען זיין דערציילונג, ווי דאָס יהוה־וואָרט באַוועגט אים אַראָפּצונידערן אין דעם טעפּערס ווערקשטאָט. „און איך גיי אַראָפּ — זאָגט דער נביא — און זע ווי דער טעפּער טוט די אַרבעט ביי דעם פודעם און די כלי, וואָס דער טעפּער מאַכט פון ליים. איז עס קאַליע געוואָרן אין זיין האַנט, האָט ער דערפון געמאַכט אַן אַנדער כלי, ווי עס איז דעם טעפּער געפעלן צו מאַכן״.[13]

און דאָ קומט דער נמשל: „קאָן איך מיט אייך ניט מאַכן אַזוי ווי יענער טעפּער, ישראל־פאָלק?״[14]

באַזונדער האָט זיך באַנוצט מיט פאַרגלייכונגען דער שפּעטערדיקער נביא יחזקאל, וועלכער איז געווען שטאַרק באַווירקט פון דער שפּעט־באַבילאָנישער און פּערסישער סימבאָליק.

אויסער זיין אויסגעפּאַנטאַזירטן בילד וועגן דעם טאָל פון די טרוקענעביינער, צייכנט זיך אויס זיין פון ציגל אויסגעפורעמטער מאָדעל פון דער שטאָט ירושלים, מיט אירע מויערן און פּאַלאַצן, וועלכן ער בויט אויס

[11] **ישעיה ה׳ 1—7.**
[12] **ירמיה ו, 9.**
[13] **ירמיה יח, 3—4.**
[14] **ירמיה יח, 5.**

און צעשטערט פאַר די אויגן פון פאָלק.[15] שיין איז זיין פאַרגלייך, ווי ישראל ווערט געגליכן צו אַן אָדלער,[16] אָדער אשור צו אַ ריזיקן צעדערבוים פון לבנון, אין וועמעס געדיכטע צווייגן קומען זיך צונויף פיל פייגעלעך.[17]

טראַגיש איז דער ביישפּיל, וועלכן דער נביא גיט דעם פאָלק דורך זיינע אייגענע פּיזישע ליידן, וואָס דאַרף דערמאָנען די ליידן, וועלכע שטייען פאַר דעם פאָלק בעת דער באַלאַגערונג פון ירושלים.

ער לייגט זיך אַוועק אויף איין אָרט אויף דריי הונדערט און ניינציק טעג, ער וויל אָפּקומען מיט אַ הונגער־שפּייז און אַזוי אַרום אָנווייזן דעם פאָלק, ווי עס וועט אויסזען דאָס לעבן אין באַלאַגערטן ירושלים.

[15] יחזקאל ד, 3.
[16] יחזקאל יז, 2—4.
[17] יחזקאל לא, 3—7.

5. די נביאים און די כוהנים

ווי מיר האָבן געזען, האָט דער גאָט־באַגריף ניט געקאָנט, לויט דער סאָציאַל־רעליגיעזער פאָרשטעלונג פון די נביאים, איינשליסן זיך אין דער ראַם פון אָרט און צייט. קיין הויז און קיין טעמפּל, דער פּרעכטיקסטער און שענסטער, האָט ניט געקאָנט גילטן אַלס איינציקער און באַשרענקטער רו־פּלאַץ פאַר גאָט, ווייל „די גאַנצע ערד איז פול מיט זיין ערע". אויך האָבן זיי זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז די פאַרערונג פון גאָט, די גייסטיקע באַרירונג פון דעם מענטשן מיטן אייביקן קוואַל פון גערעכטיקייט, זאָל זיך קאָנען אויסדריקן אין דער געשטאַלט פון אַ באַשטימטן פאָרמעלן קולט און צערעמאָניאַל.

שוין האָט דער נביא הושע אויסגערופן אַלס לאָזונג פון דעם יהוה־גלויבן, וואָס איז געווענדט קעגן דעם טעמפּל־ריטואַל און די כוהנים:

„איך (יהוה) ווינטש גענאַד, און ניט קיין קרבן".[1]

אין איינער פון זיינע רעדעס, וועלכע דער נביא ישעיה האָט געהאַלטן, קאָנטיק ביים אַריינגאַנג אין טעמפּל, אַנטוויקלט ער דעם זעלביקן געדאַנק מיט מער קאַטעגאָרישקייט און ברייטקייט:

„צו וואָס באַדאַרף איך אייערע פיל קרבנות — זאָגט יהוה...
צו וואָס קומט איר מיך זען?
ווער האָט אייך געבעטן צו טרעטן מיינע הויפן?
איר זאָלט מער ניט ברענגען קיין פאַלשע גאָב,
אייער בשמים־רויכערן עקלט מיר...

[1] הושע ו׳, 6. גנאד (חסד) דאַרף אויסגעטייטש ווערן אַלס מאָראַלישע אויפפירונג.

די נביאים

אונ ווענ איר שפּרייט אויס אייערע הענט,
ווענד איך אָפּ מײנע אויגן פון אייך.
און ווען איר זאָלט אפילו פיל בעטן, הער איך ניט.
אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט.
וואַשט זיך, ריייניקט זיך.
שאַפט אָפּ אייערע שלעכטע טואונגען.
לערנט טאָן גוטס, פאָדערט רעכט,
ברענגט דערלייזונג דעם באַרויבטן,
משפט ריכטיק דעם יתום,
נעמט זיך אָן פאַר דער אַלמנה".[2]

נאָך ווייניקער האָבן זיך די נביאים געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אויפן וועג צו דער גאָט־דערקענטעניש זאָל זיך דער מענטש נייטיקן אין אַ פאַרמיטלער אין דער געשטאַלט פון אַ פּראָפעסיאָנעלן גאָט־דינער, אין דעם כוהן.

גאָט פון פאָלק, פון דער וועלט, פון דער גערעכטיקייט איז פאַר איינס אויך דער סימבאָל פון העכסטער דעמאָקראַטיע. ער איז צוגענגלעך פאַר יעדערן, אומעטום און אין יעדער פאָרעם. עס איז כלל ניט נייטיק דאָס גאַנצע סיסטעם פון קרבנות אין דעם פייערלעכן טעמפּל־צערעמאָניאַל, וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַלס פליכט און אַלס כלומרשט געטלע־כער פאַרלאַנג דורך דער הערשנדיקער כוהנים־דינאַסטיע; עס איז, נאָך זייער השגה, כלל ניט נייטיק געוועזן קיין ספּעציעלער קלאַס פון כוהנים, וואָס זאָל זיין אָפּגעריסן פון אַלטעגלעכער פּראָדוקטיווער אַרבעט און מאַטעריעל געניסן פון די קרבנות און שטייערן, וואָס ווערן אַרויפגעלייגט אויפן פאָלק אין נאָמען פון גאָט.

אויף דעם דאָזיקן באָדן האָט זיך געבילדעט, און מיט דער צייט פאַרטיפט דער אָפּגרונט, דער סאָציאַלער קאָנפליקט צווישן די נביאים און כוהנים. די כוהנים, וועלכע זיינען געווען, ווי מיר וועלן זען, אין דער תקופה פון די מלכים קעניגלעכע באַאַמטע, האָבן נאָכן פאַלן פון קעניגטום

[2] ישעיה א, 11—12, 15—17.

זיך געמיט צו פאַרנעמען די מאַכט און בילדן אַ טעאָקראַטישע מדינה. זיי זיינען געווען אָפיציעלע וואָרטזאָגער, האָבן פאַרנומען מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע שטעלעס, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אַלס אַ שטרענגן פאַמיליע־מאָנאָפּאָל, האָבן קאָנצענטרירט אין זייערע הענט גרויסע נחלאות אין דער ירושלימער פּראָווינץ און האָבן געבילדעט אַ קלאַסן־גרופּע, וועלכע האָט זיך אידענטיפיצירט אין אירע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסן מיט די קעניגן און מיט דער גוטבאַזיצערישער אַריסטאָקראַטיע.

זיי האָבן אויסגעאַרבעט שטרענגע סטאַטוטן פון דעם טעמפּל־ריטואַל און אַ סיסטעם פון אָבליגאַטאָרישע קרבנות, דורך וועלכע דאָס אונטערטעניקע פאָלק האָט באַדאַרפט אויסקויפן זיינע זינד. אַזוי פלעגן זיי שטילן קינסטלעך דעם צאָרן פון פאָלק און אָפּווענדן זיין אויפמערקזאַמקייט פון די געזעלשאַפטלעכע עוולות און פאַר איינס זיכערן זיך שטענדיקע און הויכע הכנסות אויפן חשבון פון פאָלק.

אין זייער שטרעבן צו הערשאַפט האָבן זיי זיך געמיט צו אונטערדריקן און צו באַזייטיקן יעדע אָפּאָזיציאָנעלע אַרויסטרעטונג און האָבן אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט צו די נביאים. און וואָס זיכערער עס איז געוואָרן זייער הערשאַפט, אַלץ ערנסטער האָבן זיי זיך געמיט אונטערצוגראָבן די יסודות פון דער נביאישער באַוועגונג.

דער היפך פון זיי זיינען געווען די נביאים. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון פאַרמעגן און שטאַנד. זיי זיינען געווען פרייע וואָרטזאָגער פון די פאָלקס־אינטערעסן. זייער אויפבונד מיט דער רעליגיע איז ניט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלער, ניט קיין געבונדענער מיט אַ וועלכן עס איז ריטואַל. זיי האָבן געלערנט דאָס פאָלק, אַז דער איינצלנער מענטש און דער קאָלעקטיוו קאָנען אַרויסברענגען און אויסדריקן זייערע טאָג־טעגלעכע זאָרגן און פריידן אין יעדער פרייער געשטאַלט — אין הויז, אין פעלד און אין וועג, אויסריידן זייער האַרץ פאַר דעם אַלמעכטיקן אָן שום פאַרמיטלער און פאָרמאַליטעטן און זוכן ביי אים שוץ און הילף אין נאָמען פון דער גערעכטיקייט.

די אַנטפּלעקונג פון דעם געטלעכן ווילן, פון דעם פּאָסטולאַט פון דער געטלעכער גערעכטיקייט, איז ביי דעם נביא גופא אַן אינטואיטיווער. ער

שעפּט זי פון דער טיפעניש פון זיין סאָציאַלן געוויסן. ער דרינגט זי אַרויס פון די דערשיינונגען פון דער אַלטעגלעכקייט, אין וועלכער עס אַנטפּלעקט זיך יהוהס אַנזאָג און צוזאָג, זיין וואָרענונג און זיין שטראָפנדיקע האַנט.

דער עצם־וועג צו דער נבואה איז געווען אָפן פאַר יעדן מענטשן פון פאָלק, וועלכער איז געווען מסוגל צו אַנטפּלעקן אין זיך אינעווייניק די קוואַלן פון גערעכטיקייט און בויען אויף זיי זיינע באַציונגען צו מענטש און גאָט.

עס פאַרשטייט זיך, במילא, גאַנץ גוט, אַז צווישן די כוהנים און נביאים איז אַנטשטאַנען אַ ניט־פאַרמיידלעכער קאָנטראַסט, וואָס האָט מיט דער צייט באַקומען די געשטאַלט פון אַ שאַרפן געזעלשאַפטלעכן קאָנפליקט.

מיר זעען, גאַנץ באַזונדער אין דער תקופה פון קעניג אחאב אין ישראל און פון די לעצטע מלכים אין יהודה, די שטאַרקע קעגנערשאַפט פון די כוהנים צו די נביאים, זייער בשותפותדיקע טעטיקייט מיט די מלכים, כדי אונטערצודריקן מיט אַלע מיטלען פון טעראָר און אַרעסט די פאָלקס־פריינטלעכע אָפּאָזיציע פון די נביאים.

און וואָס ערנסטער עס איז געוואָרן די פּאָליטישע לאַגע, אַלץ גרויזאַמער איז געוואָרן זייער באַציונג צו דער נביאישער באַוועגונג, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן זייער רצון צו פאַרצעמענטירן זייער הערשאַפט, אויסבויענדיק — דערהויפּט בשעת דער באַבילאָנישער דעפּאָרטאַציע — יסודות פון דער טעאָקראַטישער כוהנים־רעגירונג, ממלכת כוהנים.[3]

די נביאים האָבן אָבער, אין קעגנזאַץ צו דער אויפקומענדיקער טעאָקראַטיע, ניט פאַרלאָרן זייער סאָציאַלע אָריענטאַציע. ניט נאָר וואָס זיי האָבן שאַרף קריטיקירט און אויסגעשפּאָט די פּאָליטיק פון כוח און פאָרויסגעזאָגט דעם קראַך פון די גרויסמאַכטן, וואָס ווערן אויפגעפרעסן און צעשמעטערט איינער דורך די אַנדערע. זיי האָבן אויפגעפירט פאַרן רוינירטן פאָלק, פאַר די מאַסן, אַרויסגעריסענע פון זייערע היימען, סאָציאַל

[3] זע קאַפּיטל 13: די רדיפות קעגן דער נבואה־באַוועגונג. דער נביא אליהו. דער נביא עובדיה.

געזונטע און אָפּטימיסטישע בילדער פון אַ צוקונפט־לאַנד, ניט פון אַן אַבסטראַקטער הימלשער מלוכה פון פריסטער, נאָר פון אַ גערעכטער מענטשלעכער געזעלשאַפט, ווו אָנשטאָט דער פיזישער פויסט־קראַפט פון דעם אָקופּירער זאָל הערשן גערעכטיקייט און שלום. — „די ערד איז געגעבן געוואָרן די מענטשן״ [4] — דער מענטשהייט.

[4] תהלים קט״ו, 16.

6. די סאָציאַלע אוטאָפּיעס פון די נביאים

די שטורמען פון בירגער־קריג צווישן יהודה און ישראל, אין וועלכע עס מישן זיך מיט דער צייט אַריין אויך די אשורישע און עגיפּטישע אָקופּאַנטן, פאַרשאַרפן די נביאישע אַנטוישונג אין דעם עקזיסטירנדיקן געזעלשאַפטלעכן סדר און דערוועקן זיי אַלץ מער צו ליידנשאַפטלעכע מחשבות וועגן א נייער אידעאַלער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג אין דער צוקונפט, אין אַחרית־הימים, אין דעם סוף פון די טעג. זיי שטרעבן און ציען זיך צו יענע ליכטיקע צייטן מיט דער גאַנצער קראַפט פון זייער טעמפּעראַמענט. זיי מאָלן זיי אין די ליכטיקסטע פאַרבן, וועלכע עס קאָן נאָר אַרויסברענגען זייער רייכער דמיון. זיי דערוועקן צום ערשטן מאָל דעם משיח־געדאַנק, דעם געדאַנק פון אַ פאָלקס־דערלייזער און וועלט־דערלייזער.

מען דאַרף, מיט רעכט, אָננעמען, אַז די הערשער פון יהודה און ישראל, וועלכע האָבן בכלל ביי יעדער געלעגנהייט שרעקלעך גערודפט די פּאָליטישע נביאים, און אויך די פרעמדע געוועלטיקער און אָקופּאַנטן, האָבן ניט געוואָלט דולדן די נביאישע צוקונפט־וויזיעס, וואָס האָבן זיך פיינטלעך באַצויגן צו דער הערשנדיקער אָרדענונג. דאָס איז די סיבה, צוליב וועלכער עס זיינען צו אונדז דערגאַנגען פון די צוקונפט־שילדערונגען נאָר איינצלנע קורצע פראַגמענטן.

און טראַגיש איז געווען דער קאָנטראַסט: בשעת שלמנאסרס חיילות האָבן פאַר זיך געטריבן מחנות פון ישראלשע געפאַנגענע איבער די אַרמענישע בערג, איבערן סירישן מדבר, אָדער בעת סנחריב האָט זיך דורכגעטראָגן מיט זיינע ריזיקע מיליטער־קאָלאָנעס, ווי אַ שטורעם־ווינט, פון קליין־אַזיע און צפונדיקן סוריא קיין יהודה־לאַנד און די דעמאָראַליזירטע העכערע קלאַסן האָבן זיך געגראַבלט אין דעם רעשט פון זייער געווער און געוואָרפן זיך ליידנשאַפטלעך פון איין קאָאַליציע צו דער אַנדערער, —

אין דער זעלביקער צייט זיינען איבער די גאַסן און געסלעך פון ירושלים אַרומגעגאַנגען מענטשן־דענקער, אָנגעטאָנענע אין אַ ליינענעם העמד מיט אַ פעלענעם גאַרטל. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פרייוויליק צו געניסן פון די ווילטאָגן פון דער זינדיקער געזעלשאַפט, צו דינען דעם אָפיציעלן טעמפל־קולט, וועלכן די רייכע און זייערע קנעכטישע דינער, די כוהנים, האָבן פּאַר איינס אונטערגעטראָגן קרבנות פון פלייש און שמאַלץ און דערלאַנגט פרוכט־מתנות אין זילבערנע קערב.

אַנשטאָט דעם טעמפּל־גאָט, דעם גאָט פון זאַטע האַרן און אומגליק־לעכע קנעכט, וועמעס אוצרות מען וועט מאַרגן אַוועקטראָגן אויף די פלינקע מצרישע און אשורישע פערד און רייטוואָגנס, האָבן די נביאים און זייערע אָנהענגער געהאַט זייער גאָט, דעם גאָט פון גערעכטיקייט, וועמעס טעמפל געפינט זיך אין דער מענטשלעכער נשמה און וועלכער אַנטפּלעקט זיך אין פלאַם פון מענטשלעכן גייסט.

ווען טאָמאַס מאָרוס האָט געוואָלט מאָלן אין דער טונקעלער תקופה פון 16טן יאָרהונדערט אין ענגלאַנד זיין צוקונפט־מלוכה, האָט ער גע־מוזט אָנקליידן זיין שילדערונג אין דער געשטאַלט פון אַ דערציילונג וועגן דעם גליקלעכן אינדזל „אוטאָפּיאַ״, וועלכן ער האָט כלומרשט באַזוכט בשעת זיינע וואַנדערונגען איבערן ים.

ווען די נביאים קומען אָבער מאָלן די צוקונפט־מלוכה, ווי זי איז צייטיק געוואָרן אין זייער האַרצן און אין זייער דמיון, טראָגן זיי זי ניט אַריבער געאָגראַפיש אין אַן אַנדער אָרט, ווי עס האָט געטאָן טאָמאַס מאָרוס, נאָר אין אַן אַנדער היסטאָרישער צייט, אין „אחרית־הימים״, אין „סוף פון די טעג״.

ווי וועט אויסזען דאַן דאָס לאַנד? ווי וועלן דאַן אויסזען די פירער פון פאָלק? וואָס פאַר אַ פּנים וועט דאַן באַקומען די מענטשלעכע געזעל־שאַפט, די גאַנצע וועלט אַרום?!

אַנשטאָט דעם קעניג, וואָס ווערט געשמירט מיט בוימלען און וואָס שפּייזט זיך פון דער פּראַצע פון פאָלק, וואָס זאַמלט אויף פאַר זיך פון פאָלקס־פּרוטות אוצרות, כדי צו לייגן זיי דערנאָך צו די פיס פון העכערע טיראַנען, — האָט זיך אין דער נביאישער מחשבה געמאָלט דאָס הערלעכע

די נביאים

בילד פון אַ גאַנץ אַנדערן קעניג, פון דעם משיח־קעניג, וועלכער וועט אויפבויען אַ וועלט פון גערעכטיקייט און אַנפירן זי מיט אַ מילדער און זיכערער האַנט:

עס וועט אויף אים רוען יהוהס גייסט,
דער גייסט פון פאַרשטאַנד און באַוווסטזיין,
דער גייסט פון וויסן און אָפּשיי פאַר יהוה.
און ער וועט משפטן מיט גערעכטיקייט די אָרעמע,
און ער וועט מיט יושר פאַרמיטלען צווישן די ליידנדיקע פון דער וועלט.
און מיטן גייסט פון זיינע ליפּן וועט ער טויטן דעם אומגערעכטן.
און די גערעכטיקייט וועט זיין אַ גאַרטל אויף זיינע לענדן,
און די טרייקייט — אַ גאַרטל אויף זיינע זייטן.
און עס וועט צוזאַמענלעבן אַ וואָלף מיט אַ שעפּס,
און אַ לעמפּערט וועט ליגן מיט אַ קאַלב,
אַ לייב און אַ געשטאָפּטער אָקס וועלן זיין צוזאַמען,
און אַ קליין יינגל וועט זיי אַנפירן,
אַ קו און אַ בער וועלן זיך פיטערן צוזאַמען,
צוזאַמען וועלן ליגן זייערע קינדער,
און אַ לייב וועט עסן היי, ווי אַ רינד,
און אַ זויג־קינד וועט זיך שפּילן ביי דעם שלאַנגען־לאָך,
און צו דעם לאָך פון אַן עקדעש וועט אַן אָנטווינט קינד זיין האַנט אויסשטרעקן.
זיי וועלן ניט טאָן קיין שלעכטס און ניט פאַרדאַרבן אויף מיין גאַנצן הייליקן באַרג,
דען די וועלט איז געוואָרן פול מיט יהוה־באַוווסטזיין,
ווי וואַסער, וואָס פילט אָן דעם ים...[1]

[1] ישעיה יא, 2—9.

און דאַן וועלן אָנקומען נייע צייטן פאַרן פאָלק: „עס וועלן ווידער אויפקומען דיינע ריכטער, ווי פאַרצייטן, און דיינע ראַטגעבער, ווי אין אָנהייב, און דאַן וועט מען דיך (ירושלים) ווידער אָנרופן שטאָט פון גערעכטיקייט, טרייע היים. ציון וועט דורך רעכט אויסגעלייזט ווערן און אירע אומגעקערטע — דורך גערעכטיקייט״.[2]

און דאָס צוקונפטיקע דערלייזטע ירושלים וועט ניט בלייבן איינזאַם. זי וועט ניט זיין אַ שטאָט פון גערעכטיקייט אין אַ וועלט פון אומרעכט. די גאַנצע וועלט וועט ווערן אַנדערש „אין סוף פון די טעג״, און ירושלים וועט גילטן אַלס אַ מוסטער און אַ צענטער פאַר פיל פעלקער, וועלכע וועלן זיך באַהעפטן איינע מיט די אַנדערע און בויען אַ פרידלעך לעבן, אָפּשאַפן די מלחמות און דאָס פאַרניכטנדיקע געווער.

„און עס וועט געשען אין סוף פון די יאָרן,
דאַן וועט דער באַרג פון גאָטס הויז
זיין אין דער שפּיץ פון אַלע בערג,
און ער וועט זיך דערהייבן איבער אַלע הויכענישן,
און עס וועלן זיך צו אים ציען אַלע פעלקער.
און פיל פעלקער וועלן קומען און זאָגן:
קומט, און לאָמיר אַרויפגיין אויף דעם יהוה־באַרג,
און זאָל ער אונדז לערנען זיינע וועגן...
און זאָל ער משפּטן צווישן פעלקער,
און פאַרמיטלען צווישן די פיל נאַציעס,
זיי זאָלן צעשטויסן זייערע שווערדן און מאַכן גראָבאייזנס
און פון זייערע שפּיזן — גאָרטן־מעסערס.
אַ פאָלק אויף אַ פאָלק זאָל ניט אויפהייבן קיין שווערד,
און מען זאָל מער ניט לערנען מלחמה צו פירן.״[3]

[2] ישעיה א׳, 26—27.

[3] ישעיה ב, 1—4.

די זון פון גערעכטיקייט וועט לייכטן אין אַ גלייכער מאָס אַלעמען, וואָס זיינען באַשאַפן אין געטלעכער געשטאַלט. עס וועט אויפקומען איבער דער גאַליטענער, חרובער וועלט די וועלט־הערשאַפט פון יהוה.

די וועלט־הערשאַפט פון יהוה, די וועלט־הערשאַפט פון דער גערעכטיקייט און מענטשן־גלייכקייט, איז דער צוקונפט־אידעאַל פון דער נביאישער באַוועגונג. אין דער קעגנוואַרט שטרעבט די נביאישע באַוועגונג צו פאַרווירקלעכן די אידייען פון מאָנאָטעיזם, פון גערעכטיקייט און פאָלקס־רעכט אין די ראַמען פון זיין לאַנד, פון זיין פאָלק, וואָס דאַרף דינען, נאָך איר פאָרשטעלונג, אַלס פּיאָנערישער ביישפּיל פאַר אַנדערע און אַן אָנהייב פון אַ נייער איינשטעלונג פון אַנדערע פעלקער אין דער צוקונפט. פאַרלויפיק איז יהוה טאָלעראַנט צו דעם געצנדינערישן קולט אין אַנדערע לענדער. די וואָרטזאָגער פון מאָנאָטעיזם הערן אָבער ניט אויף, ווי מיר זעען פון זייערע צווישנפעלקערלעכע נבואות, צו קריטיקירן דאָס געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע לעבן אין די פאַרשיידענע לענדער, אַרויסגייענדיק פון זייער מאָנאָטעיסטישן שטאַנדפּונקט.

דער נביא ווייזט ניט אָן די וועגן, ווי צו דעם צו גרייכן, ער גלייבט פלאַמיק אין יהוה, דעם גאָט פון גערעכטיקייט, וועלכער „וועט זיך טרייסטן איבער זיינע פיינט און אָפּרעכענען זיך מיט זיינע קעגנער" און וועט אין פייער פון שטראָף אויסלייטערן די געזעלשאַפט פון אירע אָפּנייגונגען, ווי דער מעטאַל־אַרבעטער לייטערט אויס דעם זילבער און גאָלד פון יעדער פּסולת.

פאַרן טריבונאַל פון משיח־קעניג וועלן זיך פרייוויליק שטעלן די פעלקער פון דער וועלט, זיי וועלן אים אַליין אויסקלייבן פאַר אַ שופט אין אַלע זייערע סכסוכים. און ער, דער דערלייזער פון די אָרעמע און באַעוולטע, פון יתומים און אלמנות, וועט, קודם־כל, אַרויסרייסן דעם שווערד פון זייערע הענט, ניט דערלאָזן, אַז די ברוטאַלע מאַכט און בלוט־פאַרגיסונג זאָלן דעצידירן ביי קאָנפליקטן צווישן מדינה און מדינה. ער וועט אָפּשטעלן די מאַסן־רציחות אין דער וועלט און וועט פאַרוואַנדלען די בלוטיקע כלי־זיין, וואָס ברענגען אום מאַסן מענטשן, אין געצייג פון פרידלעכער שאַפונג אויף דער ערד.

דער משיח־קעניג וועט אָנצינדן אַ זון פון מילדקייט און שלום אין די הימלען, וואָס וועט לייכטן און וואַרעמען אַלעמען גלייך. אויפן קבר פון מיליטאַריזם, דער בלוטיקער, דורשטיקער חיה, וואָס לאָזט איבער נאָך זיך אומעטום וויסטע געגנטן, חרובע שטעט, צעטראָטענע פעלדער, אויסגעוואָרצלטע גערטנער און ריזיקע בית־עלמינס, — וועט אויסגעבויט ווערן, לויט דער אינספּיראַציע פון משיח־קעניג — אַ וועלט־מלוכה פון אַרבעט, שלום און ווילשטאַנד.

אין אַזעלכע אַלגעמיינע קאָנטורן מאָלן די נביאים, ווי מיכה און ישעיה, די קומענדיקע מענטשלעכע געזעלשאַפט, צו וועלכער זיי שטרעבן, פאַר וועלכער זיי קעמפן.

זיי זיינען אידעאַליסטן. זיי גלייבן אין דער קראַפט פון דערציונג און איבערצייגונג, דורך וועלכער עס וועט געלינגען איבערצובויען די וועלט. זיי גלייבן, אַז עס וועט קומען אַ צייט און דאָס פאָלק, אַלע פעלקער, וועלן זיך פאַרשטיין, אָנזעטיקן מיט באַוווסטזיין און לעבנס־קענטעניש. די שווע־רע נסיונות פון דער צייט וועלן זיך פאַר זיי פאַרוואַנדלען אין אַ גרויסער שול, די צייט וועט זיין זייער גרויסער איינפלוסרייכער רבי און זיי וועלן מיט אַ טיפן באַוווסטזיין און מיט אַ דרייסטער האַנט פאַרטיליקן דאָס שלעכטס, צעברעכן דעם יאָך פון אונטערדריקונג, אָפּשטעלן די שטראָמען בלוט און טרערן און עפענען ברייטהאַרציק און גוטמוטיק פאַר דער מענטשהייט די טויערן פון יענער געטרוימטער, שיינער און דערהויבענער וועלט.

וואָס באַטייטן אַנטקעגן אַזאַ אידעאַל די קוילנוואַרפערס און די אייזערנע רייטוואָגנס פון אשורישן מיליטער, די שפּיזן און שווערדן פון די ירושלי־מער קעמפער?! די צוקונפט וועט אויפלייכטן צו גלייך פאַרן זיגער און באַזיגטן, אַלע וועלן אויסגעגליכן ווערן אין שטראַליקן מאָרגן, און וואָס עס ווערט היינט צעשטערט, וועט אין פריידן אויפגעבויט ווערן אויף ס׳ניי מיט דער שעפערישער סאָלידאַרישער האַנט פון באַהעפטע פעלקער.

פאַר אַזאַ אידעאַל איז כדאי געווען צו קעמפן און ליידן, און די נביאישע באַוועגונג האָט אַרויסגעבראַכט ניט נאָר אירע פלאַמיקע פריי־דיקער און דערקלערער, נאָר אויך אירע מאַרטירער און קרבנות, וועלכע

זיינען גערודפט און מאַסנווייז געשאָכטן געוואָרן דורך די, וואָס האָבן געוואָלט דורך פיזישער קראַפט לאָזן פאַרשטומען דעם קול פון פּראָטעסט, פון וועלט־געוויסן און גערעכטיקייט.

די נביאים זיינען שווער פאַרפאָלגט געוואָרן דורך מאַכטהאָבער און טיראַנען. זיי זיינען געפּייניקט געוואָרן צום טויט און זייערע געשריבענע רעדעס זיינען פאַרברענט געוואָרן, אָבער זייער אָנזאָג פון אַ נייער צו־קונפט־וועלט, פון שלום אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און אין דער נאַטור בכלל, האָט אָנגעצונדן אַ ליכט־טורעם אין דער מענטשלעכער געשיכטע, וואָס האָט אין די שווערסטע צייטן פון בלוט־פאַרגיסונגען און רעליגיעזן פאַנאַטיזם געזייט ליכט און טרייסט און געבראַכט אָפּקלאַנגען פון אַ צייט, וואָס וועט מוזן קומען, — אַ הייס געגאַרטע צייט, ווען מלחמות וועלן אָפּגעשאַפן ווערן, ווען פעלקער וועלן זיך דערנענטערן איינע צו די אַנדערע, ווען כלי־זיין פון בלוט־פאַרגיסונג און מענטשן־פאַרניכטונג וועלן זיך פאַרוואַנדלען אין מכשירים פון פּראָדוקטיווער אַרבעט, מכשירים צו באַאַרבעטן די פאַרוויסטע ערד און אַרומצושניידן די פאַרלאָזענע פרוכטביימער. אין צענטער פון דער צוקונפט־אַרבעט שטייט די ערד־אַר־בעט.

*

באַטראַכטנדיק סאָציאַל־היסטאָריש די אוטאָפּיסטישע פאַרשטעלונגען פון די נביאים און באַפרייענדיק זיי פון זייער חיצוניותדיקן מעטאַפיזישן לבוש, קאָנען מיר געווינען פאַר דער היינטצייטיקער יידישער קולטור און פאַר דער סאָציאַלער וויסנשאַפט אַן אומדערשעפּלעכן קוואַל פון געדאַנ־קען און בילדער, וועלכע דאַרפן און מוזן פּראָדוקטיוו אויסגענוצט ווערן אַלס בוישטיינער פאַר דער געזעלשאַפטלעכער דערציונג פון דער יוגנט און די פאָלקסמאַסן אין אונדזער דור.

צווייטער טייל

7. דער אורשפרונג פון דער נביאישער באַוועגונג. משה — „דער האַר פון די נביאים"

די נבואה אַלס אַ געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג, וואָס איז געבונדן מיט די טאָג־טעגלעכע באַדערפענישן פון די מאַסן, האָט ניט געקאָנט אויפקומען בלויז צופעליק. אין געזעלשאַפטלעכן לעבן גופא, אין דעם גאַנג פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג מוזן ליגן די סיבות, וואָס האָבן געהאַט אַרויס־גערופן די נביאישע באַוועגונג.

מיר קאָנען דעריבער אָננעמען מיט פולער זיכערקייט די באַהויפטונג פון אונדזער אַלטצייטיקער ליטעראַטור, וועלכע באַצייכנט משהן אַלס פאָטער און האַר פון די נביאים. אין זיין אַרויסטריט פאַרן פאָלק און פאַר די עגיפּטישע הערשער און אין זיין טעטיקייט אַלס פירער פון דער באַפרייונגס־באַוועגונג פון זיינע פאַרקנעכטעטע שטאַם־ברידער געפינען די נביאישע אידייען זייער ערשטן אויסדרוק, זייער אורשפרונג. עס ווערט וועגן אים בפירוש געזאָגט: „און עס איז נאָך נישט אויפגעקומען אין ישראל קיין נביא ווי משה".[1]

אין פרימאָרגן פון דעם פאָלקס־אויפקום, פון דער געזעלשאַפטלעכער פאָרמאַציע פון דער ישראל־געמיינדע אין מצרים, און איר אַרויסטריט אויף דער היסטאָרישער אַרענע, האָט די אחריותפולע און שווערע תקופה אין לעבן פון פאַרקנעכטעטן פאָלק צו ערשט געצייטיקט דעם דערשיינען פון אַ וואָרטזאָגער און אָרגאַניזירער, וועלכער האָט געזעלשאַפטלעך ריכ־טיק אויפגעפאַסט די פאָלקס־אינטערעסן און איז אַרויסגעטראָטן אַלס שליח פון דער גערעכטיקייט און פון דער פאָלקס־פרייהייט, וואָס איז פערזאָני־

[1] דברים לד, 10.

פּיצירט געוואָרן אין יהוה, דעם גאָט פון זיינע עלטערן, וועלכער האָט זיי געשוואָרן פרייהייט און ווילשטאַנד פאַר זייערע קינדער.

„אַרויסגייענדיק צו זיינע ברידער און צוזעענדיק זייערע ליידן״, האָט משה תופס געווען, אַז די פאָלקס־פרייהייט איז די לעבנסנייטיקע הצטרכות פון די ישראל־געמיינדעס, וואָס זיינען אָפּגעריסן מיט גוואַלד פון זייער פרייען אַרבעטס־לעבן אין גושן און אַריינגעוואָרפן געוואָרן אונ־טערן יאָך פון שווערע מלוכהשע צוואַנג־אַרבעטן אין פּיתום און רעמסס.

עס איז קלאָר, אַז ניט אין דער נאַטור־אמונה פון די עגיפּטער מיט זייער קולט פון בהמות און ניט אין זייערע פּריסטערס, וואָס האָבן געגעבן זייער גייסטיקן שוץ און ברכה די הערשער און פאַרשקלאַפער, האָט דערזבער משה בן עמרם געקאָנט געפינען אַ מאָראַלישן שטיצפּונקט צום באַפריי־ונגס־שטרעבן פון זיין שטאַם.

בשעת זיינע וואַנדערונגען איבער די אַרומיקע וויסטענישן האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיין שפּירזאַמען געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזיין די עקזיס־טענץ פון אַ העכערער איבערמענטשלעכער קראַפט, וועלכע שיצט דאָס גערודפטע פאָלק און פירט אים מיט זיין וואָלקן ביי טאָג און מיט זיין פייער־זייל ביי נאַכט אויף זיין גרויסן וועג צו דער פרייהייט. יהוה, דער געטלעכער פירער פון ישראל, אַנטפּלעקט זיך אים צו ערשט אין דער וויסטעניש, אין דעם ברענענדיקן דאָרן־בוים, וואָס ברענט און ווערט ניט פאַרברענט. און פון ברענענדיקן דאָרן, ווי פון דער טיפעניש פון משהס באַוווסטזיין, קלינגט פאַר אים יהוהס רוף: „זען האָב איך געזען די ליידן פון מיין פאָלק, וואָס אין עגיפּטן, און זייער געשריי קעגן זייערע אונטער־דריקער האָב איך געהערט. איך האָב געוווסט זייער ווייטיק, בין איך געקומען זיי צו ראַטן פון דער עגיפּטישער האַנט און אַרויסצוברענגען זיי פון יענעם לאַנד אין אַ גוטן און ברייטן לאַנד, אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק... און איצט גיי, איך שיק דיך צו פרעהן, און פיר אַרויס ישראל פון עגיפּטן.״[1*]

[1*] שמות ג, 7—8, 10.

און ווי מיר ווע̇לן זען ביי אַלע נביאים, נעמט אויף משה זיין געזעל־שאַפטלעכע און פּאָליטישע טעטיקייט און פאָלקס־פירונג ווי אַ סאָציאַל־רעליגיעזע שליחות. ער איז דער פון גאָט געשיקטער און פון אים גע־זאַלבטער פירער פון זיין פאָלק. ער איז באַרופן צו פאַרווירקלעכן אַ רעוואָ־לוציאָנערע אַקציע, — די באַפרייונג פון פאַרשקלאַפטע און געפייניקטע פאָלקסמאַסן, צו פירן שטרענגע און קאַטעגאָרישע פאַרהאַנדלונגען מיטן עגיפּטישן הערשער, שטיצנדיק זיך אויף זיין איבערצייגונג וועגן דער עקזיסטענץ פון דער דאָזיקער גערעכטער מאַכט, וועלכע איז שטאַרקער פון אַלע שטאַרקע, און מיט דער הילף פון וועלכער די באַפרייונג וועט רעאַליזירט ווערן, מעגן די פאַרשקלאַפער דאָס ווע̇לן אָדער ניט.

אין דער געשיכטע פון די צען פּלאָגן קומט צום אויסדרוק דער גע־דאַנק, אַז אין די גרויסע נאַטור־קאַטאַסטראָפעס אַנטפּלעקט זיך דער כוח פון דער שטראָפנדיקער געטלעכער מאַכט און אַז זיי דאַרפן דינען אַלס אַ וואָרענונג פאַר די הערשער פון די לענדער, און אַ באַוויַיז, אַז עס עקזיס־טירט אַ סאָציאַלע און מאָראַלישע מאַכט, וואָס שטייט העכער פון זיי, וואָס צעברעכט זייער טיראַנישע גאווה.

דאָס ים־ליד, וואָס עס זינגען די באַפרייטע פּאָקס־מאַסן נאָך זייער גליקלעכן איבערשרייטן די וואַסערן פון רויטן ים, געיאָגטע דורך די עגיפּ־טישע חיילות און אייזערנע רייטוואָגנס, איז אַ טריומף־געזאַנג דער וועלט־גערעכטיקייט און איר נצחון איבער די פיזישע כוחות פון די פאַרשקלאַ־פער:

„דיין רעכטע האַנט, יהוה, איז מעכטיק,
דיין רעכטע האַנט צעשמעטערט דעם פיינט.
מיט דיין גרויסקייט רויִנירסטו דיינע קעגנער.
דו שיקסט דיין צאָרן, פאַרברענט ער זיי ווי שטרוי...
האָסט אויסגעשטרעקט דיין האַנט, האָט זיי איינגעשלונגען די ערד.
מיט דיין גנאָד האָסטו געפירט דאָס פאָלק, וואָס האָסט דערלייזט".[2]

[2] שמות טו, 6—7, 12—13.

משה פירט אָן מיטן פאָלק אויפקלערעריש און דערציעריש. אויפן שטייגער פון די נביאים, וואָס טרעטן אַרויס פאַרן פאָלק שפּעטער נאָך דער קאָלאָניזירונג אין לאַנד, מיט ער זיך ניט אַרויפצוצווינגען אויפן פאָלק זיינע פאָרשלאָגן, זיין דיקטאַט, נאָר אים צו איבערצייגן, צו דערוועקן אים צו אַקטיווקייט.

עס ווערן אים צוגעשריבן אויך פּרינציפּן פון קאָלעקטיווער פאָלקס־פירונג.

אים שרייבט צו די געשיכטע דאָס בילדן פון דעם ערשטן פאָלקס־ראַט, וואָס איז באַשטאַנען פון זיבעציק עלטסטע פון די שטאַמען, די אסיפת־הזקנים, וועלכע האָט געזאָרגט פאַר די אַלגעמיינע אינטערעסן פון די שטאַמען ביז זייער פּאָליטישער באַהעפטונג צו איין פאָלק און ביז דער גרינדונג פון פאָלקס־קעניגטום.

קלאָר ווערט דער דאָזיקער געדאַנק אויסגעדריקט אין די פּסוקים:
„ווי זאָל איך טראָגן אַליין אייערע באַמיונגען, אייערע האַנדלונגען און פּראָצעסן. גיט מיר מענטשן קלוגע, פאַרשטענדיקע, גוט באַקאַנטע אין אייערע שטאַמען, און איך וועל זיי באַשטימען (צו שטיין) אין אייער שפּיץ. און איר האָט געענטפערט און געזאָגט: ,גוט איז די זאַך וואָס דו האָסט פאָרגעלייגט טאָן׳ ”.[3]

די דאָזיקע קאָלעקטיווקייט און דעמאָקראַטישע פאָלקס־פאַרטרעטונג, פאַר וועלכער עס האָבן שפּעטער געקעמפט די ישראלשע נביאים, ווערט פאַררעכנט פאַר אַן אַלטער פּאָליטישער טראַדיציע, וועלכע משה האָט געהאַט איבערגענומען פון דעם אַלטן מדיינישן שטאַם און פון זייער פּריסטער יתרו, וועמעס טאָכטער (צפּורה) ער האָט געהייראַט.

עס ווערט דערציילט אין אַן אַלטצייטיקן קאַפּיטל, וועלכער שטאַמט, ווי עס זעט אויס, פון דעם „בוך פון בונד“ („ספר הברית“), ווי „משה האָט זיך געזעצט ריכטן דאָס פאָלק, און דאָס פאָלק איז אַרום אים געשטאַנען פון דער פרי ביז אין אָוונט“, בעת „משהס שווער האָט זיך צו אים אָנגערופן: „ניט גוט איז די זאַך, וואָס דו טוסט. דו וועסט מיד ווערן און דאָס

[3] דברים א, 12—14.

פאָלק וועט מיד ווערן, דען עס איז שווער די זאַך פאַר דיר. דו וועסט דאָס ניט קאָנען טאָן אַליין... זוך אויס פון גאַנצן פאָלק פליסיקע גאָטספאָרכטיקע מענטשן, מענטשן פון אמת און קעגנער פון באַשטעכונג און זאָלן זיי ריכטן דאָס פאָלק צו יעדער צייט און זיי זאָלן יעדע האַרבע זאַך ברענגען פאַר דיר און יעדע קליינע זאַך זאָלן זיי ריכטן (אַליין) און אַזוי וועלן זיי זיך פאַרלייכטערן און טראָגן (די אַרבעט) מיט דיר״.[4]

דער דערציילער פון דער משה־געשיכטע באַהאַלט ניט פונעם פאָלק, וואָס דערציט זיך לאַנגע דורות אויף די ביבלישע דערציילונגען, די מאָמענטן פון משהס וואַקלענישן, שוואַכקייטן און צווייפל. ניט מיט איין מאָל געפינט דער זוכנדיקער און דענקנדיקער מענטש דעם וועג צום פאָלק און צו זיין באַפרייונגס־קאַמף. משה באַקלאָגט זיך אויף דעם שווערן וועג פון זיין פאָלקס־אַרבעט, אויף דער אומפאַרשטענדעניש מצד די מאַסן; עס פלאַצט אים אָפט מאָל דאָס געדולד און ער שרייט אויס צו גאָט: „וואָס זאָל איך מאַכן מיט דעם דאָזיקן פאָלק, נאָך אַ ביסל, וועלן זיי מיך פאַרוואַרפן מיט שטיינער״.[5] אָפט מאָל פירט ער אויך אַן אידייאישן וויכוח מיט גאָט.

מיר קאָנען נאָכפאָלגן טריט ביי טריט דעם וווּקס און די אַנטוויקלונג פון זיין סאָציאַלן באַוווּסטזיין.

משה ווערט אויך היסטאָריש באַטראַכט אַלס דער ערשטער געזעצגעבער, אַלס דער פאַרפאַסער פון די ערשטע גרונט־געזעצן, די נייטיקייט פון וועלכע עס האָט געצייטיקט יענע דעצידירנדיקע צייט אין לעבן פונעם פאָלק. אין דער פראַגמענטאַרישער געזעצגעבונג פון די צען געבאָטן, עשרת הדברות, וועלכע ער האָט אויסגעאַרבעט און דערלאַנגט דעם פאָלק אויפן סיני־באַרג נאָך אַ פערציק טאָגיקער פאַראייניזאַמונג אין יהוהשער אינספּיראַציע, ווערט געשיצט דאָס מענטשלעכע לעבן, די סטאַבילקייט פון דער פאַמיליע, עס ווערט געזיכערט דאָס אויפגעקומענע פריוואַט־אייגנטום פון פאַרלעצונגען און עס ווערט פראָקלאַמירט אַן אָבליגאַטאָרישער רו־טאָג פאַר דעם פרייען און אומפרייען אַרבעטס־מענטש. ער זעט שוין די קנעכטשאַפט אַלס הכרח־

[4] שמות יח, 17—18, 21—22.

[5] שמות יז, 4.

יותדיקע עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציע, און ער מיט זיך געזעצלעך צו שיצן דעם קנעכט און דינסט פון איבערטריבענער עקספּלואַטאַציע. דער דאָזיקער גרונט־געדאַנק ווערט אין א ברייטערער פאָרעם דורכגעפירט אויך אין דעם „ספר הברית״, „דעם בוך פון בונד״, וועלכער ווערט אויך צוגע־שריבן משהן.[6]

ביי אַלע שווערע אומשטענדן און אין יעדער פּראָבלעמאַטישער סיטו־אַציע הערט משה ניט אויף אויסצוטייטשן און דערקלערן דעם פאָלק זיינע לעבנסוויכטיקע אינטערעסן, וועלכע ער זעט קלאָרער ווי די גרויסע פאָלקסמאַסע, וואָס איז פאַרזונקען אין שווערער אַלטעגלעכקייט.

טראַגנדיק די פאַן פונעם פאָלק, איז אים אָפט אויסגעקומען האַרט צו קעמפן קעגן דער מוטלאָזיקייט, קורצזיכטיקייט, אָפּגעשטאַנענקייט און אומבאַוווסטזיניקייט פונעם פאָלק.

עס איז ניט אַלץ צוגעגאַנגען פּשוט און גלאַט. עס זיינען אויך פאָר־געקומען שאַרפע קעגנערישע אַרויסטרעטונגען קעגן זיין פירונג און קעגן דער פּריווילעגירטער שטעלונג פון די כוהנים, זיינע שטאַם־ברידער. עס איז, קאָנטיק, אויסגעלאָזן געוואָרן דורך די שפּעטערדיקע רעדאַקטאָרן פון די תנ״ך־ספרים די גאַנצע געשיכטע מיט דעם קורח־ און דתן־ואבירם־אויפשטאַנד. זיי ווערן נאָר דערמאָנט און באַשטראָפט אַלס ווידערשפּעניקע און פאָלקס־פיינטלעכע עלעמענטן. מען דאַרף אָבער אָננעמען, אַז זייער אויפשטאַנד איז געווען דער אויסדרוק פון אַ געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג, פון דער פאָלקס־אומצופרידנקייט, וועגן וועלכער מיר קאָנען ניט אורטיילן צוליבן מאַנגל פון ידיעות.

מיט פאָלקס־דערציערישע כוונות ווערן דערציילט אין דער ביבל פיל איינצלהייטן וועגן די אַלע שטערונגען, וואָס זיינען געשטאַנען, פון די ערשטע טריט, אויפן וועג פון דער באַפרייונגס־באַוועגונג, וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן דורך משהן. קעגן דער באַפרייונג פונעם פאָלק איז געשטאַנען ניט נאָר די פאַרשקלאַפערישע עגיפּטישע רעגירונג, וועלכע האָט זיך אין יענער קריטישער תקופה באַזונדערס געניייטיקט אין אַרמייען

[6] זע פּרטים אין קאַפּיטל 21: „די נביאים אַלס געזעצגעבער״.

פאַרקנעכטעטע פעלקער, כדי צו באַפעסטיקן אירע גרענעצן. דאָס מוט־לאָזע, אָפּהענטיקע, פאַרפייניקטע פאָלק האָט זיך געהאַט איינגעלעבט אין זיין שקלאַפישן לעבנס־שטייגער און האָט ניט געגלייבט אין דער קראַפט פון זיין אָרגאַניזירטן ווילן, וועלכן עס איז אויסגעקומען ערשט צו דער־וועקן און צו שמידן.

עס שטראַלט אויף, יעדנפאַלס, אין דער פּערזענלעכקייט פון משהן מיט אַ באַזונדער טיף דערציערישן שיין די גרויסע באַשיידנקייט, די אָפּפערוויליקייט, דער מאַנגל פון יעדער אייגנליבע און פון פּריוואַטן אינטערעס, דער מאַנגל פון יעטוועדן פּערזאָנען־קולט — אַ שטריך, וואָס גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם אויך אין די אַרויסטרעטונגען פון אַלע שפּעטערדיקע נביאים, פון שמואל און אליהו, ביז צו ירמיהו און ביז צו די אַזוי גערופענע „לעצטע נביאים".

משהן איז אויך אויסגעקומען איבערצולעבן די תהום־טיפע טראַגיק פון די גרויסע פּיאָנערן און פאָלקס־קעמפער: ער האָט ניט דערלעבט צו ברענגען צום ענדציל די באַוועגונג, פאַר וועלכער ער האָט געווידמעט זיין גאַנץ לעבן.

אַן אָנגעזעטיקטער מיט גרויסע דערפאָלגרייכע אויפטוען און אויסגע־קעמפטע שלאַכטן, האָט ער האַרציק און מיט אַ טיפן בענקען געבענטשט די ברייט צעלייגטע לאַגערן פון די ישראל־שטאַמען בעת זייער אָנקומען אין די בליענדיקע אָאַזיסן אויף די גרענעצן פונעם געגאַרטן לאַנד.

„און משה איז אַרויפגעקומען פון די מואבישע סטעפּעס אויף דעם באַרג נבו, אויפן שפּיץ פון דער הויכעניש, וואָס קוקט אַרויס אויף יריחו, און יהוה האָט געוויזן דאָס גאַנצע לאַנד צו אים און האָט געזאָגט: דאָס איז דאָס לאַנד, וואָס איך האָב געשוואָרן אברהמען, יצחקן און יעקבן אַזוי: „דיינע קינדער וועל איך עס געבן. איך האָב דיר דאָס געוויזן פאַר דיינע אויגן, אַהין אָבער וועסטו ניט אַריבערקומען... און משה איז געשטאָרבן דאָרטן, אין מואב־לאַנד... און ביזן היינטיקן טאָג ווייס קיינער ניט דעם אָרט פון זיין קבר".[7]

[7] דברים לד, 1, 3—6.

8. די ערשטע אויפשטראַלונג פון דער נבואה־באַוועגונג אויפן ארץ־ישראלדיקן באָדן. — די נביאה דבורה. דער נביא שמואל

נאָך דעם ווי דאָס פאָלק האָט זיך געהאַט פעסט באַזעצט אויפן באָדן און האָט זיך צום גרעסטן טייל איינגעוואָרצלט אין ערד־אַרבעט, האָט זיך געשאַפן אַ קאָנקרעטע עקאָנאָמישע באַזע פאַר דער אַנטוויקלונג און פאַר דעם אויפשטייג פון דער נביאישער באַוועגונג.

עס דערוואַכט צו ערשט די נביאישע אַקטיווקייט אין דער געשטאַלט פון אַ פרוי — דער נביאה דבורה.

אין אַ מאָמענט פון אַן אָנגריף מצד די אַראַמייער אויף דער צפון־זייט פון לאַנד פאַראייניקט זי מיט איר פלאַמיקן רוף די צעשפּליטערטע שטאַמען פון פאָלק און אָרגאַניזירט זיי צו אַ געשלאָסענעם ווידערשטאַנד:

זערוואַך, דערוואַך, דבורה,
דערוואַך און זינג דיין ליד.

און מיט ליד און געזאַנג האָט זי געפירט פרייוויליקע פויערן־אַרמייען צום פרייהייטס־קאַמף און אין איר וויזיע האָט זיך איר פאַרגעשטעלט, ווי מיט אַ צייט פריער די פאָלקס־פירער משהן און יהושוען, אַז יהוה האָט מאָביליזירט די נאַטור־כוחות צו הילף דעם קעמפנדיקן פאָלק. זיי האָבן זיך דערוועקט און אויפגעברויזט, כדי אָפּצושרעקן די פיינט און זיי צו באַזיגן.

אַזוי פאַרגלייכט זי אין איר פּאָעטישער אַרויסטרעטונג פאַרן פאָלק דעם נצחון איבער סיסראַן מיט די נצחונות בעת דעם פאַרצייטיקן אויפ־מאַרש פון די פאָלקס־שטאַמען ביי די גרענעצן פון אדום־לאַנד און זינגט איר לויב־געזאַנג יהוהן:

די נביאים

„יהוה, בשעת דיין אַרויסגאַנג פון שעיר,
בשעת דיין אַרויסמאַרשירן פון אדום־פעלד
האָט די ערד געשטורעמט,
דער הימל האָט געטריפט,
די וואָלקנס האָבן געטריפט,
בערג זיינען צערונען פאַר יהוהן,
אָט דער סיני — פאַר יהוהן,
דעם גאָט ישׂראלס״.[1]
פון הימל אַרויס האָבן די שטערן געשטריטן,
עס האָט זיי (די שונאים) פאַרשלעפט דער קישון־טייך,
דער אַלטצייטיקער טייך, דער קישון־טייך״.[2]

דאָס דבורה־ליד איז בעצם אַ נצחון־ליד איבער די אַראַמעישע אַריינ־דרינגלער.

דער נביאישער עלעמענט אין דעם ליד דריקט זיך אויס מיט אַ באַ־זונדער בולטקייט אין דבורהס באַוווסטזיניקער און אַקטיווער פירערשאַפט. זי איז אַ פּרייוויליקע, פון פאָלק אָנערקענטע פירערין און ריכטערין. דאָס פאָלק האָט זי אַרויסגערוקט פון זיינע רייען, האָט אויפגענומען איר איני־ציאַטיוו, און זי, אַ באַפליגלטע דורך דעם פאָלקס־צוטרוי, האָט זיך דער־הויבן ווייט איבער דער פונקציע פון אַ קריג־פירערין אויפן שטייגער פון די אַנדערע שופטים. אין איר האָט זיך אַנטפּלעקט דער אידייאישער גייסט פון דער נביאישער באַוועגונג.

„און דבורה, די נביאישע פרוי, די פרוי פון לפּידות, האָט אָנגעפירט מיט ישׂראל אין יענער צייט, און זי פלעגט זיצן אונטער דעם דבורה־טייטלבוים צווישן רמה און בית־אל אויפן אפרים־באַרג און די ישׂראל־מענטשן פלעגן קומען צו איר זיך ריכטן״.[3]

[1] **שופטים ה, 4—5.**
[2] **דאָרטן 20.**
[3] **שופטים ד, 4—5.**

אויב אָבער די נביאישע געשטאַלט פון דבורהן אַלס פאָלקס־קעמפערין און וואָרט־זאָגערין קומט פאַר אונדז אויף אין די ביבלישע קוועלן מיט קיין ניט געניגנדיקער אויספירלעכקייט און היסטאָרישער קלאָרקייט, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז די געשטאַלט פון איינעם פון די פריע גרויסע נביאים שמואל אין איר פולער גרויס. דאָס איז די ערשטע און פּיליזייטיקע אַנט־פּלעקונג פון דער נביאישער טעטיקייט אויפן ארץ־ישראלדיקן באָדן.

שמואל, דער זון פון אלקנה, פון אַ פּויערן־משפחה אין דאָרף רמתים־צופים אין די אפרים־בערג, דאָס בן־יחיד־קינד, דאָס אויסגעבעטענע פון דער האַרציקער מוטער חנה, האָט געבראַכט צו אַ שפּראָציקן אויפטריט פון דער נבואה־באַוועגונג.

עס איז מעגלעך, אַז זיין געזעלשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט און זיין באַרעדעוודיקייט האָט ער שוין באַקומען בירושה פון זיין גייסטרייכער מוטער און דערציערין חנה, וועלכע האָט אים געבראַכט, שוין אַלס דער־וואַקסענעם יינגל, אין טעמפּל פון שילה, האָט אים געווידמעט גאָט, דאָס הייסט, פאַר געטלעך אויפגעפאַסטע, עטישע און קולטורעלע צוועקן.

מיר הערן דערהויבענע נשמה־טענער אין דעם געבעט־ליד פון שמואלס מוטער חנה, וועלכע זינגט:

עס האָט זיך דערפרייט מיין האַרץ מיט יהוהן,
עס האָט זיך דערהייבן מיין גורל מיט יהוהן.
מיין מויל האָט זיך אויסגעברייטערט אַנטקעגן מיינע פיינט,
ווייל דיין הילף האָט מיך דערפרייט...
דער בויגן פון שטאַרקע ווערט צעשמעטערט,
געשטרויכלטע האָבן זיך אָנגעגורט מיט העלדישקייט,
זאַטע האָבן זיך פאַרן ברויט פאַרדונגען
און הונגעריקע האָבן זיך אויסגעלאָזט,
ביז אַן עקרה האָט זיבן געבוירן
און די פיל־קינדעריקע איז אומגליקלעך געוואָרן.
יהוה טויט און לעבט אויף,

די נביאים

נידערט אַראָפּ אין שאול[4] און ברענגט אַרויס.
יהוה מאַכט אָרעם און רייך,
ער דערנידעריקט און דערהייבט,
ער שטעלט אויף פון דער ערד דעם אָרעמען,
ער דערהייבט פון מיסט דעם עלנטן,
צו אַוועקזעצן אים צווישן די אַדעליקע
און פאַרשאַפט זיי אַן ערן־שטול".[5]

שוין שפּירט זיך אין די קלוגע ווערטער פון דער פילאָזאָפירנדיקער מוטער די אויפשטראַלונג פון אַ וועלט־אַנשויאונג, וועלכע באַטראַכט קלאָר און בולט די פאַלקס־אמונה ניט אַלס אַ פאַרמעלן בלינדן גאָטדינסט, נאָר צ‍ַלס אַ טרייבנדיקע קראַפט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַלס פּראָטעסט קעגן דער הערשאַפט פון פיזישער קראַפט און אונטערדריקונג פון מענטשן, קעגן דער גרויסהאַלטערישער איינגעליבטקייט פון די זאַטע און רייכע און דער דערנידעריקטקייט פון די אָרעמע.

דער נביאישער געשיכטע־שרייבער האָט אונדז געוואָלט דערמיט געבן אַן אַריינבליק אין די גרונט־יסודות פון דער געדאַנקען־וועלט, אויף וועלכע עס איז דערצויגן געוואָרן חנהס זון — דער נביא שמואל.

אין אַלטן טעמפּל פון שילה האָט זיך אַנטפּלעקט דער ערשטער נביאי־שער אויפקום פון שמואלן אַלס בולטער רעוואָלוציאָנערער קאָנטראַסט צו דער שפּעטער שאַרף קריטיקירטער פאַרמעלער גאָטדינערייַ פון דעם אַלטן כוהן עלי און זיינע בנים.

ער, דער לאַנג געגאַרטער זון פון דער פויערן־משפּחה, פון חנה און אלקנה, האָט אייגנטלעך געזאָלט דערצויגן ווערן צו דער שאַבלאָנישער גאָטדינערייַ אין דעם פון בעל־קולט געירשנטן אַלטן טעמפּל פון שילה. ער האָט אָבער צוגעזען פון די ערשטע יוגנט־יאָרן דעם שקר פון עקזיסטירנדיקן רעליגיעזן קולט, די מאָראַלישע פאַרדאָרבנקייט פון דער

[4] אין דער טויטן־וועלט.
[5] שמואל א, ב, 1—8.

כוהנים־יוגנט און זייער עקספּלואַטאַציע פון דעם פאַרהאָרעוועטן האָב־און־גוטס פון די פּויערן אויפן אפרים־באַרג. ער האָט אָבסערווירט פון טאָג צו טאָג, ווי אַרבעטס־מענטשן קומען אין טעמפּל מיט אַ גוטער כוונה צו באַקומען ביי די כוהנים אַן עצה און אַן ענטפער אויף זייערע טאָג־טעגלעכע נויטן, און ווי זיי פלעגן זיך דאָ אָנשטויסן אויף דער מאַטעריעלער זשעדנעקייט פון די כלומרשט געטלעכע מענטשן.

„די זין פון עלי — דערציילט דער נביאישער געשיכטע־שרייבער ווייטער — זיינען געווען פאַרדאָרבענע מענטשן און ניט געוווּסט פון יהוהן. און אַזוי פלעגט זיין די באַציִונג פון די כוהנים צו מענטשן פון פאָלק: ווען איינער פלעגט ברענגען שעכטן אַ קרבן, פלעגט דער כוהן־יונג קומען בעת דאָס פלייש האָט זיך געהאָט געקאָכט, און מיט אַ דרייצייניקן גאָפּל אַ שטאָך געבן אין האָנטפאַס, אין קעסל, אין שיסל אָדער אין טאָפּ, און אַלץ וואָס ער פלעגט מיטן גאָפּל אַרויסשלעפּן פלעגט ער נעמען פאַר זיך. אַזוי פלעגן זיי פירן זיך מיט גאַנץ ישראל, וועלכע פלעגן קומען קיין שילה... ער (דער כוהן־יונג) פלעגט זאָגן: „גיב, ווען ניט וועל איך נעמען מיט גוואַלד״...[6] אויך פלעגן זיי זיך לייגן מיט די פרויען, וועלכע פלעגן אויפקומען ביים אַריינגאַנג אין דעם טרעפונג־געצעלט״.[7]

אַלס פּראָטעסט קעגן דער דעמאָראַליזירטקייט און פאָלקס־פאַרראַט פון די פאָרמעלע גאָטדינער דערוועקט זיך דער נביאישער פאָלקס־טרייער אַרויסטריט פון שמואלן.

ניט אין דעם פייער פון פאַרברענטן פלייש, ניט אין דעם געראָיכערטן חלב אויפן מזבח, נאָר אין אַ גייסטיק פּאַרטיפּטער וויזיע אַנטפּלעקט זיך אים דער באַוווּסטזיין פון יהוה. ער שפּירט אין דער טיפעניש פון זיין אינטעלעקט אַ רוף. ער ווייס ניט, פון אַנהייב, פון וואַנען דער רוף קומט, ביז ער ווערט ניט געוואָר דעם אמתן סוד פון דער אַנטפּלעקונג.

אין דעם אַלטן שילה־טעמפּל הערשט נאַכט. דער אַלטער כוהן מיט זיינע אויסגעלאָשענע אויגן ליגט אויף זיין געלעגער. גאָטס ליכט איז נאָך

[6] שמואל א, ב, 12—16.
[7] דאָרטן 22.

ניט אויסגעלאָשן. שמואלן שלאָפט זיך ניט אין זיין איינזאַמען ווינקל אין שלאָפעדיקן טעמפּל. ער הערט אַ קול, וואָס רופט אים. אים דוכט זיך, אַז ז'אָס רופט אים דער אַלטער עלי. ער קומט איין מאָל און צוויי מאָל צו זיין געלעגער. עס לאָזט זיך אויס, אַז ער האָט אים כלל ניט גערופן. גערופן האָט אים פון דער טיפעניש פון זיין באַוווסטזיין דער קול פון יהוה, דעם גאָט פון גערעכטיקייט, וועלכער האָט אויף אים אַרויפגעלייגט די שליחות צו פירן אַ געראַנגל קעגן די מידות פון דער צעפוילטער געזעלשאַפט.[8] „און שמואל איז געוואַקסן און יהוה איז געווען מיט אים, און ער האָט ניט פאַרנאַכלעסיקט קיין איין וואָרט זיינעס (יהוהס) און פון דן ביז באר שבע האָט מען געוווּסט, אַז שמואל איז פאַרטרויט געוואָרן אַלס נביא פון יהוה".[9]

שמואל איז ניט געבליבן מער אין שילה־טעמפּל. באַשטראַלט פון יענער וויזיע גייט ער אַרויס פון די טונקעלע פאַרשוועכטע ווענט פון אַלטן טעמפּל און לאָזט זיך אַרויס איבערן לאַנד, כדי מיטצולעבן און מיטצו־אַרבעטן מיטן פאָלק, לערנען זיין לעבן און דערציִען אים, אָפּזאָגנדיק זיך דערביי פון יעדן מאַטעריעלן, פּערזענלעכן אינטערעס.

„און שמואלס וואָרט האָט געגאָלטן פאַר גאַנץ ישראל".

און ניט נאָר זיין וואָרט אַליין: ער אַנטפּלעקט זיך באַלד ווי אַ געזעל־שאַפטלעכער טוער און קעמפער, ווי אַ גייסטיקער פירער אין דעם פאַרטיידיקונגס־קריג קעגן די אַריינדרינגלער, די פּלשתים. מיר זעען אים אַלס סטראַטעג און אַלס פאָלקס־רעדנער.

אויך זיין געזעגענונגס־רעדע צום פאָלק אויף דער עלטער צייכנט זיך אויס מיט איר רעאַליטעט און פאָלקסטימלעכקייט.

אַזוי רעדט אַ מוסטערהאַפטער כלל־טוער, וואָס גיט אָפּ אַ חשבון דעם פאָלק:

„איך בין פאַר אייך פאַרויסגעגאַנגען זינט מיין יוגנט ביזן היינטיקן טאָג. זאָגט זיך איצט אַרויס וועגן מיר פאַר גאָט און פאַר זיין געזאַלבטן

[8] שמואל א, ג, 2—8.
[9] דאָרטן 19—20.

(דעם קעניג), וועמענס אָקס האָב איך גענומען און וועמענס אייזל האָב איך גענומען, וועמען האָב איך באַרויבט און וועמען האָב איך באַוועלט, ביי וועמען האָב איך גענומען אויסקויף־געלט, כדי איך זאָל אָפּוועגדן די אויגן פון אים, וועל איך אייך צוריק אָפּגעבן". האָבן זיי געזאָגט: „דו האָסט אונדז ניט באַרויבט, דו האָסט אונדז ניט באַוועלט און דו האָסט ביי קיינעם גאָרניט צוגענומען".[10]

[10] שמואל א, י"ב, 3—4.

9. די נביאים און דער אָנהייב פון פאָלקס־קעניגטום

איינער פון די חשובסטע פּאָליטישע אויפטוען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אַ דאַנק שמואלס איניציאַטיוו, איז געווען דאָס אויסוויילן שאולן פאַרן ערשטן פאָלקס־קעניג פון ישראל. די דאָזיקע וואַל איז, לויט אַלע קעגנזעצלעכע באַשרייבונגען פון תנ״ך, דורך אים אינספּירירט און אָרגאַניזירט געוואָרן.

די אויסוואַל פון קעניג ווערט דאָ באַטראַכט היסטאָריש ריכטיק אַלס — אַן אומפאַרמיידלעכע הכרחיות. דאָס לעבן פון פאָלק האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט, דיווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע צרכים פון די פאַראייינצלטע שבטים האָבן ערנסט געפאָדערט די אויפשטעלונג פון אַ סטאַבילער צענטראַלער רעגירונג.

שוין בעת דער גרויסער שלאַכט ביים קישון־טייך האָבן די שבטים, מאָביליזירטע דורך דבורה און ברק בן אבינועם, זיך געקאָנט ענדגילטיק איבערצייגן, אַז נאָר אַ דאַנק זייער פאַראייניקונג זיינען זיי געווען אימשטאַנד אָפּצוהאַלטן אַ נצחון איבער דעם שטאַרקערן שונא.

די מלחמות, וואָס זיינען געפירט געוואָרן דורך די צייטווייליק פאַראייניקטע שבטים, האָבן געבראַכט אויך דערצו, אַז די איינצלנע באַטייליקטע שבטים — וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט זיינע באַזונדערע מלחמה־אָנפירער, די קצינים — זאָלן זיך אויסקלייבן איין אַלגעמיינעם, בשותפותדיקן קצין, אָדער פאַרטרויען זיך איין איינציקן פאָלקס־העלד (שופט), וועלכער פלעגט אין אַ קריטישן מאָמענט צונויפקלייבן די פויערן־מאַסן פון אַ גאַנצער געגנט און אַרויסטרעטן מיט זיי צו באַשיצן די פעלדער און גערטנער, און וועלכער פלעגט אויך דערנאָך, אין דער צייט פון דער־גרייכטן שלום, ניט פאַרלירן זיין אויטאָריטעט ביי די פאַראייניקטע שבטים.

אין דעם פּרט האָבן ווידער געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין לאַנד די־

הייליקע שטעט. דאָרט פלעגן זיך צונויפקומען אין די מאַרק־טעג און יום־טובים פאָלקס־מענטשן פון פאַרשיידענע געמיינדעס און שבטים, דאָרטן פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן באַראַטונגען פון די פאָלקס־עלטסטע איבער פּראָגן, וואָס האָבן געהאַט אַן אַלגעמיינעם אינטערעס. דאָרטן האָט זיך אויך געצייטיקט די באַדערפעניש אין אַ צענטראַלער פאָלקס־פירונג.

די איניציאַטיוו האָט זיכער געהערט דעם פאָלק גופא, וועלכער האָט אויף אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין דער שטאָט מצפה געפאָדערט פאַר זיך אַ „קעניג ווי ביי אַלע פעלקער, וואָס זאָל גיין פאַר אונדז פאָרויס און פירן אונדזערע מלחמות". און עס איז קיין זאַך ניט געשטאַנען אויפן וועג דעם ווילן פון פאָלק, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון זיינע ווירקלעכע עקאָנאָמישע אינטערעסן: עס איז געגרינדעט געוואָרן דאָס פאָלקס־קעניגטום.

מיט שמואלס מיטווירקונג איז צו שטאַנד געקומען דער דאָזיקער וויכטיקער פּאָליטישער אַקט, מיט וועלכן עס הייבט זיך אייגנטלעך אָן די פּאָליטישע געשיכטע פון ישראל.

אָבער די מקורים, וועלכע דערציילן אונדז וועגן דער באַטייליקונג פון די נביאים אין דער געשעעניש, שטאַמען פון פאַרשיידענע צייטן און באַהאַנדלען די טאַטזאַך פון פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן.

לויט איין נוסח איז שמואל געווען אַ פּרינציפּיעלער קעגנער פון פאָלקס־קעניגטום און האָט אָנגעוויזן דעם פאָלק אויף אַלע זיינע נעגאַטיווע זייטן, און אַז ערשט ווען דאָס פאָלק איז צו אים צוגעשטאַנען האָט ער נאָכגעגעבן און קעגן דעם אייגענעם ווילן אויסגעקליבן דעם פאָלק אַ קעניג.

דער דאָזיקער נוסח שטאַמט פון שפּעטערדיקע צייטן, ווען די שאָטן־זייטן פון קעניגטום האָבן זיך אַרויסגעוויזן און ווען די כוהנים האָבן גע־שטרעבט אויפצובויען אויף די רואינען פון באַנקראָטירטן וועלטלעכן קעניגטום אַ טעאָקראַטישע מלוכה מיטן כוהן גדול אין דער שפּיץ.

ריכטיק איז דער נוסח, אַז שאול איז אויסגעוויילט געוואָרן דורכן פאָלק פאַר אַ קעניג נאָך דעם ווי דאָס פאָלק האָט זיך איבערצייגט אין זיין העלדישקייט און באַשיידנקייט.

שאול איז געווען אין אָנהייב אַ פרייוויליקער פאָלקס־העלד ווי אַלע

פריערדיקע. ער איז ניט געווען קיין געשולטער קריגס־מענטש. ווי מיט אַ קורצער צייט שפּעטער דוד — איז ער געווען אַ יונגער ערד־אַרבעטער אין זיין היימישן דאָרף גבעה, אין אַ באַרג־דאָרף פון בנימין־לאַנד. די איינוווינער פון די יהודה־בערג האָבן זיך פון פאַרצייטן אויסגעצייכנט מיט זייער גבורה און דרייסטקייט. אין זייער קאַמף מיט ווילדע חיות, וואָס פלעגן שעדיקן זייערע ווירטשאַפטן, האָבן זיך פון זיי אַנטוויקלט אויסגע־צייכנטע שטיין־ און פיילן־וואַרפער.

אין אַ צייט פון געפאַר האָט זיך יעדער באַרג־דאָרף פאַרוואַנדלט אין אַ נאַטירלעכער פעסטונג, אין אַ לייבנגרוב. מוטיק און דרייסט האָבן די בערג־לייט געשלאָגן די אַריינדרינגלער אין די משופּעדיקע בערג און אין די שמאָלע טאָלן. אַזאַ העלדן־לאַגער איז געווען דער באַרג־דאָרף גבעה און „פון זיין אַקסל אָן העכער פון גאַנצן פאָלק" איז געווען דער יונגער שאול, דער זון פון קיש. זיין קראַפט האָט ער געהאַט אָפּגעגעבן אין שלום־צייט פאַר זיין פאָטערס ערד און פי, ביז נחש, דער קעניג פון די עמונים, וואָס זיינען געזעסן אין שכנות מיט די ישראל־שבטים אויף יענער זייט ירדן, פלעגט ניט באַפאַלן די שכנישע ישראל־שבטים פון גלעד.

דער פאַרטיידיקונגס־בונד פון די שבטים, וואָס איז געשלאָסן גע־וואָרן בשעת די העראָישע קאַמפן פון דבורה און ברק בן אבינועם, האָט איצט גערופן צו שיצן די ברידער פון גלעד־לאַנד קעגן די עמונישע אַריינדרינגלער. און שאול איז אַרויס פון פאַסטעכער־געצעלט און פון הינטערן אַקער. ער האָט מיט העלדישן ברען צעשניטן איינעם פון זיינע אַקער־אָקסן, האָט די שטיקער פונאַנדערגעשיקט איבער דער גאַנצער שכנישער געגנט און האָט געוואָרנט די פויערן־באַפעלקערונג, אַז „ווער עס וועט ניט אַרויסגיין נאָך שאולן, וועט אַזוי געשען מיט זיינע אָקסן".

דאָס פאָלק איז אים נאָכגעגאַנגען און האָט מיט דערפאָלג פאַרטריבן די אַריינדרינגלער, און ווען נאָכן אָפּגעהאַלטענעם נצחון האָט זיך דאָס פאָלק אומגעקערט אין זיינע היימען, איז אויך שאול געקומען צוריק אין זיין היימישן דאָרף, אויפן שטייגער פון די פריערדיקע העלדן, די שופטים. אָבער דאָס פאָלק האָט אים פון די שאָף אַוועקגענומען, האָט אים מיט

כבוד געפירט אין דער אַלטער, הייליקער שטאָט גלגל און האָט אים אויס־געוויילט פאַר אַ קעניג איבער גאַנץ ישראל.

צום אונטערשייד פון די פריערדיקע שופטים פון די איינצלנע שבטים, האָט דער פאָלקס־קעניג געגאָלטן אַלס שופט פון די פאַראייניקטע פאָלקס־שבטים, ער האָט געהאַט די אויפגאַבע צו שטיין אויף דער וואַך און פאַר־טיידיקן אין דער צייט פון געפאַר די ערדאַרבעטער־באַפעלקערונג פון גאַנצן לאַנד.

„עס זאָל זיין אַ קעניג איבער אונדז — האָט געזאָגט דאָס פאָלק — און לאָמיר זיין ווי אַלע פעלקער. זאָל אונדז ריכטן אונדזער קעניג, אַרויס־גיין פאַר אונדז פאָרויס און פירן אונדזערע מלחמות״.[1]

די ערשטע כוונה פון די מלוכה־גרינדער איז געווען, אַז דער קעניג זאָל בלייבן טריי דער פאָלקס־טראַדיציע און זאָל אויך ווייטער, ווי עס האָבן געטאָן די שופטים, פירן אַ באַשיידענעם לעבן און זאָל מיט זיין קליינעם שטענדיקן גאַרניזאָן (חיל מצב) פון אויסדערוויילטע העלדן שטיין אויף דער וואַך פון דער זיכערקייט פון לאַנד. די פויערן־מאַסע האָט גע־דאַרפט דינען אַלס אַ רעזערוו און נאָר בשעת אַ פיינטלעכן אַריינדרינגען אין לאַנד האָט זי געמוזט אָפּגעריסן ווערן פון איר פרידלעכער אַרבעט און באַטייליקן זיך אין פאַרטיידיקונגס־קריג.

דער קליינער ערד־אַרבעטער און גערטנער — און פון אַזעלכע איז באַשטאַנען דאָס רוב פון דער באַפעלקערונג, איז געווען אין גרונט אַ קעג־נער פון יעדער מלחמה. זיין שטרעבונג איז געווען — צו זיצן נאָך דער שווערער פיזישער אַרבעט אין פעלד און גאָרטן אומגעשטערט „אונטער זיין ווינשטאָק און פייגנבוים״. ווען ער זאָל דאַרפן אַוועקגיין אויף מלחמה, בלייבט זיין פעלד ניט באַאַרבעט, זיין האָב־און־גוטס פאַרלאָזן. אויפן מלחמה־פעלד פאַרנעמט ער דעם אָרט פון אַ געוויינלעכן סאָלדאַט, ער איז ניט קיין אָפיציר אָדער קאָמאַנדיר און איז דערצו שלעכט געשיצט פון סכנה צוליב זיין שלעכטער, דאָס רוב פרימיטיווער באַוואָפענונג. פאַלט ער

[1] שמואל א, ח, 19—20.

אין שלאַכט, בלייבט זיין באָדן ניט־באַאַרבעט, זיין אלמנה און יתומים — אָרעם און עלנט. קומט ער בשלום אַהיים, געפינט ער אַ צעשטערטע, פאַר־לאָזענעווירטשאַפט.

די גרינדונג פון פאָלקס־קעניגטום און פון אַ שטענדיקן פאָלקס־חייל אַלס אַ פאַרטיידיקונגס־אינסטאַנץ איז באַזונדער געווען נייטיק אין זיינע אינטערעסן, און די נביאישע באַוועגונג, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון די אינטערעסן פון אַרבעטנדיקן ישראלשן דאָרף, האָט ניט גע־קאָנט ניט באַגריסן פון אָנהייב די אַנטשטייונג פון פאָלקס־קעניגטום אַלס אַ נייטיקע און נוצלעכע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע.

עס איז דעריבער קלאָר, אַז ערשט די שפּעטערדיקע מסורה האָט געקאָנט אַריינלייגן אין שמואלס מויל די שאַרפע קריטיק פון קעניגטום, וואָס איז געוואָרן באַרעכטיקט ערשט אין רעזולטאַט פון דער שפּעטערדי־קער אַנטוויקלונג און וועלכע האָט געפונען איר אויסדרוק אין פאָלגנדיקע ווערטער פון דעם קעניגלעכן סטאַטוט:

„אַזוי וועט זיין דער מנהג פון קעניג, וואָס וועט געוועלטיקן איבער אייך: אייערע זין וועט ער נעמען און באַשטימען פאַר זיין רייטוואָגן און פאַר זיינע רייטער, און זיי וועלן לויפן פאַר זיין רייטוואָגן. ער וועט זיי מאַכן פאַר אויפזעער איבער טויזנט און איבער פופציק, ביים אַקערן זיין פעלד און ביים שניידן זיין שניט, ביים צוגרייטן זיינע מלחמה־כלי־זיין און זיינע רייט־מכשירים. אייערע טעכטער וועט ער מאַכן פאַר פּרעגלערקעס, קעכינס און בעקערינס, און אייערע בעסטע פעלדער און וויינגערטנער און איילבירט־סעדער וועט ער ביי אייך אָפּנעמען און אָפּגעבן זיינע דינער,[2] און פון אייער זייונג און פון אייערע וויינגערטנער וועט ער זיך נעמען אַ צענטל און וועט עס אָפּגעבן זיינע סריסים און דינער. און אייערע קנעכט און דינסטן[3] און אייערע בעסטע יונגטלעכע און אייערע אייזלען וועט ער צונעמען און אָפּגעבן אויף זיין אַרבעט. פון אייערע שאָף וועט ער נעמען

[2] קאָן אויך אויסגעטייטשט ווערן — „זיינע מיניסטאָרן".

[3] פּאַסט אויך פאַר אַ שפּעטערדיקער צייט, בעת די קנעכטשאַפט האָט געהאַט אַריינגעדרונגען אין די דאָרפישע ווירטשאַפטן.

אַ צענטל און איר וועט זיין זיינע קנעכט. און איר וועט שרייען יענעם טאָג פאַר אייער קעניג, וואָס איר האָט זיך געהאַט אויסדערוויילט״.[4]

אַלס אַזעלכע אויסנוצער און פאָלקס־רויבער האָבן נאָך ניט געקאָנט אויסזען ביים נביא די באַשיידענע פויערים־מלכים פון זיין צייט, וואָס האָבן נאָך ניט געהאַט ניט קיין הויף, ניט קיין קנעכט, ניט קיין רייכן לעבנס־סטאַנדאַרט. די דאָזיקע באַרעכטיקטע קריטיק געהערט זיכער צו אַ שפּעטערדיקער צייט און איז אפשר מיט אַ באַשטימטער כוונה און צוליב צענזור־סיבות צוגעשריבן געוואָרן דעם פאַרצייטיקן גרויסן נביא.

דער פאַרפאַסער פון דעם קעניגלעכן סטאַטוט האָט שוין פאַר זיך, קאָנטיק, אַ לאַנגע מלוכהשע פּראַקטיק. ער איז גוט באַהאַוונט אין דעם נעגאַטיוון כאַראַקטער פון שפּעטערדיקן קעניגטום. אין זיינע ווערטער שפּירט זיך דער גייסט פון דער נביאישער באַוועגונג פון דער צייט פון קעניג יאשיהו (640—609), וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו באַגרענעצן די קעניגלעכע מאַכט און אַריינצופירן זי אין קאָנסטיטוציאָנעלע ראַמען און וואָס האָט אָפּגעהאַלטן צייטווייליק איר נצחון.[5]

אַנדערש האָט זיך אין דער אמתן באַצויגן שמואל צו דער גרינדונג פון פאָלקס־קעניגטום. ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צום פאָלקס־פאַרלאַנג, וועלכער פלעגט זיך אָפּט לאָזן הערן זינט די צייטן פון גדעון אויף די פאָלקס־פאַרזאַמלונגען אין גלגל און מצפה און אין אַנדערע ער־טער. ער איז אַרויסגעטראָטן אַליין אויף אַזעלכע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, און די איניציאַטיוו פון גרינדן דאָס פאָלקס־קעניגטום געהערט אים. אויך ביים שרייבער פון שמואל־בוך געפינען מיר אַן אָפּקלאַנג פון דער פאָלקס־מאָלצייט אין צוף און פון דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין מצפה.

נאָך זיינע נצחונות איבער די עמונים האָט שאול זיך באַטראַכט ניט אַנדערש ווי אַלס אַ געוויינלעכן שופט און האָט זיך אומגעקערט אין זיין היימישן דאָרף. ער האָט געהאַט בדעה רואיק צו באַאַרבעטן ווייטער די ערד פון זיין פאָטער קיש און צו פיטערן זיינע מוילאייזלען אין די בערג.

[4] שמואל א, ח, 11—18.

[5] זע קאַפּיטל 21 : „די נביאים אַלס געזעצגעבער״.

האָט אָבער געטראָפן אַ צופאַל און עס זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען זיין פאָ־טערס מוילאייזלען און דער יונגער העלדישער פויער האָט זיך געלאָזט זוכן זיי אין דער גאַנצער געגנט, און „זוכנדיק די מויל־אייזלען, האָט ער געפונען די מלוכה". דער צופאַל האָט אים געבראַכט אין דער היים פון נביא שמואל, ביי וועמען ער האָט געוואָלט פרעגן אַן עצה ווי צו געפינען די פאַרלאָרענע מוילאייזלען.

עס איז גראָד געווען אַ פאָלקס יום־טוב אין שטאָט און אויף דעם גרינעם בליענדן בערגל, דעם נאַטור־טעמפל פון דער פאַרצייטיקער פאָלקס־אמונה, זיינען זיך די בירגער צונויפגעקומען צו עסן און צו פרייען זיך מיט גאָט. אַהער צו איז געקומען אויך שאול צו זען דעם נביא, וועלכער האָט זיך געפונען צווישן פאָלק. דער פאָלקס־העלד פון גבעה איז געווען שטאַרק געליבט דורכן פאָלק פאַר זיינע נצחונות און, דערזעענ־דיק אים, האָט די פייערלעכע פאָלקס־פאַרזאַמלונג אַרויסגעזאָגט איר ווילן, אַז דער נביא זאָל אים זאַלבן פאַר אַ קעניג איבער ישראל, און דער נביא האָט דערפילט זייער ווילן.

אַזוי האָט זיך די פּראָווינציעלע פאָלקס־שמחה און פאָלקס־מאָלצייט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער דערשיינונג: עס איז געבאָרן געוואָרן דאָס פאָלקס־קעניגטום פון ישראל.

10. די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פונעם לאַנד אין דער קעניגלעכער תקופה. דער קעניג דוד און די נביאים פון זיין צייט

ווי אומעטום אַנדערש האָט דאָס פאָלק־קעניגטום אויך אין ארץ־ישראל דערפילט אין אָנהייב פּאָזיטיווע פונקציעס. שאול און דוד האָבן ביידע אָפּגעשטאַמט פון פּויערן־משפחות און זייער אויפגאַבע האָט באַדאַרפט זיין צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אָרעמע פּויערן, וועלכע זיינען געווען די מערהייט פון דער באַפעלקערונג אין אַלע טיילן פונעם לאַנד. צו דעם דאָזיקן צוועק האָבן די אויסדערוויילטע מלכים זיך דערווייטערט פון דאָרף, אָפּגעריסן זיך פון דער ערד־אַרבעט און צוזאַמען מיט זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פון פעלד און גאָרטן איינצלנע פאָלקס־העלדן, וועלכע האָבן זיך געהאַט אויסגעצייכנט אין די פריערדיקע מלחמות. זיי האָבן געבילדעט איצט די פירערשאַפט פון דעם שטענדיקן גאַרניזאָן (מצב), דעם קערן פון אַ שטענדיקער פאָלקס־אַרמיי. מיט דער הילף פון דעם דאָזיקן גאַרניזאָן האָט דער קעניג באַדאַרפט דערפילן זיין התחייבות פון נאַציאָנאַלן שוץ, וואָס די פאָלקס־פאַרזאַמלונג, די אספת הזקנים, האָט אויף אים געהאַט אַרויפגעלייגט. מיט זיין אָנפירער, דעם קעניג בראש האָט דער גאַרניזאָן באַדאַרפט האַלטן וואַך אויף די גרענעצן און שיצן דאָס לאַנד פון די אַרומיקע פעלקער, וועלכע האָבן זיך ביז דאַן אָפט באַנוצט מיט דער צעשפּליטערטקייט פון די שבטים און פון די דאָרף־געמיינדעס, כדי אָפּצורייסן ביי די נייע קאָלאָניסטן שטיקער פרוכטבאַרן באָדן.

און אין דער אמתן האָבן זיי אַריינגעטראָגן אַ געוויסע זיכערקייט און סטאַבילקייט אין די פּויערישע ווירטשאַפטן. די פּויערן האָבן געקאָנט איצט, באַנוצנדיק זיך מיט מעטאַל־מכשירים, פאַרגרעסערן זייער פּראָ־

דוקציע און אויסאַרבעטן, אויפן שטייגער פון די אַרומיקע פעלקער, פאַר־שיידענע קולטור־פלאַנצן און רוישטאָפן פאַר האַנטווערק און אינדוסטריע, וואָס פלעגן פאַרשפרייט ווערן איבער די לענדער פון נאָענטן מזרח דורך דער פאַרמיטלונג פון די גרויסע קאַראַוואַנען, וועלכע האָבן זיך געצויגן פון אשור און בבל איבערן יזרעאל־טאָל און דער שפלה קיין מצרים.

עס האָט זיך נאָך ניט געהאַט אויסגעלעבט די אַלטע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, לויט וועלכער דער באָדן איז געווען צעטיילט אין גלייכע טיילן צווישן די פאַמיליעס פון די ערשטע קאָלאָניסטן — ווי דאָס איז געשען שפּעטער בשעת דער גרינדונג פון רוים — „אַ גרעסערע פאַמיליע האָט באַקומען אַ גרעסערן חלק און אַ קלענערע — אַ קלענערן״.

דעם קליינעם פויער האָט נאָך געהאַט געשיצט קעגן באָדנלאָזיקייט דער דעמאָקראַטישער יובל־געזעץ, וואָס איז געווען פון נביאישער אָפּ־שטאַמונג און וואָס האָט באַשטימט, אַז דער באָדן, וועלכן די פויערן־פאַמיליע האָט געהאַט באַקומען בשעת דער פאַרצייטיקער באָדן־פאַרטיי־לונג, איז אַ ירושה־באָדן און „טאָר ניט פאַרקויפט ווערן אויף אייביק״. ווען אפילו די מאַטעריעלע נויט פלעגט צווינגען דעם פויער צו פאַרקויפן זיין פאַמיליע־באָדן, האָט דער פאַרקויף געגאָלטן ניט מער ווי אַן אַרענדע־אָפּמאַך ביז צום פופציקסטן יאָר, דעם יובל־יאָר, אין וועלכן דער באָדן האָט זיך אויטאָמאַטיש אומגעקערט צו זיין פריערדיקן אייגנטימער.

עס זיינען אָבער גיך אָנגעקומען צייטן, אין וועלכע עס איז אויס־געקומען שווער צו קעמפן פאַרן אָפּהיטן דעם יובל־געזעץ אַלס שוץ־מיטל פאַר די דעמאָקראַטישע רעכט פון דער אַרבעטנדיקער פויערשאַפט.

דער באָדן האָט זיך פון טאָג־צו־טאָג אַלץ מער אַרויסגעגליטשט פון אירע הענט. דאָס האָט זיך שוין געלאָזט מערקן אין דער מלוכה־צייט פון קעניג דוד (בערך 1013—973 פאַר דער קריסטלעכער צייט).

נאָך אַ תקופה פון בערך 400 יאָר קאָלאָניזירונג האָט די ערד־אַרבעט געפאָדערט אַזעלכע טעכנישע אַרבעטס־מיטלען און אַזאַ אינטענסיווע באַ־אַרבעטונג פון גרעסערע שטחים, וועלכע ס׳איז ניט געווען אין שטאַנד צו דערגרייכן דער קליינער פויער, וואָס האָט געפירט די אַרבעט מיט דער הילף פון זיין פאַמיליע אַליין. ער האָט זיך גענייטיקט אין מיטלען צו

באַאַרבעטן זיין פעלד און גאָרטן מיט דער הילף פון קנעכט אָדער פרייע אַרבעטער און פאַרברייטערן דעם שטח פון זיין זריעה און פלאַנצונגען.

און דאָ זיינען פאַר אים אויפגעקומען שווערע פּראָבלעמען. ער איז געשטעלט געוואָרן פנים־אל־פנים מיט די פּראָצעסן פון דער עקאָנאָמי־שער אַנטוויקלונג, פון דעם שנעלן אויפקום פון אַ קלאַסן־געזעלשאַפט.

דאָס עקאָנאָמישע לעבן האָט זיך מער קאָנצענטרירט אין די שטעט, וואָס זיינען פון פאַרצייטן אויסגעבויט געוואָרן אויף די סטראַטעגישע פונקטן און געהייליקט געוואָרן דורך דער טראַדיציע.

אויסבויען די שטעט, באַפעסטיקן זיי און פאַרוואַנדלען זיי אין מיליטערישע צענטרען, איז געווען איצט די שטרעבונג פון קעניגטום.

צו דעם דאָזיקן צוועק האָט דאָס קעניגטום אויף אַלע אופנים מאָביליזירט די דאָרפישע באַפעלקערונג, וואָס איז געווען דער גרונט־עלעמענט פון ישוב. עס זיינען אויף די פויערן אַרויפגעלייגט געוואָרן נאַטור־שטייערן, וועלכע ווערן אויסגערעכנט אין קעניגלעכן סטאַטוט, און די ייִנגסטע און פעיקסטע פון זיי זיינען מאָביליזירט געוואָרן צו מלוכהשע אַרבעטן אין די שטיינהאַקערייען און וועלדער און צו רעגולערן מיליטער־דינסט, וואָס האָט איצט געפאָדערט גרעסערע קאָנטינגענטן מענטשן.

די דאָזיקע שטייער־לאַסט האָט פון טאָג צו טאָג פאַראָרעמט דעם פויער און צום טייל אויך דעם שטאַטישן האַנטווערקער־קלאַס, וועלכער איז אויפגעקומען און געוואַקסן מיטן וווּקס פון די שטעט. אַ סך פאַראָ־רעמטע פויערן האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייער באָדן און זיינען געבליבן באָדנלאָז.

אין די אָפטע מלחמות זיינען געפאַלן פיל פויערן־זעלנער און זייערע אלמנות און יתומים זיינען אויך ניט שטענדיק געווען אין שטאַנד צו באַ־אַרבעטן זייער היימישן באָדן.

שוין אין דעם דורכן נביא שמואל קריטיקירטן קעניגלעכן סטאַטוט האָבן מיר געלייענט וועגן דער סעקוועסטרירונג פון פויערישן באָדן דורך דעם קעניג לטובת דעם קעניגלעכן הויף און די העכערע באַאַמטע.

אַרום דעם קעניגלעכן הויף בילדעט זיך אויס אַ שטאַרקע און דיק־טאַטאָרישע שיכט פון פראָפעסיאָנעלע מיליטער־לייט, וואָס פונדעוועט

זיך אין עקאָנאָמיש אויפן חשבון פון אַרבעטס־פאָלק אין דאָרף און אין שטאָט.

אין דער צייט פון קעניג דוד און זיין זון שלמה, בעת די מיליטאַרי־זירונג פונעם לאַנד איז שטאַרק געוואַקסן, זיינען גרעסערע שטחים, מן הסתם פריער דאָרפישע, באַשטימט געוואָרן פאַר מיליטערישע צוועקן, פאַר לאַגערן, קאַזאַרמעס און צענטערן פאַר קריג־רייטוואַגנס, פערד און רייטער.

באַזונדער האָבן די פויערן פאַרלאָרן זייער באָדן נאָענט צו די שטעט און אין די פאָרשטעט, ווו די פריווילעגירטע קעניגלעכע באַאַמטע און טעמפל־דינער, און דער קעניג אַליין, האָבן זיך געמיט צו פאַרנעמען גרעסערע נחלאות.

דער קעניג איז איצט געשטאַנען מער אין דער שפּיץ פון פאַרמעגלעכן און פּריווילעגירטן קלאַס שטאָטישע בירגער, ווי אין דער שפּיץ פון די פאָלקסמאַסן. ער האָט אויך ליקווידירט לאַנגזאַם די פונקציעס פון דער אספת הזקנים, וואָס האָט אים אויסדערוויילט און האָט זיך, לויט דעם אייגענעם ווילן, באַשטימט ראַטגעבער, יועצים, מיט וועלכע ער האָט קאָנ־סולטירט אין פאַרשידענע מלוכהשע פראַגן, ער האָט אָבער גענומען זיך אַליין דאָס רעכט צו באַשליסן. דאָס קעניגטום האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ירושה־קעניגטום פון דער דודשער דינאַסטיע, בית־דוד.

זינט דער קעניג דוד האָט געהאַט געגרינדעט און אַנטוויקלט די שטאָט ירושלים, די פריערדיקע כנענישע שטאָט יבוס, און זי פאַרוואַנ־דלט אין אַ סטראַטעגישן, עקאָנאָמישן און רעליגיעזן צענטער, האָבן זיך געפונען אונטער אַ שווערן עקאָנאָמישן דרוק די פאָלקסמענטשן און קליין־פויערן אין די פאָרשטעט און אין די בערג, וואָס רינגלען אַרום די נייע הויפּטשטאָט.

אַלס פאַקטאָר צום וואַקסן פון גרונטבאַזיץ און צו דער פאַראָרעמונג פון דער אַרבעטנדיקער פויערשאַפט האָט איצט באַזונדער געגאָלטן דער אינטענסיווער אויפקום פון קנעכטשאַפט.

דער גענומענער רויב פון די זיגער בשעת די מלחמות, וועלכער פלעגט פריער פאַרטיילט ווערן צווישן אַלע שלאַכטלייט, און די געפאַנ־

גענע פיינט, פלעגן איצט איבערגייך אין רשות פון דער קעניגלעכער שאַץ־קאַמער פון טעמפּל און פון מלוכהשן אַדל. עס איז בטל געוואָרן דער באַרבאַרישער מנהג, וואָס האָט עקזיסטירט פאַרצייטן בשעתן איינגעמען דאָס לאַנד — צו טויטן אַלע געפאַנגענע מאַנסבילן. מען האָט זיי איצט גוט אויסגענוצט, נעמענדיק זיי פאַר קנעכט. מיט דער הילף פון גערויבטן פיינטלעכן פאַרמעגן און געפאַנגענע קנעכט זיינען די פאָרשטייער פון די פּריווילעגירטע קלאַסן איצט געווען אין שטאַנד אויפצוקויפן און צו באַאַרבעטן גרעסערע ווירטשאַפטן און מיט אַ גרעסערער אינטענסיווקייט אַרויסצושטויסן דעם קליינעם פּויער פון זיין נחלה. זיי האָבן געהאַט איצט אין זייער רשות אַ צאָלרייכע און אומזיסטע אַרבעטס־קראַפט.

עס האָט זיך געבילדעט און געהאַלטן אין וואַקסן אַ קאָנטינגענט פון באָדנלאָזע, וועלכער האָט זיך געצויגן אין די שטעט זוכן אַרבעט, און דאָ איז דעם פרייען אַרבעטער געוואָרן שווער אויסצוהאַלטן די קאָנקורענץ פון די שקלאַפן.

אין דער בלי־צייט פון זייער וואַקסן האָבן די שטעט צוגעצויגן צו זיך אויך גרעסערע מאַסן פון אויסלענדישע — דערהויפּט פעניקישע — האַנטווערקער און סוחרים. ווען די כוואַליע פון אויפבוי און האַנדל האָט זיך אָפּגעשוואַכט האָט זיך געבילדעט אין לאַנד אויך אַ מאַסע אַרבעטלאָזע און באָדנלאָזע פרעמדע, וואָס האָבן זיך פריער פאַרוואָרצלט אין לאַנד, די אַזוי גערופענע גרים — פרעמדע און אַלטגעזעסענע, פאַרבירגערטע פרעמדע — גרים תושבים, וועלכע האָבן זיך געגייטיקט אין אַרבעט און אין עקאָנאָמישער שוץ.

דער דאָזיקער אויפקום פון דאָרפישער און שטאָטישער אָרעמקייט, די דאָזיקע אויפגעקומענע סאָציאַלע אומגלייכקייט האָט, ווי אומעטום אַרויסגערופן אויך דאָ אומצופרידנקייט מצד די באַעוולטע. זי האָט געשאַפן אַ רעאַלן באָדן פאַר דער פאָלקישער נביאישער באַוועגונג, אַלס פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן סאָציאַלער אומגערעכטיקייט און מענטשלעכער אומגלייכקייט, קעגן הערשער און האַרן, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט און געשיצט די דאָזיקע אומגערעכטע געזעלשאַפט.

דער נביא ישעיה דערציילט שפּעטער, אַ צאָרניקער און אויפגע־

בראַכטער, ווי די פאַרמעגלעכע קלאַסן האָבן זיך ברייט פונאַנדערגעלייגט, ווי זיי האָבן אויסגעבויט אין די שטעט גרויסע פּרעכטיקע הייזער. „אָ הויז צו אַ הויז און אַ פעלד צו אַ פעלד דערנענטערט, פונקט ווי זיי אַליין וואָלטן נאָר באַזעצט דאָס לאַנד"[1] און ניט איבערגעלאָזן קיין פּלאַץ פאַר די אָרעמע פאָלקס־הייזער.

און וואָס שאַרפער עס ווערן די געזעלשאַפטלעכע עוולות און די קלאַסן־דיפערענצן, אַלץ שטאַרקער לאָזט זיך הערן דאָס נביאישע וואָרט.

שוין אין דער צייט פון קעניג דוד האָט זיך געלאָזט הערן אין קעניג־לעכן הויף זייער אָפענע און דרייסטע קריטיק.

עס איז קיין ספק ניט, אַז די אַלט־ישראלדיקע געשיכטע־שרייבער פון דער קעניגלעכער תקופה, וועמענס שילדערונגען זיינען דערהאַלטן געוואָרן אין דער ביבל, זיינען געווען די נביאים אָדער מענער באַהויכטע מיט די נביאישע אידעאַלן. די אָפיציעלע קעניגלעכע כראָניקעס, די דברי־הימים למלכי יהודה וישראל, וואָס ווערן אָפט נאָר דערמאָנט אין די ביבלישע דערציילונגען, זיינען צו אונדז ניט דערגאַנגען און זיינען אפשר בכוונה פאַרניכטעט געוואָרן.

מיר קאָנען זיין שטאָלץ מיט די אַלט־ישראלדיקע געשיכטע־שרייבער, וועלכע האָבן דורכגעטראָגן דורך דורות פון פּיין און רדיפות די בראַווע און אָפן דערציילטע פאַקטן פון יענער צייט און ניט געשוינט די הער־שער, אויפגעדעקט זייערע פאַרברעכנס קעגן פאָלק.

די דאָזיקע קריטיק, וואָס ווערט געבראַכט אין די ביבלישע ביכער, וועלכע ווערן געערט און פאַרהייליקט פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער און זיינען איבערזעצט געוואָרן אין הונדערטער שפּראַכן פון פעלקער און שבטים, גילטן אייגנטלעך אַלס דער בעסטער דאָקומענטאַרישער אויפקלע־רונגס־מאַטעריאַל קעגן טיראַניע און דעספּאָטיע און שטאַרקן אין משך פון דורות די פעלקער אין זייער קאַמף פאַר פאָלקס־רעכט.

אַלס מוסטער פון אָפענער און בראַווער קריטיק, וועלכע איז געווען

[1] ישעיה ה, 8.

געוועגדט קעגן איינעם פון די מעכטיקסטע און פון פאָלק געליבטע מלכים, קעגן דודן, דאַרף גילטן די באַרימטע געשיכטע פון אוריה.

אַ באַשיידענער, דיסציפּלינירטער זעלנער אין דעם קעניג דודס אַרמיי איז געווען אוריה. ער האָט פאַרלאָזן זיין היים און איז אַרויס קעמפן קעגן די עמונים אונטער דער פירונג פון קאָמאַנדיר יואב. ער האָט אין דער היים איבערגעלאָזט זיין רייצנדע שיינע פרוי בת־שבע, וועלכע דער קעניג האָט אַ מאָל באַמערקט בשעת זי האָט זיך געבאָדן אין דאַך־שטיבל פון איר הויז. דער קעניג האָט באַשלאָסן זי אַוועקצורויבן ביי זיין זעלנער און האָט אין געהיים באַפוילן דעם קאָמאַנדיר יואב, אַוועק־צושטעלן דעם זעלנער אוריה אויפן געפערלעכסטן אָרט אין פראָנט פון דער מלחמה און לאָזן אים אומבאַדינגט פאַלן אין דער שלאַכט. דעם קעניגס באַפעל איז אויסגעפירט געוואָרן. נאָך דעם, אַז די אלמנה האָט אַ קורצע צייט געטרויערט אויף איר געפאַלענעם מאַן, האָט זי דער קעניג דוד אַריינגעפירט אין זיין פּאַלאַץ און גענומען פאַר איינער פון זיינע גע־געליבטע פרויען, וועלכערס זון, שלמה, האָט געירשנט דערנאָך דעם קעניג־לעכן שטול.

די פרייד פון קעניג האָט אָבער אָפּן און דרייסט פאַרשטערט און געטאַדלט דער נביאישער וואָרטזאָגער פון זיין צייט — נתן.

ער איז אויפגעטראָטן פאַרן קעניג און געדענקענדיק גוט די אָפּשטאַ־מונג פון קעניג — פון אַ פּויערישער משפחה אין בית־לחם — האָט ער פאַרזיכטיק און קלוג אָנגעהויבן זיין רעדע פאַרן קעניג מיט אַ ביישפּיל פון פּויערן־לעבן. ער האָט געזאָגט:

„צוויי מענטשן זיינען געווען אין אַ שטאָט, איינער אַ רייכער און דער צווייטער אַן אָרעמער. דער רייכער האָט געהאַט זייער פיל שאָף און רינד און דער אָרעמער האָט פאַרמאָגט נאָר איין קליין שעפּסעלע, וועלכעס ער האָט זיך פאַרשאַפט און וועלכעס איז געוואַקסן צוזאַמען מיט אים און מיט זיינע קינדער. פון זיין ברויט האָט זי געגעסן און פון זיין בעכער האָט זי געטרונקען, אין זיין שויס איז זי געלעגן און איז געווען אים ווי אַ טאָכטער. איין מאָל איז געקומען אַ פאַרבייגייער צום רייכן מאַן, האָט ער געזשאַ־לעוועט צו נעמען פון זיין שאָף און רינד צוצוריכטן פאַרן גאַסט, וואָס

איז צו אים געקומען, האָט ער גענומען דעם אָרעמאַנס שעפּסעלע און האָט עס צוגעריכט פאַרן אָנגעקומענעם מאַן".[2]

דער קעניג דוד איז געוואָרן שרעקלעך אויפגעבראַכט קעגן דעם מאַן, הערנדיק דעם נביא נתנס ווערטער, און האָט אויסגעשריען: „ביים לעבן יהוהס, אַז דער וואָס טוט דאָס פאַרדינט דעם טויט, און פאַר דעם שעפּסעלע דאַרף ער פיר מאָל פון זיין ווערט באַצאָלן דערפאַר, וואָס ער האָט אַזוי געטאָן אָן רחמנות".[3]

און דאָ האָט נתן צאָרנדיק אויסגעשריען: „דו ביסט דאָס דער מאַן... דו האָסט פאַרשוועכט דאָס געטלעכע וואָרט און האָסט געטאָן שלעכטס. אוריה דעם חיתי האָסטו דערהרגעט מיטן שווערד און זיין פרוי האָסטו זיך גענומען פאַר אַ פרוי... איצט וועט די שווערד שוין ניט אָפּטאָן זיך פון דיין הויז אויף אייביק".[4]

אַזוי זעען מיר, אַז די נביאישע קריטיקער האָבן אויך ניט געשוינט די פּערזענלעכקייט פון קעניג דוד און האָבן געשילדערט דעם פון אים באַגאַנגענעם פאַרברעכן מיט אַ ניט פאַרבאַהאַלטענעם צאָרן און מיט אַ מוסטערהאַפטער אָביעקטיווקייט. דווקא צוליב דעם, וואָס דער קעניג דוד איז געווען באַשאָנקען מיט אַזוי פיל מעלות און דעמאָקראַטישע מידות, האָט דער נביא מער באַרעכטיקט די אָפענע און האַרבע קריטיק.

*

עס איז כדאי אויך אָפּצושטעלן זיך אויף די רעליגיעזע גלויבונגען פון פאָלק אין דער קעניג־צייט, קעגן וועלכע די נביאים האָבן דערציעריש געווירקט און אויך רעוואָלוציאָנעריש געקעמפט. אויך אין די דאָזיקע גלויבונגען האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די עקאָנאָמישע ווירקלעכקייט און די נאַטור פונעם לאַנד.

עס איז געווען גאַנץ נאַטירלעך פאַר אַ פאָלק פון ערד־אַרבעטער,

[2] שמואל ב, יב, 1—4.
[3] דאָרטן 5—6.
[4] דאָרטן 7—9.

וואָס האָט זיך באַהעפט סטאַביל מיטן באָדן, אַז דער גאַנצער לעבנס־שטייגער און אַלע איבערלעבענישן זאָלן זיך פאַרבינדן און פאַרפלעכטן מיט דער אויסטערלישער נאַטור פון לאַנד, מיט אירע וויזיעס און קולטור־טראַדיציעס.

גלייכצייטיק מיטן קאָלאָניזירן דאָס לאַנד כנען האָט דאָס פאָלק דעריבער איבערגענומען אויף אַ גאַנץ נאַטירלעכן אופן אויך דעם רעליגיעזן קולט פון דעם אָרטיקן נאַטור־גאָט בעל, דעם גאָט פון זון, און פון עשתרות, דער געטין פון דער לבנה. די קאָלאָניסטן האָבן שוין געפונען פאַר זיך מזבחות און טעמפלען, אויסגעבויטע אויף די בערג־הויכענישן און אין די הייליקע שטעט, וווּהין דאָס פאָלק פלעגט מאַסנהאַפט קומען, ברענגען קרבנות און אויסדריקן זיין הכנעה צו די כוחות פון דער נאַטור.

עס איז דעריבער איבערגעקערט געוואָרן קאַפּויער די ביבלישע שילדערונג, וועלכע זעט דעם בעל־ קולט אַלס אַ זינדיקע אָפּנייגונג פון דעם פריער עקזיסטירטן יהוה־גלויבן. דאָס ריכטיקע איז, אַז די נאַטור־רעליגיע און איר פאַרקערפּערונג אין געצנדינסט איז געווען אַ נאָרמאַלער שטאַפּל אין דער קולטור־געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון אונדזער פאָלק, ווי אין דער געשיכטע פון אַנדערע פעלקער. זי האָט געפונען איר פאַרקערפּערונג אין בילדער און סטאַטועס, פריער פון שטיין און דערנאָך פון געגאָסענעם מעטאַל, וועלכע זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אין די אַלטע שטעט אויף די הויכענישן פון די בערג. זי האָט געפונען איר אויסדרוק אויך אין באַוועגלעכע קליינע עמבלעמען און קמיעות, אין די תרפים, די טאַשן־געצן, וואָס זיינען געווען באַזונדער פאַרשפּרייט אין דער בעדויִנישער תקופה פון די אורעלטערן.[5]

דער רעליגיעזער קולט איז געווען ענג פאַרבונדן מיטן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן. בשעת די אָפטע מלחמות פון יענער צייט פלעגן תמיד די אַריינדרינגלער ניט נאָר זוכן צו צעשטערן די שטעט אַלסווירטשאַפטלעכע צענטרען, נאָר אויך אַלס רעליגיעזע צענטרען. באַזיגן

[5] זע די געשיכטע פון די דורך רחלען געגנבעטע תרפים, בראשית לא, 19.

אַ שטאַט, אַ פֿאָלק, אַ לאַנד האָט באַטייט צו באַזיגן זיין פֿאָלקס־גאָט, איינ־געמען זיינע טעמפּלען, חרוב מאַכן זיינע מזבחות און איבערגעבן זיי אין רשות פֿון דעם זיגער און זיין גאָט. דאָס פֿאָלק, וואָס זיין גאָט האָט געליטן אַ מפּלה, האָט שוין ניט געקאָנט מער געהאָלפֿן ווערן דורך כּלי־זיין. די שווערע מפּלה, וואָס דאָס ישראל־מיליטער האָט, אַ שטייגער, געליטן אין אָנהייב פֿון דער קעניג־צייט ביי אבן־העזר, איז באַשטאַנען ניט נאָר אין דעם וואָס עס זיינען אומגעקומען מענטשן און פֿאַרוויסט געוואָרן ישובים, נאָר דערהויפּט אין דעם, וואָס דער הייליקער ארון פֿון גאָט איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן דורכן שונא, און ישראלס גאָט איז גענומען געוואָרן געפֿאַנגען.[6]

דער וועג פֿון בעל־קולט אַלס נאַטור־רעליגיע צו דער יהוה־אמונה אַלס סאָציאַלע רעליגיע, האָט באַטייט די דערהייבונג צו אַ העכערן שטאַפּל אין דער סאָציאַלער און קולטור־געשיכטע פֿונעם פֿאָלק. ער האָט זיך פֿאַרווירקלעכט לאַנגזאַם און שטופּנווייז אין פּראָצעס פֿון דורותלאַנגן נביאישן געראַנגל און דויערנדיקן דערציִונגס־פּראָצעס, וועלכע מיר האָבן באַהאַנדלט אין אַנדערע קאַפּיטלען פֿונעם בוך, דערהויפּט אין קאַפּיטל „דער יהוהיזם אָדער מאָנאָטעיִזם — די גרונט־אידייע פֿון דער נביאישער באַוועגונג״.

שוין אין אָנהייב פֿון דער מלוכה־צייט הייבן זיך אָן הערן אין ירושלים און אין די אַנדערע שטעט מיט יעדן טאָג אַלץ דרייסטער די רעוואָלוציאָ־נערע נביאישע לאָזונגען קעגן דעם הערשנדיקן בעל־קולט און קעגן די מלכים און פּריסטער, וואָס פֿירן אָן דעם דאָזיקן קולט און האַלטן דאָס פֿאָלק אויף דער נידעריקער אָפּגעשטאַנענער שטופֿע פֿון געצנדינסט.

[6] שמואל א, ד, 17.

11. דער פֿאָלקס־אויפֿשטאַנד קעגן דודס דינאַסטיע און די ראָל פֿון די נביאים

ביים סוף פֿון שלמהס מלוכה־צייט האָט זיך אין דער פֿאָלקסמאַסע פֿון ירושלים און פֿון אַנדערע שטעט אויפֿגעזאַמלט אַזוי פֿיל צאָרן און פֿאַר־ביטערונג, אַז דאָס פֿאָלק האָט אויף דער אָפֿענער גאַס פֿאַרוואָרפֿן מיט שטיינער דעם שטייער־באַאַמטן אדונירם. די געזעלשאַפֿטלעכע קאָנטראַסטן האָבן זיך אין יענער צייט שטאַרק געהאַט פֿאַרשאַרפֿט. די פּרעכטיקע פּאַלאַצן מיט גאָלד־ און זילבער־אָרנאַמענטיק אין די שטעט, די שלאַנקע עגיפּטישע רייטפֿערד, די איידלסטע, פֿון עגיפּטן און פֿעניקיע גע־בראַכטע פּרויען־צירונג — דאָס אַלץ, פֿון איין זייט, און פֿון דער צווייטער זייט — באַדנלאָזע פּויערן, רויִנירטע ווירטשאַפֿטן, צעשטערטע און פֿאַרנאַכלעסיקטע אין משך פֿון די מלחמות, הויכע און אומדערטרעגלעכע שטייערן, וואָס האָבן זיך שווער געלייגט אויף די פּלייצעס פֿון די מאַסן.

דער דאָזיקער פּאָליטישער מאָרד פֿון אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכן מלוכה־באַאַמטן האָט געדאַרפֿט דינען אַלס אַן אַרויסרוף און אַלס אַ התראה פֿאַר דעם קעניג גופֿא,[1] וועלכער האָט אויסגעגעבן אַ באַדייטנדיקן טייל פֿון די פֿאָלקס־שטייערן אויף די באַדערפֿענישן פֿון זיין הויף און אויף זיינע פֿאַרגעניגנס און לוקסוס, וועלכע ער האָט איינגעפֿירט לויט דעם מוסטער פֿון די עגיפּטישע און אסירישע מלכים.

[1] נאָך אין דודס צייטן איז באַשטאַנען אַן אַקטיווע באַוועגונג קעגן דער קעניגלעכער דינאַסטיע; אין דער שפּיץ פֿון איר איז געשטאַנען שמעי בן גרא. אויך צום אבשלום־אויפֿשטאַנד זיינען צוגעשטאַנען קעגנער פֿון דער דינאַסטיע. די באַוועגונג האָט אָבער פֿון אָנהייב־אָן געטראָגן, קאָנטיק, מער אַ דינאַסטישן, ווי עקאָנאָמישן און פּאָליטישן כאַראַקטער, און שלמהן האָט זיך איינגעגעבן זי צו ליקווידירן באַלד אין אָנהייב פֿון זיין הערשאַפֿט.

מעגלעך, אַז דערפאַר וואָס שלמה האָט געהאַט זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן פאָלק, אַלס בויער פון שטעט און האַפנס, אַלס ציוויליזאַטאָר און קאָלאָניזאַטאָר, אָדער ווייל די באַוועגונג האָט נאָך ניט באַוויזן צו פאַר־שפּרייטן זיך ביי זיין לעבן פון מלוכה־צענטער ביז אין די צפון־פּראָווינצן, — האָט זיך קיין זאַך ניט געביטן ביז זיין טויט. אפשר האָט אויך דאָס פאָלק געדולדיק אָפּגעוואַרט דעם טויט פון קעניגלעכן זקן, האָפנדיק, אַז דער כאַראַקטער־שוואַכער זון און יורש פון זיין מלוכה, רחבעם, וועט זיין גע־נייגט דורכצופירן אין לאַנד באַשטימטע רעפאָרמען און „גרינגער מאַכן דעם יאָך פון זייער האַלדז״.

די באַוועגונג האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט. זי האָט זיך צעשפּרייט, ווי עס זעט אויס, דערהויפּט איבער די שטעט און דערפער פון גליל און צווישן די אַרבעטער־מאַנשאַפטן, וועלכע זיינען מאָביליזירט געווען דורך שלמהן אין די צפון־פּראָווינצן און וועלכע, זייענדיק אָפּגעריסן פון היימישן באָדן, פון די פעלדער און גערטנער פון גליל, האָבן זיך, לויט די קעניגלעכע באַפעלן, פאַרנומען מיט בויען נייע פעסטונגען אין ירוש־לים, מיטן רעמאָנט פון די מויערן פון דער דוד־שטאָט און מיטן אויפבוי פון די ריזיקע קעניגלעכע שפּייכלערס און האַפנס אין נגב. די דאָזיקע מאָביליזירטע פויערן האָבן געזאָלט זיין מער ווי אַנדערע עלעמענטן גרייט צום אויפשטאַנד צוליב ריין עקאָנאָמישע סיבות: זיי זיינען שווער פאַר־שקלאַפט און עקאָנאָמיש רויִנירט געוואָרן דורך די געצוווּנגענע מלוכה־אַרבעטן און דורך דער צענטראַליסטישער פּאָליטיק פון דער דוד־דינאַס־טיע.

וואָס זיינען געווען די גרונט־פאַקטאָרן פון דער דאָזיקער צענטראַ־ליסטישער פּאָליטיק און צו וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן האָט זי געמוזט פירן?

גאַנץ פאַרשיידנאַרטיק איז געווען די געאָגראַפישע און פּאָליטישע סיטואַציע פון גליל און שומרון, פון איין זייט, און פון יהודה־לאַנד, פון דער צווייטער זייט.

אין גליל, וואָס איז געלעגן אויפן גרויסן קאַראַוואַנען־וועג פון בבל, אשור, — דורכן חיתים־לאַנד, ארם און פעניקיע קיין יהודה־לאַנד און עגיפּטן, און וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר וואַסער־רייכקייט און

פרוכטבאַרקייט — איז פון פאַרצייטן אויסגעוואַקסן אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַ גאַנצע ריי האַנדלס־שטעט, וועלכע זיינען אַלס ווירטשאַפטלעכע צענטערן אויך געהייליקט געוואָרן דורך דער פאָלקס־רעליגיע. דאָרטן האָט זיך פריער ווי אַנדערשוווּ אַנטוויקלט די השגה פון קולטור און פּאָליטישער פרייהייט. דאָרטן, אין נאָענטסטער שכנות מיט די דעמאָלטיקע קולטור־פעלקער, דערהויפּט מיט די פעניקיער, זיינען די באַדערפעינישן פון דער באַפעלקערונג זיכער געווען גרעסערע ווי אין יהודה־לאַנד. אין די שטעט האָבן געמוזט פרי עפענען זיך שפּייכלערס און מאַגאַזינען פאַר אויסלענדישע טראַנזיט־סחורות, עס האָבן זיך געמוזט עפענען וואַרשטאַטן צו באַאַרבעטן די אויסלענדישע רוישטאָפן, פון אינדישן העלפאַנט־ביין און פון פעניקישע טעפּעכער און געוואַנטן. עס האָבן געמוזט אויסוואַקסן מאַרק־פּלעצער, וווּהין די פּויערן פון דער תבואה־ און אויבסט־רייכער געגנט פלעגן זיך צונויפקומען אין באַשטימטע טעג — דאָס רוב מאַנטיק און דאָנערשטיק — כדי אויסצובייטן זייערע פּראָדוקטן אויף אויסלענדישע סחורות.

די דוד־דינאַסטיע האָט אָבער צוליב סטראַטעגישע און פּאָליטישע סיבות אויסגעבויט מיט אַ גרויסער אָנשטרענגונג די מלוכה־צענטערן אין קלימאַטיש שווערערן, ווירטשאַפטלעך אָרעמערן, וואַסער־קאַרגן יהודה־לאַנד, אין דעם אין בערג איינגעפּאַסטן, מיט בערג אַרומגערינגלטן ירושלים, וואָס איז געווען ווייניק פּעיק אויסצוּוואַקסן אין אַ ווירטשאַפטלעכן צענטער.

די דוד־דינאַסטיע האָט זיך געמיט דורך אַלערליי מיטלען ווירטשאַפטלעך צו דערהייבן ירושלים, קאָלאָניזירנדיק דאָ האַנטווערקער־צעכן (החרש והמסגר), צוציענדיק אַהער אויסלענדישע סוחרים און בילדנדיק אין ווייטן נגב, אין אילת און עציון־גבר, אויפן ברעג פון רויטן ים, אַ האַפּן פאַר סחורות, וואָס קומען פון די לענדער אויפן אינדישן ים אָדער ווערן אַהין געשיקט.

דאָ איז אויפגעזאַמלט געוואָרן אַ גרויסער מלוכה־פאַרמעגן, וואָס האָט זיך געבילדעט אין רעזולטאַט פון געלונגענע מלחמות און קאָנטריבוציעס, פון האַנדלס־עקספּעדיציעס אין אַנדערע לענדער און פון מלוכה־שטייערן.

דאָ האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס מיליטער פון גאַנצן לאַנד. אַהער צו זיינען דורכגעלייגט געוואָרן וועגן דורך די שמאָלע טאָלן און הויכענישן. דאָ איז אויסגעבויט געוואָרן מיט פיל פּראַכט און אַרכיטעקטאָנישן געשמאַק דער בית־המקדש, וועלכער האָט באַדאַרפט מיט זיין שיינקייט און הייליקייט און מיט זיין פּריווילעגירטער לאַגע אָפּציען די מאַסן עולי־רגל פון די הייליקע שטעט אין צפון.

דאָס אַלץ האָט פאַרשאַרפט דעם אינטערעסן־קאָנפליקט צווישן צפון און דרום, צווישן גליל און יהודה־לאַנד.

די אומצופרידנקייט איז במילא געוואַקסן. זי האָט, ווי אַ פונק אין אַ תבואה־שייער, געגליט איבערן גאַנצן צפון, ביז עס איז ניט אויפגעקו־מען דער מאַן מיט דער געהעריקער דרייסטקייט און אָרגאַניזיר־קראַפט, וועלכער האָט גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו אָפּצורייסן דעם צפון פון דער ירושלימער רעגירונג און פון דער דוד־דינאַסטיע, און וועלכער האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון דעם אויפשטאַנד. — דאָס איז געווען ירבעם בן נבט פון צרדה, אַ בירגער פון אפרים־לאַנד, וועלכער איז געווען אַן אויפזעער איבער די מלוכה־אַרבעטן אין די פעסטונגען פון ירושלים.

די עקסטרעמע אָנהענגער פון דער דוד־דינאַסטיע שילדערן ירבעמען אַלס אַ זינדיקן, אַלס אַ טיראַן. די געשיכטע שטעמפּלט אים אָבער אַלס רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט זיך אָפּגערופן אויפן געבאָט פון זיין צייט און האָט געפונען מוט אַרויסצוטרעטן קעגן דער לאַסט־פּאָליטיק פון דער ירושלימער רעגירונג.

שלמהס רדיפות האָבן אָפּגעהאַלטן און פּאַראַליזירט אויף אַ באַ־שטימטער צייט די אויפשטענדלערישע באַוועגונג, און ירבעם איז געווען געצוווּנגען צו לויפן קיין עגיפּטן, כדי דאָרטן אָפּצוּוואַרטן ביז אַ גינסטי־קער צייט.

און דאָ קומען מיר — נאָך אַ לענגערן אַריינפיר — צו דעם מאָמענט, וועלכע אינטערעסירט אונדז באַזונדערס: שוין אין דער ערשטער סטאַדיע פון דעם אויפשטאַנד באַציען זיך די נביאים, אַלס פאַרשטייער פון דער פאָלקס־באַוועגונג, פּאָזיטיוו צום אויפשטאַנד. זיי שטעלן זיך אַפילו אין זיין שפּיץ. זיי מונטערן אויף דעם אָנפירער פון אויפשטאַנד, באַגלייטן

אים מיט זייערע ברכות און באַטראַכטן אים אַלס דעם געזאַלבטן שליח פון גאָט, וועלכער איז באַרופן אויסצופירן אַ גערעכטע שליחות.

דער נביאישער וואָרטזאָגער פון דער דאָזיקער קריטישער תקופה אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד איז געווען אחיה פון שילה. ער איז געווען אַליין אַ בירגער פון צפון, די אַלט־באַקאַנטע שטאָט שילה איז געווען זיין היים, און ירבעם איז אים געווען אַ היימישער מענטש פון אָפּשטאַמונג. ער האָט במילא דייטלעכער פון אַן אַנדערן תופס געווען די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדערפענישן פון זיין היימישן צפון און פאַרשטאַנען די סתירה צווישן די אינטערעסן פון די גלילישע פּויערן און די ירושלימער הערשער.

נאָך איידער דער אויפשטאַנד איז פּאַקטיש אויסגעבראָכן, ווי נאָר ירבעם בן נבט האָט זיך געהאַט אומגעקערט צוריק אין לאַנד „האָט אים דער נביא אחיה געטראָפן אויפן וועג פון ירושלים, ווען יענער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ נייעם מלבוש. זיי זיינען געווען ביידע אַליין אין פעלד, האָט אחיה אָנגעכאַפּט זיין נייעם מלבוש, האָט אים צעריסן אויף 12 שטיקער און געזאָגט צו ירבעמען: „אַזוי האָט געזאָגט יהוה, ישראלס גאָט: איך נעם אַרויס די מדינה פון שלמהס האַנט און איך גיב דיר די צען שטאַמען און נאָר איין שטאַם וועט געהערן אים (רחבעמען, שלמהס זון), צוליב דודן מיין קנעכט און צוליב ירושלים, די שטאָט וואָס איך האָב זי אויסדערוויילט פון אַלע ישראל־שבטים״.[2]

אינטערעסאַנט איז צו זען, ווי עס איז דורכגעפירט געוואָרן די דאָזיקע דורך די נביאים געשטיצטע און אפשר אויך אָרגאַניזירטע מלוכה־שפּאַל־טונג? דאָס איז נאָך געווען יענע תקופה אין דער געשיכטע פון קעניג־טום, ווען מען האָט זיך, ווייניקסטנס למראית־עין, ניט געהאַט אָפּגעזאָגט פון דעמאָקראַטישע טראַדיציעס. דאָס קעניגטום איז געווען פאָרמעל אַ וואַל־קעניגטום, הגם פּאַקטיש איז עס שוין לאַנג געווען אַ ירושה־קעניגטום.

אין מאָמענט פון מלוכה־קריזיס איז געווען נייטיק צו שטיצן זיך אויף

[2] מלכים א, יא, 29—32.

דעם אויטאָריטעט פון דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג, וואָס איז דאָס מאָל זיך צונויפגעקומען אין דער הייליקער שטאָט שכם, וואָס ליגט אויפן וועג פון יהודה קיין גליל. די פאָלקס־פאַרזאַמלונג האָט געזאָלט איצט לייזן דעם גורל פון דער דוד־דינאַסטיע.

מיט אַן אומרואיק האַרץ איז דאָס מאָל דער יונגער יורש פון שלמהס טראָן געקומען צו דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג. עס איז אים געווען קלאָר, אַז עס האַנדלט זיך דאָ ניט מער וועגן דער פאָרמעלער באַשטעטיקונג פון זיין מלוכה און אַז די אָנהענגער פון דעם אויפשטאַנד, וואָס איז מיט צוואַנג איינגעשטילט געוואָרן דורך זיין פאָטער, וועלן אויפהייבן אויף דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג זייער קול קעגן דודס משפחה בכלל און קעגן אים בפרט.

דער פירער פון דעם פריערדיקן אונטערדריקטן אויפשטאַנד, ירבעם, איז דערשינען פאַר דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין שכם און איז אַרויס־געטראָטן מיט באַשטימטע פאָדערונגען, וועלכע זיינען אונטערשטיצט געוואָרן דורכן פאַרזאַמלטן פאָלק. ער האָט געזאָגט: „דיין פאָטער האָט אויף אונדז אַרויפגעלייגט אַ שווערן יאָך און דו פאַרלייכטער איצט דיין פאָטערס שווערע אַרבעט און דעם שווערן יאָך, וואָס ער האָט אויף אונדז אַרויפגעלייגט און מיר וועלן דיך דינען"[3].

רחבעם האָט ביי דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג פאַרלאַנגט דריי טעג פאַר אַ ישוב־הדעת. זיינע ראַטגעבער האָבן אים געעצהט אַרויסצוווייזן דעם פאָלק אַ שטרענגע און שטאַרקע האַנט. זיין ענטפער דער פאָלקס־פאַרזאַמ־לונג איז געווען ברוטאַל: „מיין פאָטער האָט אויף אייך אַרויפגעלייגט אַ שווערן יאָך און איך וועל נאָך צוגעבן צו אייער יאָך. מיין פאָטער האָט אייך געשטראָפט מיט ריטער און איך וועל אייך שטראָפן מיט דערנער"[4].

די שאַרפע האַלטונג פון יונגן קעניג האָט געלאָזט מיט מער קראַפט אויפפלאַקערן דעם אויפשטאַנד. „עס האָט געמוזט מקוים ווערן יהוהס וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט צו ירבעמען דורך אחיה פון שילה"[5]* די אויפ־

[3] מלכים א, יב, 4. [4] מלכים א, יב, 11. *[5] מלכים א, יב, 15.

שטענדלער האָבן אויסגעשריען זייערע לאָזונגען: „קיין אַנטייל אין דודן! קיין נחלה אין ישיס[5] זון! צוריק אין דיינע געצעלטן, ישראל! איצט קוק זיך אַרום אויף דיין דינאַסטיע, דוד!".[7]

און די גאַנצע גלילישע פויערן־מאַסע, וואָס איז פריער געווען פאַר־נומען ביי די מלוכה־בנינים אין ירושלים און וואָס האָט זיך איצט אויפ־געקליבן אַרום איר אָנפירער, האָט זיך געלאָזן מיט ירבעמען צוזאַמען צוריק אין היימישן גליל, וואָס האָט זיך באַפרייט פון דער ממשלה פון די ירוש־לימער הערשער.

רחבעם און זיינע עצה־געבער זיינען געווען גרייט אַריינצולאָזן זיך באַלד אין אַ בלוטיקן בירגער־קריג מיט זייערע אויפגעשטאַנענע פאָלקס־ברידער אין דער צפון־מלוכה, אָבער אַ צווייטער וואָרטזאָגער פון דער נביאישער באַוועגונג אין יענער צייט, דער נביא שמעיה, האָט זיי ערנסט געוואָרנט: „גייט ניט און פירט ניט קיין קריג מיט אייערע ברידער, די בני־ישראל, קערט זיך אום אין אייערע היימען, דען פון מיר קומט די זאַך"[8] — אַזוי זאָגט יהוה.

דאָך איז אויסגעבראָכן אַ דויערנדיקער בירגער־קריג צווישן ישראל־דיקן צפון־לאַנד און דעם יהודה־לאַנד, און די אומאויפהערלעכע וואָרע־נונגען פון די נביאים האָבן ניט אָפגעשטעלט די אַמביציעס פוןביידע מלוכה־טיילן. זיי זיינען געבליבן צעשפּאָלטן פּאָליטיש און צעלייגט עקאָ־נאָמיש און מאָראַליש, און עס איז לייכט געווען דעם אשורישן קעניג שלמנאסר איינצונעמען און צעשטערן, אין יאָר 722 פאַר דער קריסטלע־כער צייט, דאָס אָפּגעשוואַכטע צפון־לאַנד.

[5] מלכים א, יב, לו. [6] ישי — דער פאָטער פון דוד. [7] מלכים א, יב, 16.
[8] מלכים א, יב, 24; דברי־הימים ב, יא, 4.

12. די בני־רכב. דער צוריקפאַל אין פרימיטיוון קאָמוניזם

דער בעדואינישער לעבנס־שטייגער, וועלכער האָט געהערשט פאַר דער ישראלדיקער קאָלאָניזאַציע פון לאַנד, האָט זיך נאָך געהאַלטן די גאַנצע צייט אין גלעד און אין די וויסטענישן פון נגב, ווו די נאַטור און די הויפּט־באַשעפטיקונג פון דער באַפעלקערונג — פיצוכט — זענען געווען גינסטיק פאַר אַ וואַנדער־לעבן.

איצט, נאָכן טויט פון קעניג שלמה, ווען די פּאָליטישע שפּאַלטונג צווישן יהודה און ישראל און דער אומאויפהערלעכער בירגער־קריג האָבן רויִנירט דאָס עקאָנאָמישע לעבן און די דערגרייכונגען פון דער ערשטער קעניג־צייט, האָט זיך דער בעדואינישער לעבנס־שטייגער פאַרוואַנדלט פאַר פיל מענטשן פון אַ טאַטזאַך אין אַן אידעאַל.

זיי האָבן אַרויסגעבראַכט און געפּריידיקט דעם געדאַנק, אַז די גרונט־סיבה פון אַלע שפּאַלטונגען און סכסוכים באַשטייט ניט אין דעם שלעכטן פאַרטיילן פון באָדן און אין דער שווערער שטייערן־פּאָליטיק פון דער רעגירונג, נאָר דווקא אין דער ערד־אַרבעט גופא. זי האָט צוגעבונדן די מענטשן צו דער ערד און געמאַכט זיי פאַר אירע קנעכט. זי האָט אַרויס־גערופן אַלע געפאַרן, מלחמות צווישן פעלקער און נייטיקייט אין אַ פאַרשטאַרקטער שוץ. זי האָט געשאַפן דעם קעגנזאַץ צווישן דעם גרויסן באָדנבאַזיצער און דעם קליינעם פויער, צווישן רייך און אָרעם. זי האָט צעשטערט די גלייכקייט, וואָס האָט געהערשט אַ מאָל, אין איר האַרמאָ־נישקייט, אין דער פאַרצייטיקער בעדואינישער געמיינדע.

דער אויסוועג באַשטייט דעריבער, ווי עס האָט אויפגעפאסט די געמיינדע פון די בני־רכב, אין דעם אָפּרייסן זיך פון באָדן און אין דעם פרייוויליקן אומקער צו אַ וואַנדער־לעבן. דער פרייער וואַנדערער איז שטענדיק גרייט אויפצולייגן זיינע געצעלטן, אָנלאָדן זיי אויף זיינע קעמ־

דען, טרייבן זיי ווייט פון דעם אָרט, אויף וועלכן עס צעשפּילן זיך מלחמות און הערשערישע תאוות, גיין מיט זיין פּי און שאָף, מיט זיין ווייב און קינד אין שויס פון דער פרייער נאַטור, ווו הונגער און שווערד האָבן קיין שליטה ניט. עס איז אים ניט נייטיק די גאָב פון דער באַארבעטער ערד, ער זאָגט זיך אָפּ פון ווייַן און בוימל. זיינע סטאַדעס געפינען שפּייז אין שויס פון דער נאַטור און שפּייזן אויך אים מיט זייער מילך.

דער וואַנדערער זאָגט זיך אָפּ פון פּריוואַט־אייגנטום, אין וועלכן עס ליגט דער שורש פון אַלע סכסוכים. אַלע מיטגלידער פון דעם וואַנדער־קאָלעקטיוו געניסן, ווי אַ מאָל, אין די צייטן פון די אָבות, גלייך פון דער פּרוכט פון זייער בשותפותער מי.

די מיטגלידער פון דער בני־רכב־געמיינדע איז געווען פאַרבאָטן צו טרינקען ווייַן, ניט נאָר דערפאַר, וואָס זיי אַליין האָבן ניט געפלאַנצט קיין וויינגערטנער און ניט געזעסן „אין שאָטן פון די ווייַנשטאָקן״, נאָר אויך ווייל דער ווייַן פאַרפירט און פאַרשיכורט, לאָזט פאַרגעסן דעם מענטש זיינע ליידן, פאַרדעקט מיט נעפּל זיין באַוווסטזיין.

דער פאַרגעשריבענער לעבנס־שטייגער פון דער בני־רכב־געמיינדע איז דעריבער פאַרמולירט געוואָרן אין פאָלגנדיקע ווערטער:

„טרינקט ניט קיין ווייַן, איר און אייערע קינדער ביז אייביק. בויט ניט קיין הייזער און זייט ניט קיין קערנער, פלאַנצט ניט קיין ווייַנ־גערטנער, און זאָלן זיי ביי אייך ניט זיין. זיצט נאָר אין געצעלטן אייער גאַנצן לעבן, כדי איר זאָלט לאַנג לעבן אויף דער ערד, ווו איר וווינט״.[1]

ווי פאַלש און ניט אויסגעהאַלטן פון סאָציאַל־עקאָנאָמישן שטאַנד־פּונקט עס איז געווען די דאָזיקע באַוועגונג, וועלכע האָט ווי געוואָלט אָפּשטעלן די ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון לאַנד און זוכן די לייזונג פון דעם סאָציאַלן פּראָבלעם אין אַן אָפּגעלעבטן און פּרימיטיוון געזעל־שאַפטלעכן סדר, וואָס קאָן זיך קיין מאָל מער ניט אומקערן, — האָט זי דאָך געפונען אַ ציטווייליקן אָנהאַלט אין דער אַטמאָספער פון בירגער־

[1] ירמיה לה, 7.

קריג און קלאַסן־סתירות. זי האָט אָפּגעשוואַכט די אָפּאָזיציאָנעלע כוחות פון די שטאָטישע און דאָרפישע מאַסן. זי האָט געלערנט אַוועקגיין, אויס־וואַנדערן אַנשטאָט צו ראַנגלען זיך, אַנשטאָט צו שטעלן זיך אַנטקעגן דעם שלעכטן מלוכהשן סדר און אַנטקעגן אַלע סכנות פון אָקופּאַציע און פאַר־ווּיסטונג, וואָס האָבן געלויערט אויפן לאַנד.

די נביאים איז אויסגעקומען ערנסט צו רעכענען זיך מיט דעם אויפ־שטייג פון דער בני־רכב־באַוועגונג. אין פיל פּרטים זיינען זיך די נביאים צונויפגעגאַנגען מיט די בני־רכב, באַזונדערס אין זייער קריטיק פון קעניגטום און די באַזיצנדיקע קלאַסן. אָבער דער שאַרפסטער אונטערשייד צווישן דער נביאישער באַוועגונג און די רכבים איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די נביאים האָבן געווענדט זייערע בליקן צו דער צוקונפט, בעת די רכבים האָבן געשטרעבט צוריק צו דער פאַרגאַנגענהייט, אין וועלכער די מענטשן זיינען געווען אָפּגעריסן פון באָדן און דערווייטערט פון יעדער פּראָדוקטיווער אַרבעט. דאָס איז די סיבה, וואָס די באַהעפטקייט מיט דער נאַטור פון לאַנד, די פאַרבנרייכע שילדערונג פון אירע בילדער און דערשיינונגען איז איינער פון די גרונט־מאָטיוון פון דער נביאישער לי־טעראַטור. און ווען נביאים, זין פון דאָרף, ווי אלישע, עמוס און ירמיהו, פאַרלאָזן דעם אַקער און די שאָף און גייען אַוועק אין די שטעט פון לאַנד, טוען זיי דאָס ניט, ווי די רכבים, אויס נעגאַטיווער באַציונג צו דער היי־מישער ערד־אַרבעט, נאָר צוליב דער הצטרכות אָפּצוגעבן זיך מיט אַ ברייטער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט לטובת דער זיכערקייט און וווילשטאַנד פון דעם פאָלק, וואָס זיצט אויף זיין ערד. דאָס האָט געבראַכט אויך די שפּעטערדיקע פּאָליטישע נביאים צו אַ פאַרבנרייכער און באַגייסטערטער שילדערונג פון דעם פרייען ערד־אַרבעטער פון דער צוקונפט, וועלכער וועט זיין דער פולער געניסער פון זיין געזונטער פּראַצע. דערמיט האָבן זיי, אָן קיין ספק, געשטרעבט צו באַקעמפן די סאָציאַל־אָפּגעשטאַנענע שטרעבונגען פון די רכבים.

עס לאָזט זיך אָבער אָננעמען די השערה, אַז עס איז געווען אַ צייט, וואָס די רכבים האָבן געהאַט אויסגעברייטערט זייער ווירקונג אויפן פאָלק און אויך ניט אויסגעמיטן צו ווירקן אויף דער נביאישער באַווע־

גונג. עס איז אַפילו מעגלעך, אַז דער נביא אליהו איז געשטאַנען באַזונ־דערס נאָענט צו די רכבים. אויף דעם ווייזט זיין אָפּשטאַמונג פון גלעד־לאַנד און זיין גאַנצער לעבנס־שטייגער, ווי ער ווערט באַשריבן דורכן ישראלדיקן כראָניקער פון יענער צייט.

דעם באַדייטנדיקן אָרט, וועלכן עס האָט פאַרנומען די רכבישע גע־מיינדע אין ישראלדיקן לעבן אין 8טן פאַרקריסטלעכן יאָרהונדערט, קאָן מען זען דערפון, אַז ווען יהוא, דער פירער פון די ישראלדיקע אויפשטענד־לער, האָט אויסגעראָטן די דעספּאָטישע דינאַסטיע פון קעניג עמרי, האָט ער זיך באַגעגנט מיט יהונדבן, דעם אָנפירער פון די רכבים, און האָט אים געפרעגט, — ווי מען פרעגט אַ פאָרשטייער פון אַ באַדייטנדיקער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג, — וועגן זיין באַציִונג צו דער פּאָליטישער איבערקערעניש. ווען יהונדב האָט אויסגעדריקט זיין פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג פון די געשעענישן, האָט אים דער זיגרייכער רעוואָלוציאָנער אַרויפגענו־מען אויף זיין טריומף־רייטוואָגן און איז מיט אים אַריינגעפאָרן קיין שומרון.

ערשט נאָך אַ דויערנדיקער געזעלשאַפטלעכער עוואָלוציע און אונ־טער דער ווירקונג פון מעכטיקע פּאָליטישע געשעענישן, מיט וועלכע מיר וועלן זיך באַקענען אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען, האָט די נבואה־באַ־וועגונג זיך אין גאַנצן באַפרייט פון דער סעקטאַנטישער השפעה פון די רכבים און זיך דערהויבן צו דער הייך פון אַ ראַדיקאַלער געזעלשאַפט־לעכער באַוועגונג, וואָס איז אַרויס אַפילו פון תחום פון איר פאָטערלאַנד.

13. די רדיפות קעגן דער נבואה־באַוועגונג. דער נביא אליהו. דער נביא עובדיה

אָפּגעזונדערט פון גאַנצן לאַנד, פאַרשלאָסן צווישן די וואַלדיקע בערג און די ירדן־ברעגן איז אָנגעגאַנגען דאָס פּאַסטעכער־לעבן אין גלעד. ווי פריער די פּאָליטישע פאַראייניקונג פון לאַנד דורך שאולן און דורך דער דוד־דינאַסטיע, אַזוי האָט זיך אויך איר שפּעטערדיקע שפּאַלטונג דורך ירבעם בן נבט ווייניק וואָס אָפּגערופן אויפן אינעווייניקסטן לעבנס־שטייגער אין גלעד.

די לעבנס־באַדערפעניש זיינען דאָ, אין שכנות פון מדבר, דאָס רוב געווען נאָך פּרימיטיווע. אויפהייבנדיק זיך אין פרילינג מיט אירע שאָף אין די בערג, פלעגט די פּאַסטעכער־פאַמיליע דאָרטן פאַרברענגען ביז די הייסע זומער־זון פלעגט ניט אויסטריקענען די גראָזן. דאַן פלעגט זי זיך אַראָפּ־לאָזן אין די באַשיצטע טאָלן נענטער צום ירדן און צו זיינע ביי־טייכלעך, וואָס פליסן אַרויס פון די באַרג־קוואַלן.

פּאָליטיש האָט זיך אָבער דער ישוב פון גלעד געניייטיקט מער פון אַנדערע טיילן פונעם לאַנד אין שוץ און פאַרטיידיקונג. פון צפון־זייט האָט ער זיך געגרענעצט מיט אַראַמעישע פּראָווינצן, און פון דרום־זייט מיט דער עמון־מלוכה, וועלכע האָט פון צייט צו צייט געפּרוווט אָקופּירן דעם גלעד.

אין יענעם אויסטערלישן באַרגיקן קלימאַט און ביי יענער קאָמפּלי־צירטער פּאָליטישער סיטואַציע איז אויפגעקומען און האָט געווירקט אין משך פון יאָרן דער גייסטיקער ריז און רעוואָלוציאָנער, דער נביאישער וואָרטזאָגער אליהו התשבי, אָדער אליהו הגלעדי, פון די אַלטגעזעסענע בירגער פון גלעד־לאַנד.

ווי מיר האָבן געזען, זיינען די נביאים, אַלס פאַרטרעטער פון פאָלק

און אויסדריקער פון זיינע אינטערעסן געווען דאָס רוב אָפּשטאַמיקע פון דאָרף. זיי האָבן גוט געקענט די נאַטור פון לאַנד און די אייגנשאַפטן פון ארץ־ישראלדיקן קלימאַט. אין דער נאַטור און אירע דערשיינונגען האָבן זיי געפונען ביישפּילן און סימבאָלן פאַר זייערע פּאָליטישע אַרויסטרע־טונגען. אין דער נאַטור האָבן זיי געפונען אויך אַ פּסיכאָלאָגישן אָנשפּאַר בשעת זייערע ווענדונגען צו די הערשער.

שוין אין משהס אויפטרעטן פאַר די עגיפּטישע הערשער זעען מיר ווי ער באַזירט זיך אויף די נאַטור־דערשיינונגען און די נאַטור־פּלאָגן אַלס אַ ווירקונגס־ און איבערצייגונגס־מיטל. אין די פּיל יאָרן, ווען ער האָט געפּיטערט די שאָף פון זיין שווער יתרו, האָט ער גרינדלעך געלערנט די נאַטור פון עגיפּטן און זיך געשטיצט אויף איר.

די זעלביקע דערשיינונג געפינען מיר ביי די נביאים פון אַלע צייטן. מיר זעען דאָס בילד אויף אַ בולטסטן אופן אין דער אליהו־געשיכטע.

דאָס איז געווען אין דער מלוכה־צייט פון קעניג אחאב (אין דער העלפט פון נייינטן פאַרקריסטלעכן יאָרהונדערט). די צפונדיקע ישראל־מדינה איז דעמאָלט דערגאַנגען צום הויכפּונקט פון איר מאַכט. אין אירע פרוכטבאַרע טאָלן האָבן זיך געצייטיקט תבואות און כלערליי פרוכטן, האַנדלס־קאַראַוואַנען פון אַסיריע און באַבילאָניע פלעגן זיך ציען איבער אירע וועגן קיין עגיפּטן. עס האָבן זיך געפירט לעבעדיקע האַנדלס־באַציונ־גען מיט די אַראַמעישע און פעניקישע שכנים.

פון יענער זייט ירדן, פון דער גלעדישער באַרגיקער אַגראַר־פּראָווינץ קומט אָן אין דער ישראל־מדינה דער וואָרטזאָגער פון דער נביאישער באַוועגונג אליהו.

ער באַהאַלט זיך אויס אַ צייט אין די היילן וואָס ביים ירדן, און די פאָלקס־לעגענדע דערציילט, אַז די „ראָבן פלעגן אים ברענגען ברויט און פליייש אין דער פרי און ברויט און פליייש אין אָוונט און פון טייכל פלעגט ער טרינקען״.¹

¹ מלכים א, יז, 6.

ניט לאַנג האָט ער זיך אָבער געקאָנט אויסבאַהאַלטן, איז אַריבער די ישראל־גרענעץ און האָט פאַרבראַכט צוויי יאָר אין פעניקיע, האָט זיך געגרייט צו אַ דרייסטער אַרויסטרעטונג פאַרן קעניג אחאב און פאַרן פאָלק און האָט זיך אומגעקערט אין דער צפונדיקער הויפּטשטאָט שומרון.

דאָס איז געווען אַ געוואַגטער לעבנס־געפערלעכער שריט.

די נביאישע באַוועגונג (צום ערשטן מאָל דערציילן אונדז די קוועלן פון אַ נביאישער מאַסן־דערשיינונג) האָט, אמת, געלאָזן טיפע וואָרצלען אין פאָלק, אָבער די גרויזאַמע הערשערישע קעניגין איזבל האָט געהייסן מאַסנוויז אויסשעכטן די נביאים און נאָר אַ דאַנק דער געטריישאַפט און דער געהיימער מיטאַרבעט פון עובדיה, דעם קאָמענדאַנט פון קעניגלעכן פּאַלאַץ, האָט אַ טייל פון די נביאים, די פירער און טוער פון דער נביאי־שער פאָלקס־באַוועגונג, געראַטעוועט זייער לעבן. „עובדיה האָט גענומען הונדערט נביאים און האָט זיי באַהאַלטן צו פופציק אין אַ הייל און האָט זיי געשפּייזט מיט ברויט און וואַסער".[2]

די לאַגע האָט זיך אָבער גאַנץ גיך געענדערט. מעגלעך, אַז ניט קוקנדיק אויף דער גרויזאַמער אונטערדריקונג איז די נביאישע באַוועגונג סטיכיש געוואַקסן און האָט געפונען איר ווייטערדיקע אונטערשטיצונג פון ווירקזאַמע מלוכה־טוער אויפן שטייגער פון עובדיה, און האָט באַ־קומען אויך צוזוקס־קרעפטן פון שכנישן יהודה־לאַנד, אָדער אפשר דער־פאַר וואָס די פּאָליטישע לאַגע איז געוואָרן אַלץ ערנסטער. יעדנפאַלס, זעען מיר, אַז דער כאַראַקטער־שטאַרקער און אַקטיוו געשטימטער נביא אליהו האָט ניט געוואָלט מער לעבן געהיים אין פעניקיע, וווהין, אגב, איזבל האָט געשיקט, ווי אין אַלע אַנדערע לענדער, אירע אויסשפּירער, און אין איין העלן פרימאָרגן איז ער, ניט קוקנדיק אויף אַלע וואָרענונגען עובדיהס, אָפן דערשינען אין שומרון און האָט זיך דרייסט געשטעלט פּנים־אל־פּנים מיטן קעניג אחאב.

און ווען אחאב האָט אים מיט צאָרן געפרעגט: „ביסטו דאָס דער באַ־

[2] מלכים א, יח, 4.

טריבער ישראלס?" האָט אים דער נביא מוטיק און אָפנהאַרציק געענט־פערט: „איך האָב ניט באַטריבט ישראל, נאָר דו און דיין פאָטערס פאַמי־ליע, דורך דעם וואָס איר האָט פאַרלאָזן יהוהס געבאָטן און זיך אָפגעגעבן מיטן בעל־קולט".[3]

ער טרעט איצט דרייסט אַרויס פאַרן טיראַנישן קעניג אחאב מיטן אָנקום פון די שטורמישע טראָפּישע רעגנס, וואָס האָבן געהאַלטן ביים אויסברעכן נאָך אַ לאַנגער טריקעניש. אַלס אַ זון פון די ברייטע פאַשע־פעלדער פון גלעד ברענגט ער דעם קעניג דעם פריידיקן אָנזאָג פון גע־גאַרטן רעגן.

לאַ די וואָס ער ווייס דעם וועג פון די וואָלקנס און די ריכטונג פון די ווינטן אין זיין הימלאַנד, ווייס ער אויך, אַלס קינד פון די גלעדישע גראַניט־בערג, ווי אַרויסצוקריגן פייער פון שטיין, און ער דעמאָנסטרירט אין דער גרויסער דעצידירנדיקער דיסקוסיע אויפן כרמל־באַרג די אים פאַר־שטענדלעכע כוחות פון דער נאַטור בשעתן אויסגוס פון די רעגנס און בשעתן אויפפלאַמען פון דעם פייער אויפן מזבח. די אַנטפּלעקונג פון די נאַטור־כוחות, האָט ניט נאָר אָפגעשטעלט די גרויזאַמע טעראָריסטישע האַנט פון קעניג, נאָר האָט אויך געגעבן אַ פעסטן שטיצפונקט פאַר דער פּראָקלאַמירונג פון די נביאישע אידייען.

פון דאַן נעמט ער זיך אָן מיט אַ נייעם מוט און אַקטיווקייט. ער טרעט אַרויס קעגן באַגאַנגענע עוולות און פאַרברעכנס און צייכנט זיך באַזונדער אויס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שענדלעכער נבות־געשיכטע.

„נבות פון יזרעאל האָט פאַרמאָגט אַ ווייַנגאָרטן אין שכנות מיטן פּאַלאַץ פון אחאב, דעם קעניג פון שומרון. האָט אחאב פאַרהאַנדלט מיט נבותן: גיב מיר דיין ווייַנגאָרטן וועל איך האָבן אַ גרינס־גאָרטן, ווייל ער איז נאָענט צו מיין הויז און איך וועל דיר אָנשטאָט אים געבן אַ בעסערן ווייַנגאָרטן. אויב דו ווילסט, וועל איך דיר באַצאָלן זיין ווערט אין געלט. האָט נבות געענטפערט אחאבן: חלילה מיר (צו זינדיקן) פאַר יהוהן איך זאָל דיר אָפּגעבן די נחלה פון מיינע עלטערן".[4]

[3] מלכים א, יח, 17—18.
[4] מלכים א, כא, 1—3.

עס האָט ניט געהאָלפן די שטאַרקע פּאָדערונג, אויך ניט די אַריינמישונג פון דער שטאַרקער און אַמביציעזער קעניגין איזבל. דער קעניג און זיינע קאָלאַבאָראַנטן האָבן צוליב דעם קעניגס ווילטאָג באַשלאָסן צו גיין אויף אַן אָפענעם פאַרברעכן קעגן דעם בראַוון אַרבעטס־מענטש נבות. עס איז געשיקט געוואָרן אַ קעניגלעכער באַפעל „צו די עלטסטע און אַדעליקע פון דער שטאָט יזרעאל״, אַז „מען זאָל אין שטאָט דערקלערן א תענית, אַוועקזעצן נבותן אויבן־אָן, שטעלן קעגן אים צוויי אויסוואָרפן (בני־בליעל), וואָס זאָלן עדות זאָגן, אַז נבות האָט געשאָלטן גאָט און דעם קעניג און מען זאָל אים אַרויספירן, פאַרשטיינען און ער זאָל שטאַרבן״.[5]

„און ווען די קעניגין איזבל האָט דערהערט, אַז (דער באַפעל און אורטייל זיינען אויסגעפירט געוואָרן) נבות איז פאַרשטיינערט געוואָרן און איז געשטאָרבן, האָט איזבל געזאָגט צו אחאבן: גיי ירשן איצט דעם ווייןגאָרטן פון נבות דעם יזרעאלי״,[6] וועלכן ער האָט דיר נישט געוואָלט געבן פאַר געלט, דען נבות לעבט ניט, ער איז טויט. און ווען אחאב האָט דערהערט, אַז נבות איז געשטאָרבן, האָט ער זיך געלאָזן צו ירשנען דעם וויינגאַרטן פון נבות דעם יזרעאלי״.[7]

דאָ האָט זיך מיט אַ שטורמישער רעוואָלוציאָנערער קראַפט דערוועקט די אויפגעבראַכטקייט פון דעם נביא אליהו. אינספּירירט פון דער געשעעניש, איז ער דערשינען פאַרן קעניג אויף זיין וועג אין וויינגאָרטן און אויסגעשריען: „דו האָסט געמאָרדעט און ווילסט נאָך אויך ירשנען?! אַזוי האָט געזאָגט יהוה: אויף דעם אָרט, ווו די הינט האָבן געלעקט נבותס בלוט, דאָרט וועלן זיי לעקן דיין בלוט״.[8]

ניט געקוקט אויף דעם אומאויפהערלעכן טעראָר קעגן די נביאים איז אליהו דרייסט אַרויסגעטראָטן קעגן די הערשער און האָט געזאָגט

[5] מלכים א, כא, 1—10.

[6] לויטן קעניגלעכן געזעץ פלעגט, קאָנטיק, אַריבער צום קעניג דער אייגנטום פון רעליגיעזע און פּאָליטישע פאַרברעכער.

[7] מלכים א, כא, 15—16.

[8] מלכים א, כא, 19.

זיין שטאַרק וואָרט אויך אין צווישנפעלקערלעכע פראַגן, דערהויפּט אין שייכות מיט די אַראַמעיש־ישראלדיקע באַציונגען.

ער האָט אויך אויסגעפונען דעם מאַן, וואָס האָט געדאַרפט מיט אים מיטאַרבעטן און מיט דער צייט אויך זיין זיין גייסטיקער נאָכפאָלגער אין דער שווערער און דעצידירנדיקער צייט אין דער נבואה־באַוועגונג. דאָס איז געווען אלישע בן שפט, אַן ערד־אַרבעטער. אליהו האָט אים געטראָפן אין זיין היימישן דאָרף, אויף זיין פאָטערס פעלד ביים אַקערן מיט אַ געשפּאַן פון אָקסן. ער האָט אויף אים אַ וואָרף געטאָן זיין מלבוש און אלישע האָט גלייך פאַרלאָזן די רינדער און ניט באַוויזנדיק צו געבן אַ קוש דעם פאָטער און דער מוטער, איז ער געלאָפן נאָך אליהון.[9]

די אומצופרידנקייט און אויפגעבראַכטקייט פון פאָלק קעגן דעם קעניג אחאב און זיין הערשערישער פעניקישער פרוי איזבל איז אין צווישן אָנגעוואַקסן פון טאָג אויף טאָג. עס איז אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער רעוואָלוציאָנערער אויפשטאַנד, וועלכער איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער נבי־אישער באַוועגונג אונטער דער אָנפירונג פון נביא אליהו. דאָס מאָל איז די באַוועגונג ניט געווען אַזוי נאָכגיביק ווי נאָך שלמהס טויט אין ירוש־לים, און איז געווען באַגלייט מיט טעראָריסטישע אַקטן קעגן דעם קעניג יהורם, דעם זון אחאבס און זיין מוטער איזבל און קעגן דער גאַנצער קעניגלעכער משפּחה. יהוא בן יהושפט בן נמשי, דער פירער פון דעם אויפשטאַנד, איז אין דער שטיל געזאַלבט געוואָרן דורך דעם נביא אלישע צו זיין רעוואָלוציאָנערער אויפגאַבע, וועלכע איז באַשריבן אין תנ״ך מיט אַ וואונדערלעכער אָפנהאַרציקייט[10] אַזוי, אַז זי קאָן דינען אַלס קלאַסישער ביישפּיל פון אַ באַשרייבונג פון טעראָריסטישע אַנטי־מלוכהשע באַווע־גונגען.

אליהו געהערט צו די אַזוי גערופענע אויסוויניקסטע, ניט־געשרי־בענע נביאים. פון זיינע אַרויסטרעטונגען פאַר די הערשער און פאַרן פאָלק האָבן זיך אויפגעהאַלטן נאָר איינצלנע קורצע זאַצן און עפּיזאָדן,

[9] מלכים א, יט, 19—20.
[10] מלכים ב, ט, 27.

אָבער די עצם טאַטזאַך, וואָס זיין פּערזענלעכקייט איז באַקרוינט געוואָרן דורכן פאָלק מיט אַזוי פיל אומשטערבלעכע לעגענדעס באַווייזט אויף דער טיפער ווירקונג וואָס ער האָט געהאַט אויפן פאָלק, אויב ער האָט זיך אַזוי איינגעקריצט אין פאָלקס־זכרון. ער איז אויפגעפאַסט געוואָרן ניט נאָר אַלס ראַדיקאַלער קעמפער קעגן דער פרעמדער קולטור, קעגן דעם בעל־קולט, נאָר ווי דער אייביק לעבעדיקער אָנזאָגער פון נאַציאָנאַ־לער דערלייזונג, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבן איבער דער ערד אין זיין פייערדיקן רייטוואָגן, כדי סימבאָליש צו דערשיינען אין אַלע צייטן פון פיין און אונטערדריקונג מיט זיין שטאַרקן אויפמונטערנדיקן וואָרט, מיטן אָנזאָג פון דערלייזונג.

ווילן מיר אָבער אַראָפּוואַרפן דעם מאַנטל פון לעגענדעס און זען די רעאַלע געשטאַלט פון דעם נביאים־פירער אליהו, ווי ער האָט עקזיסטירט אין דער ווירקלעכקייט, — אַזוי ווייזט ער זיך אונדז קלאָר אין די ווינציקע ביבלישע פסוקים אַלס אַ גייסטיקער ריז און אַלס אַן אַקטיווער וואָרט־זאָגער און קעמפער פאַר גערעכטיקייט און פאָלקס־רעכט אין אַ צייט פון טעראָר, דעספּאָטיזם און פּאָליטישער קורצזיכטיקייט מצד די הערשער פון זיין היימלאַנד.

*

דער איינציקער פאַרבליבענער קאַפּיטל, וועלכער דערציילט וועגן די אַרויסטרעטונגען פון דעם נביא עובדיה, זאָגט קלאָר עדות וועגן די פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען פון די נביאים, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן אין יענער צייט, מן הסתם אין דער מלוכה־צייט פון ישראלדיקן קעניג אחאב. דאָס איז געווען, ווי מיר האָבן געזען, די צייט ווען די נביאים זיינען מאַסנ־ווייז אומגעבראַכט געוואָרן דורך דער קעניגלעכער מאַכט און עס איז זיי שטרענג פאַרבאָטן געוואָרן אַרויסצוטרעטן פאַרן פאָלק אויף די מערק און אין די טעמפּל־הויפן. דער רעשט זייערער פלעגט זיך אויסבאַהאַלטן אין היילן און עס איז ביי אַזעלכע אומשטענדן שטאַרק פאַרשווערט געוואָרן פאַר זייערע אָנהענגער צו פאַרשרייבן זייערע רעדעס.

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז דער נביא עובדיה איז געווען ניט קיין

אַנדערער ווי דער אונדז גוט באַקאַנטער געהיימער פריינט און אָנהענגער פון דער נביאישער באַוועגונג, עובדיה, וועלכער איז געווען דער קאָמענדאַנט פון קעניג אחאבס פּאַלאַץ אין שומרון.[11] אויב אַזוי, האָט ער ניט נאָר געהיים געשיצט און געשטיצט די נביאישע באַוועגונג, אויסבאַהאַלטן און געשפּייזט די נביאים, נאָר אַליין אויך אַרויסגעטראָטן אין וואָרט און שריפט מיט נביאישע רעדעס.

עובדיה באַרירט ניט אין דעם דערהאַלטענעם קאַפּיטל קיין פראַגן פון צפונדיקן ישראל-לאַנד, נאָר די פּאָליטישע באַציונגען צווישן דעם יהודה-לאַנד, וועלכן עס האָט געדראָט די אשורישע אָקופּאַציע, ווי אויך זיין שטאַרקן דרומדיקן שכן און ברודער — דאָס אדום-לאַנד. די פריינטלעכע אָדער, ווייניקסטנס, נייטראַלע פּאַרהאַלטונג פון אדום האָט געקאָנט פאַרלייכטערן די לאַגע פון יהודה-לאַנד און די פּאַרטיידיקונג-סטראַטעגיע פון ירושלים. די געפאַר פון אשורישער אָקופּאַציע האָט דאָך פאַר איינס געדראָט אויך אדום און דאָס האָט באַדאַרפט ברענגען צו קעגנזייטיקער הילף צווישן יהודה און אדום.

דער נביא איז גוט באַהאַוונט אין די געאָגראַפישע און פּאָליטישע אומשטענדן פון די דרום-לענדער און ער רעדט אין אַן אויסגעשפּראָכענעם, מען קאָן זאָגן, דיפּלאָמאַטישן לשון, ווען ער וואָרנט אדום פאַרן פאַל פון פאַרראַט און פּראָוואָקאַציע און זאָגט: „דיך דאַרף באַדעקן שאַנד ווען דו וועסט באַרויבן דיין ברודער יעקב און דו וועסט אויף אייביק פאַרשניטן ווערן, אויב דו וועסט שטיין פון דער ווייט, ווען פרעמדע וועלן זיך פאַרגעוועלטיקן איבער זיין גוטס און ווען דו וועסט זיין ווי איינער פון זייערע, ווען באַרבאַרן וועלן אַריינקומען אין די טויערן פון ירושלים. דו זאָלסט זיך ניט פאַרהאַלטן גלייכגילטיק אין דיין ברודערס (שווערן) טאָג, אין דעם טאָג פון זיין אומגליק און זאָלסט זיך ניט פרייען איבער די יהודה-זין אין דעם טאָג פון זייער בראָך און זאָלסט ניט אויפרייסן דיין מויל אין דעם טאָג פון זיין פּיין, זאָלסט ניט אַריינמאַרשירן אין זיין

[11] מלכים א, יח, 3, 13.

פאָלקס טויער אין טאָג פון זיין אומגליק, זאָלסט זיך ניט צוקוקן (גלייכ־גילטיק) צו זיין שלעכטן מצב אין זיין אומגליקס־טאָג, ניט אַרויפּלייגן די האַנט אויף זיין גוטס, זאָלסט ניט שטיין ביים רויב, כדי אויסצוראָטן זיינע פּליטים און זאָלסט ניט אויסליפערן (דעם שונא) אין דעם אומגליקס־טאָג זיינע איבערגעבליבענע, דען עס נענטערט זיך דער יהוה־טאָג פאַר אַלע פעלקער. ווי דו וועסט טאָן, אַזוי וועט געטאָן ווערן דיר, און אויף דיין קאָפּ וועט פאַלן דער געצאָלט".[12]

אַזוי זעען מיר אין די ווייניקע פאַרבליבענע אַרויסזאָגונגען פון עובדיה דעם אויסדרוק פון דער צענטראַלער נביאישער אידייע וועגן דער קעגנזייטיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די פעלקער און וועגן דער שטראָפנדיקער האַנט פון דער וועלט־גערעכטיקייט, וועלכע וועט זיך אין דער געהעריקער צייט אַנטפּלעקן אין דער געשטאַלט פון דעם יהוה־טאָג.

[12] עובדיה א, 10—15.

דריטער טייל

14. די „גרויסע" און „קליינע" נביאים

עס איז אָנגענומען צו באַצייכענען מיטן נאָמען גרויסע נביאים די דריי באַקאַנטע נביאים ישעיה, ירמיה און יחזקאל, פון וועלכע עס זיינען צו אונדז דערגאַנגען באמת גרעסערע נבואה־זאַמלונגען. זיי זיינען אָבער ניט נאָר גרויס אין זייער פאַרנעם, אין דער צאָל דערהאַלטענע קאַפּיטלען, נאָר יעדע פון זיי איז אויך איר אופן קאָמפּליצירט און אייגנאַרטיק, רייך אין איר פּאָליטישן און מאָראַלישן אינהאַלט. יעדע פון זיי פאַר־לייגט אַ גרונטשטיין פאַר דער פילזייטיקער פאַרשטענדעניש פון דער נבואה־באַוועגונג און אויף זיי בויט בעצם יעדער תנ"ך־פאַרשער אין דער גרעסטער מאָס זיין פאַרשונג.

דאָס מינערט ניט אָבער אויף קיין פאַל דעם ווערט פון די איבעריקע, אין אומפאַנג קלענערע און צום טייל עלטערע נבואה־זאַמלונגען, ווי די ביכער עמוס און הושע און טיילוויז גאַנץ שפּעטערדיקע זאַמלונגען, ווי יואל, ישעיה דער צווייטער, צפניה, חגי, זכריה און מלאכי. צום גרעסטן טייל זיינען די אַלע קלענערע נביאישע זאמלונגען פראַגמענטן פון גרע־סערע נביאישע אַרויסטרעטונגען, וועלכע זיינען ניט פאַרשריבן געוואָרן אָדער ניט דערגאַנגען צו אונדז צוליב פּאָליטישע, צענזאָרישע און אַנדערע סיבות; און אין אונדזער צייט, מיט אירע פרוכטבאַרע און אָפט אויך איבער־ראַשנדיקע אויסגראָבונגען אין ארץ־ישראל, לאָזט זיך אפילו גלייבן, אַז עס וועלן נאָך אויסגעפונען ווערן דערגענצונגען צו די קלענערע, און אפשר אויך צו די גרעסערע, נבואה־זאַמלונגען.

לאָמיר אויף אַ מער קאָנצענטרירטן אופן אָפּשטעלן זיך אויף די גרונט־שטריכן פון די איינצלנע נביאים און אויף דעם אייגנאַרטיקן כאַ־ראַקטער פון יעדנס אַרויסטרעטונגען. דערמיט וועלן מיר דערגענצן דאָס, וואָס עס איז פון אונדז געזאָגט געוואָרן אין אַן אַלגעמיינער פאָרם אין אַנדערע קאַפּיטלען.

אויף וויפל עס איז באַקאַנט די צייט פון יעדן איינצלנעם נביא, וועלן מיר זען זיך האַלטן ביי דעם כראָנאָלאָגישן סדר.

ווי מיר וועלן זען, פאַרמאָגן די אַלע פאַרשריבענע נביאישע רעדעס איין בשותפותדיקן און העכסט וויכטיקן שטריך. זיי זיינען דורכויס פאָלי־טישע רעדעס. אין זיי רעאַגירן די נביאים מיט דער העכסטער אַקטיווקייט אויף דעם מצב אינעווייניק אין לאַנד און אויף די צווישנפעלקערלעכע באַציונגען.

מיר באַצייכענען דעריבער די דאָזיקע נביאים מיט רעכט אַלס פאָליטישע נביאים.

15. דער אַנגריף מצד דער אשורישער אימפּעריע. די פּאָליטישע נביאים

וואָס מער עס האָבן זיך פאַרשטאַרקט די אויפשטאַנדן קעגן דער אשורישער אימפּעריע אין דרום, אין בבל און אין פּרס, אַלץ שטאַרקער האָט זי געפּרווט אָרויפצווינגען איר יאָך אויף די מערב־לענדער, אויף קליין־אַזיע, ארם און פעניקיע. וואָס שווערער עס איז איר געוואָרן דער צוטריט צום פּערסישן ים, אַלץ ענערגישער האָט זי געזוכט צו שטעלן זיך פעסט אויפן ברעג־לאַנד פון מיטללענדישן ים און שאַפן דאָרטן אַ פאָדער־שטע פּאָזיציע קעגן דער קאָנקורירנדיקער עגיפּטישער גרויסמאַכט.

אין דער צייט פון די ישראל־מלכים יואש און ירבעם דעם צווייטן (אין 8טן פאַרקריסטלעכן יאָרהונדערט) האָט זיך שוין די אשורישע אימ־פּעריע ניט באַגנוגנט מיט פאַרטיזאַנישע אָנפאַלן אויף סיריע און קליין־אַזיע. תגלת פלאסר דער דריטער (דער באַבילאָנישער פּול) האָט פאַקטיש שוין אונטערטעניק געמאַכט די דאָזיקע לענדער (738 פאַר דעם קריסט־לעכן צייט־חשבון), הגם ער האָט ביי זיי פאָרמעל נאָך ניט צוגענומען דעם לעצטן שיין פון פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט.

דאָס ישראל־לאַנד איז נאָך דערווייל ניט אַריין דירעקט אין קרייז פון דער אשורישער אָקופּאַציע. תגלת פלאסר האָט זיך געהאַט דורכגע־שלאָגן צום מיטללענדישן ים ביי די ברעגן פון קליין־אַזיע און פעניקיע, אָבער ישראל איז שוין געווען ערנסט באַדראָט דורך דער אַגרעסיווער גרויסמאַכט און האָט שוין געמוזט איבערלעבן אַ שווערן ווירטשאַפטלעכן קריזיס צוליב דעם וואָס עס זיינען צעשטערט געוואָרן זיינע עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען מיט די צפונדיקע שכנים.

אַחוץ דעם איז קלאָר געוואָרן פאַר יעדן רעאַלן פּאָליטיקער, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט אשור פאַרנעמען דעם גאַנצן ברעג פון

מיטללענדישן ים, אַז זיינע חיילות וועלן זיך פון חרמון און לבנון אַראָפּ־לאָזן אין דעם פּרוכטבאַרן גליל און דערגיין אפשר שפּעטער, דורך די אפרים־בערג, קיין יהודה־לאַנד ביז צו עזה.

פאַר די נביאים, אַלס וואָרטזאָגער פון דער רעאַלער פּאָליטיק, איז געווען קלאָר, אַז די ישראלדיקע געזעלשאַפט, וועלכע איז דעמאָראַליזירט דורך דעם לוקסוס און פוילקייט פון די רייכע און אָפּגעשוואַכט דורך דעם עלנט און קנעכטשאַפט פון די אָרעמע, איז ניט מסוגל אויסצוהאַלטן דעם פאָרויסגעזעענעם אשורישן אָנגריף, בפרט, אַז דער בירגער־קריג מיט יהודה האָט די גאַנצע צייט אָנגעהאַלטן און די מיליטאַריסטישע קרייזן און די כוהנים פון די מיט ירושלים קאָנקורירנדיקע הייליקע שטעט האָבן געהאַט קינסטלעך פונאַנדערגעבלאָזן דעם דאָזיקן קאָנפליקט מיטן יהודה־לאַנד.

אַזוי האָט זיך, ווי פון זיך אַליין, געעפנט דער פּאָליטישער פראָנט פאַר דער אָקופּאַציע־תאווה פון די גרויסמאַכטן. זיי האָבן פאַרכאַפּט אין לאַנד נאָכן צווייטן „ווי פאַרוואָרלאָזטע אייער״ און אַזוי, אַז עס זאָל ניט צייט האָבן „קיין פויגל אויסצושפּרייטן זיינע פליגל, ניט עפענען קיין מויל און טרילן״, אַז אַלע זאָלן זיך אונטערגעבן אָן ווידערשטאַנד צו זייערע חיילות.

און ניט נאָר אָן ווידערשטאַנד אַליין. דער דראַנג צו פּאָליטישער צופּאַסונג האָט שטענדיק אַרויסגערופן ביי די הערשנדיקע קלאַסן אין יעדן לאַנד די אָפענע טענדענץ אויפצונעמען די אשורישע קולטור און דעם אשורישן קולט. מיט דעם פּאָליטישן טריומף פון אשור האָט אומע־טום געזיגט דער אשורישער בעל. ער האָט באַזייטיקט די אָרטיקע קולטן. צוזאַמען מיט די קאָמפּראָמיטירטע הערשער האָבן זיך קאָמפּראָמיטירט אויך זייערע געטער. דער איינציקער מיוחס און וואָרטזאָגער אין טריבונאַל פון די געטער איז איצט געווען אומעטום דער בעל פון אשור. אים זיינען איצט געווידמעט געווען די רייכע טעמפּלען, אויף די מזבחות האָט מען אים גערייכערט דעם בעסטן בשמים־ווייריך. אים האָבן די הערשנדיקע קלאַסן געבראַכט זייערע שאַצבאַרע מתנות, אַלס אַ מין פּאָליטישן אויס־

קויף־געלט, און די סאָציאַלע סתירות צווישן זיי און צווישן דער פאָלקס־מאַסע זיינען געוואָרן נאָך בולטער.

די עמפּערונג פון די נביאים איז איצט אַלץ מער אַרויסגעוואַקסן אַריבער די גרענעצן פון זייער קליינעם היימלאַנד. צוזאַמען מיט די פאַראָרעמטע פויערן פון יהודה און ישראל, וואָס ווערן פאַרקויפט פאַר קנעכט די רייכע מאַגנאַטן, צוזאַמען מיט די הונגעריקע אלמנות און יתומים, ביי וועלכע עס ווערט אָוועקגעראַבירט דאָס לעצטע פעלד און די לעצטע שטוב, זעען זיי פאַר זייערע אויגן אויך מחנות קנעכט פון פּרס, מדי, ארם, חמת, פעניקיע און אַנדערע לענדער, וועלכע טראָגן דעם זעלבן שווערן יאָך, וואָס ווערן געצוווּנגען צו בויען פעסטונגען און פּאַלאַצן פאַר זייערע הערשער און אונטערדריקער. זיי זעען פאַר זיך אַ גרויסן אינטערנאַציאָנאַל פון אונטערדריקטע פעלקער און זייערע האָריזאָנטן ברייטערן זיך אויס, זיי ווערן נביאים פאַר פעלקער, — נביאים לגויים. זייער שטרעבן צו גערעכטיקייט וואַקסט אַרויס איבער די גרענעצן פון זייער פאָטערלאַנד.

אין יזרעאל־טאָל און אין דער שפלה, אין די טויערן פון שומרון און ירושלים, אויף די מערק און אויף די קאַראַוואַנען־וועגן האָבן די נביאים געהאַט מן הסתם די געלעגנהייט ניט איין מאָל אַרויסצוטרעטן פאַר אַ געמישטער פעלקער־מאַסע, פאַר כנענישע, אַראַמעישע, פעניקישע, פּערסישע, בבלישע, אשורישע און עגיפּטישע קאַראַוואַנען־הענדלער און האַנטווערקער, און זיי האָבן זיך, פאַרשטייט זיך, ניט באַגנוגנט מיטן ריין פּלאַטאָנישן באַהאַנדלען דאָס פּאָליטישע לעבן פון די אַרומיקע פעלקער, זיי האָבן אין קלאָרע ווערטער קריטיקירט די פאַרמעסטונגען פון די שטאַרקע און דעם פּיין פון די אונטערדריקטע. זיי גילטן אַלס פּאָליטיקער, אַלס פּאָליטישע נביאים אין פולן זין פון וואָרט.

אויפדעקנדיק אין אַלגעמיינע, אָפט — אפשר צוליב אויסערלעכע סיבות — נעפלדיקע שטריכן די סאָלידאַריטעט און די גורלדיקע שותפות פון די אונטערדריקטע פעלקער אין דער דעמאָלטיקער קולטור־וועלט, זיינען די נביאים אויף אַ נאַטירלעכן אופן געקומען צו דעם באַגריף וועגן אַן איינהייטלעכער וועלט־אידייע פון גערעכטיקייט, פון גערעכטיקייט פאַר אַלעמען.

יהוה, דער מקור פון גערעכטיקייט, איז אויסגעוואַקסן אין דער נביאישער וועלט־השקפה אין אַ וועלט־גאָט. די סאָציאַלע אידייען פון די נביאים האָבן זיך צעברייטערט און צעוואַקסן און האָבן באַקומען די געשטאַלט פון אַ סאָציאַלער אמונה מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם אינטער־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

יהוה — ווערט דער סימבאָל, דער לאָזונג און די פאָן אין סאָציאַלן קאַמף פון די נביאים. ער איז דער גאָט פון די שוואַכע און אונטערדריקטע. ער איז דער גואל־הדם, דער נקמה־נעמער פאַרן בלוט פון זיינע געקוי־לעטע און פאַרשקלאַפטע מענטשן־קינדער. „ער קומט אָן פון אדום און פון זיינע קליידער טריפט בלוט, ווי עס טריפט וויין פון דעם וויין־פּרעסער, דען ער האָט דעם וויין־קעלטער פון די פעלקער געטראָטן און האָט איינ־געריכט זיינע קליידער״.[1]

דאָס איז דער נקמה־גאָט יהוה, וועלכער וועט אין דעם אַנקומענדיקן „גרויסן טאָג״, ווי אַ שטורעם־ווינט, אַראָפּטראָגן די פּאַלאַצן פון אונטער־דריקער, כדי צו בויען שפּעטער אויף זייערע חורבות אַ נייע וועלט פון די און פאַר די, וועלכע זיינען דורכגעזיפּט געוואָרן דורך זיין זיפּ און אויסגעלייטערט אין זיין קעסל.

ווי באַגרענעצט און קליין האָט איצט אויסגעזען די וועלט־אַנשויונג שמואלס אין פאַרגלייך מיט די דאָזיקע פּאָליטישע נביאים, וועמען די גרויסע קריטישע תקופה אויפן נאָענטן מזרח האָט געצייטיקט, געלאָזט אויסוואַקסן ביי זיי גייסטיקע פליגל. דאָרטן איז דער נביא צוזאַמען מיט זיינע אָנהענגער אַרויסגעטראָטן פאַר אַ לאָקאַלן קרייז פון נאָך פּרימיטיווע דאָרפסלייט. דאָ שטייט ער פאַר אַ פיל געפּרוּווטער שטאָטישער באַפעל־קערונג, וואָס האָט שוין דורכגעמאַכט אַן עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג אין משך פון דורות און וועלכע איז געשטעלט געוואָרן מיטן פּנים צו אַ שווערן אינעווייניקסטן געזעלשאַפטלעכן קריזיס אין די וועלט־געשעענישן, וואָס דראָען אַלע אַרומיקע לענדער.

[1] ישעיה סג, 1—3.

16. דער נביא עמוס

איינער פון די ערשטע נביאים פון דער קעניג־צייט, וועמעס אַרויס־טרעטונגען האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין דער ביבלישער ליטעראַ־טור, איז געווען עמוס פון דאָרף תקוע, וואָס האָט געלעבט און געווירקט אין דער צייט פון דעם יהודה־קעניג עוזיהו און ישראל־קעניג ירבעם בן־יואש אין מיטן פון 8טן פאַרקריסטלעכן יאָרהונדערט. ער האָט פאַרלאָזן זיין היימישן דאָרף און איז געקומען אין דער הויפּטשטאָט פון ישראל־לאַנד, קיין שומרון, און אין דעם צפונדיקן מלוכה־טעמפּל אין בית אל איז ער אַרויסגעטראָטן אָפן און דרייסט, ניט קוקנדיק אויף אַלע דראָונגען און רדיפות.[1]

ער איז איינער פון די ערשטע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פּאָליטישע פּראָבלעמען פון נאָענטן מזרח פון זיין צייט בכלל און פון ישראל און יהודה בפרט, און ער באַטראַכט זיי אין זייער צוזאַמענהאַנג, ווייל די פּאָלי־טישע געפאַרן, וועלכע דראָען די איינצלנע קליינע און שכנותדיקע לענדער מצד די אַסירער זיינען געמיינזאַמע און נאָר דורך סאָלידאַריטעט און בשותפותדיקער פּאַרטיידיקונג זיינען די אַלע לענדער געווען ביכולת אויסצומיידן די געפאַר איינגענומען און פאַרניכטעט צו ווערן מצד די שטאַרקע אָקופּאַנטן.

דעריבער איז דער נביא שטאַרק אויפגעבראַכט אויף די פירער פון ישראל, פאַר וואָס זיי האָבן אויפגעלייזט דעם פּאַרטיידיקונגס־בונד, וואָס זיי האָבן געהאַט געשלאָסן מיט די שכנישע לענדער, כדי בייצושטיין מיט בשותפותדיקע כוחות די אשורישע געפאַר.

ביי דער קלאַסן־צעשפּאַלטנקייט אין יעדן לאַנד און ביי דעם מאַנגל

[1] עמוס ז, 13.

פון צווישנפֿעלקערלעכער פאַרשטענדעניש זעט דער נביא די אומפּאַר־מיידלעכקייט פון דער נאָענטער פּאָליטישער קאַטאַסטראָפע.

די פאַלשע פּאָליטיק, וועלכע ווערט געפירט מצד די הערשער פון ישראל דראָט מיט פאַרוויסטן די פּאַסטעכער־לאַנקעס און די גערטנער אויפן כרמל־באַרג.

„פון ציון שרייט גאָט,
און עס וועלן טרויערן די פּאַסטעכער־היימען
און עס וועט פאַרטריקנט ווערן דער שפּיץ פון כרמל״.[2]

ער האָט צאָרנדיק פּראָטעסטירט קעגן די טעראָר־אַקטן פון די אַראַ־מייער אין אָקופּירטן גלעד און האָט זיי געוואָרנט, אַז פאַר אַזאַ אַכזריות־דיקער פּאָליטיק וועלן זיי באַקומען די געהעריקע שטראָף און זייער הויפּטשטאָט דמשק וועט צעשטערט ווערן — קאַנטיק דורך דעם אשורישן מיליטער — און זיי וועלן פאַרטריבן ווערן פון זייער לאַנד.[3]

אויפן זעלבן אופן קריטיקירט ער שאַרף די פּאָליטיק פון דער שטאָט און פּראָווינץ עזה, פון דער פעניקישער שטאָט צור, וועלכע „האָט פאַר־געסן דעם ברודער־בונד״, פון דעם אדום־לאַנד, וואָס „פאַרפאָלגט זיינע ברידער מיטן שווערד״, פון דעם עמון־לאַנד, וואָס האָט אומגעזעצלעך פאַרכאַפּט שכנישע שטחים, און אויך פון דעם מואב־לאַנד. ער זאָגט פאַרויס, אַז די אַלע שטעט און לענדער, וועלכע, אַנשטאָט צו אָרגאַניזירן אַ בשות־פותדיקן פראָנט קעגן דעם שטאַרקן אָקופּאַנט אשור, וואָס באַדראָט גלייכ־צייטיק זיי אַלעמען, פאַרנעמען זיי זיך מיט קעגנזייטיקע קאָנפליקטן און אינטריגעס, וועלן חרוב ווערן.[4]

אין צענטער פון זיינע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען שטייט אָבער די פּאָליטישע אָריענטאַציע אין די ענינים פון זיין אייגענעם לאַנד. ער ווייזט

[2] עמוס א, 2.
[3] עמוס א, 3—5.
[4] עמוס א, 3—15; ב׳, 1—3.

אָן קלאָר און דייטלעך אויף דער צעפוילטקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, אויף דער פאַרקויפטקייט פון די באַאַמטע און ריכטער, וואָס „פאַרקויפן דעם גערעכטן פאַר געלט און דעם נויטבאַדערפטיקן פאַר אַ פּאָר שיך"[5] וואָס טרעטן ביז צו דער ערד די אָרעמע און באַשיידענע, וואָס באַנוצן זיך מיט די קליידער, וואָס זיינען ביי זיי פאַרמשכנט געוואָרן דורך בעלי־חובות, זויפן דעם וויין, וואָס ווערט געבראַכט אין טעמפּל און פירן אַ ציניש און אויסגעלאַסן לעבן.[6]

די מלוכה־פירער האָבן פאַרבאָטן יעדע קריטיק מצד די נביאים, אָבער דער נביא טרעט אַרויס מיט זיין רעוואָלוציאָנערער רעדע, ניט קוקנדיק אויף אַלע רדיפות און פאַרבאָטן. ער טאַדלט שאַרף דעם עקזיס־טירנדיקן מצב פון דער געזעלשאַפט און זאָגט פאָרויס איר טראַגישן סוף, ווייל דאָס עקאָנאָמיש אָפּגעשוואַכטע, געדריקטע און מאָראַליש צעלייגטע פאָלק איז ניט בכוח אַנטקעגנצושטעלן זיך דער פּאָליטיק פון מאַכט פון די אַסירישע אָקופּאַנטן. אין אַ ריי בילדער שילדערט ער די טרויעריקע רעזולטאַטן, צו וועלכע עס וועט ברענגען די פאַלשע אויפפירונג פון די הערשנדיקע קלאַסן און פון דער רעגירונג: די מאַכט־פּאָליטיק פון דער רעגירונג וועט געשטרויכלט ווערן: „דער לייכט־באַוואָפנטער וועט ניט קאָנען אַנטרינען און דער שטאַרקער וועט ניט גרייכן צו פעסטיקן זיין קראַפט, און דער העלד וועט ניט ראַטעווען זיין לעבן, און דער בויגן־האַלטער וועט ניט ביישטיין... און דער פערד־רייטער וועט ניט ראַטעווען זיין לעבן, און דער מוטיקסטער פון די העלדן וועט אין יענעם טאָג אַ נאַקעטער אַנטלויפן".[7]

איר זייט ניט בעסער פון די שכנישע לענדער, וואָס זיינען שוין גע־פאַלן אין דער האַנט פון אשור. „איך האָס די איינגעבילדעטקייט יעקבס, איך האָב פיינט זיינע פּאַלאַצן. איך וועל אויסליפערן די שטאָט און איר באַפעלקערונג".[8]

[5] עמוס ב, 6.
[6] עמוס ב, 7.
[7] עמוס ב, 14—16. [8] עמוס ו, 8.

די פּאַלאַצן, וואָס זיינען פול מיט גזלה און אָנגערויבטן גוטס, וועלן צערויבט ווערן. די זומער־ און ווינטער־הייזער און די העלפאַנטביין־הייזער פון די רייכע וועלן פאַרטיליקט ווערן, און וועגנדיק זיך צו די פרויען פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן אין שומרון, דער הויפּטשטאָט פון דער צפונדיקער מלוכה, זאָגט עמוס מיט אַ באַזונדערער קאַטעגאָרישקייט: „הערט דאָס וואָרט, איר בהמות פון בשן, וואָס אויפן שומרון־באַרג, איר, וואָס באַרויבט די אָרעמע, וואָס פּייניקט די אומפאַרמעגלעכע, וואָס זאָגט צו אייערע האַרן (־מענער): ברענג און מיר וועלן טרינקען... עס קומען טעג, ווען מען וועט אייך איבער די שוץ־מויערן אַרויסוואַרפן און צום סוף אין פישער־שיפלעך אַרויספירן".[9] „ווען הונגער און ברויט־מאַנגל וועלן הערשן אין אַלע פלעצער".[10]

אויך די נאַטור־קאַטאַסטראָפעס, וואָס זיינען גראָד אויסגעבראָכן אין יענער צייט, די טריקעניש און דער אָנפאַל פון היישעריקן גילטן אַלס אַ שטראָף פאַר דער פאַרדאָרבנקייט פון פאָלק און דער פאַלשער פאָליטיק פון דער רעגירונג: „איך האָב פון אייך פאַרמיטן דעם רעגן, האָב אים געגעבן בעת עס זיינען געווען נאָך דריי חדשים צום שניט. איך האָב געלאָזט רעגענען אויף איין שטאָט און אויף דער צווייטער ניט געלאָזט רעגענען, אויף איין טייל פעלד ווערט גערעגנט און אויף דער צווייטער ווערט ניט גערעגנט און זי טריקנט איין, און דריי שטעט וועלן וואָגלען אין אַן אַנדער שטאָט צו טרינקען וואַסער און וועלן זיך ניט אָנזעטיקן... איך וועל אייך פּלאָגן מיט דאַרעניש און גרינעניש, דאָס רוב סעדער, ווייַנגערטענער, אייערע פייגן און איילבירטן וועט אויפעסן דער היישעריק".[11]

ער זאָגט אויך פאָרויס מיט טרויער די פאַרוויסטונג פון ישוב, וועלכער וועט אַרויסגערייסן ווערן פון זיינע היימען דורך די פרעמדע אָקופּאַנטן. „אַ שטאָט, וואָס האָט טויזנט וועט איבערלאָזן הונדערט און די, וואָס האָט הונדערט וועט איבערלאָזן צען ישראל־מענטשן".[12]

[9] עמוס ד׳, 1—2.
[10] דאָרטן, פסוק 6.
[11] עמוס ד׳, 7—9.
[12] עמוס ה׳, 3.

די גלייכגילטיקע און זאַטע, די קורצזיכטיקע הערשער און רעדל־פירער באַגעגענען דעם נביאס ערנסטע פּאָרויסזאָגונגען וועגן דער אשורישער אָקופּאַציע מיט קאַלטן ביטול, און דעם נביאס קול שטורעמט צאָרנדיקער און שאַרפער.

„ווי איך, איר רואיקע אין ציון און זיכערע אויפן באַרג פון שומרון, וואָס גילטן אַלס שפּיץ פון אַלע פעלקער, די צוגעקומענע פון ישראל־פאָלק. קומט אַריבער אין כלנה און זעט און גייט פון דאָרטן אין דער גרויסער שטאָט חמת און לאָזט זיך אַראָפּ אין דער פּלשתים־שטאָט גת. זייט איר דען בעסער פון די דאָזיקע רעגירונגען? אָדער איז דען אייער שטח גרעסער פון זייערן? וועט איר דען אויסמיידן דעם בייזן טאָג און וועט זיך האַלטן ביי אייער רויב? איר, וועלכע ליגן אויף די בעטן פון העלפאַנטביין, וואָס ציען זיך אויס אויף אייערע געלעגערס, וואָס עסן געשטאָפּטע שעפּסן פון דעם שאָף און קעלבער פון די שטאַלן, וואָס שפּילן אויף דער האַרפּע, ווי דוד האָבן זיי זיך כלי־זמרים צוגעטראַכט, וואָס טרינקען פון וויין־כלים און שמירן זיך מיט די בעסטע בוימלען — און לאָזן זיך ניט קרענקען פון יוספס בראָך..."[13].

נאָך שאַרפער און קלאָרער קלינגען די נביאישע ווערטער פון עמוסן אין די וויטערדיקע קאַפּיטלען, ווו ער שילדערט אין בילדערישע אויסדרוקן די עקאָנאָמישע קעגנזאַצן אין לעבן פון פאָלק, וועלכער „פאַרהאַסט יעדן אויפקלערער און ערלעכן רעדנער". די דאָזיקע קעגנזאַצן טראָגן אין זיך די נאָענטע קאַטאַסטראָפע: „ווייל איר האָט באַעוולט דעם אָרעמען און האָט אָפּגענומען ביי אים די פּאָרציע תבואה. איר האָט זיך אויסגעבויט גראַניט־הייזער, איר וועט אָבער אין זיי ניט בלייבן וווינען. איר האָט פאַרפלאַנצט פּרעכטיקע ווייַנגערטענער, איר וועט אָבער ניט טרינקען זייער וויין, דען איך ווייס ווי גרויס עס זיינען אייערע זינד און ווי ריזיק עס זיינען אייערע פאַרברעכנס, איר, פיינט פון דעם גערעכטן, איר שוחד־נעמער, איר פאַרדרייער פון דעם אָרעמענס משפּט"[14].

[13] עמוס ו, 1—6.
[14] עמוס ה, 11—12.

ווי מיר זעען, קאָנצענטרירן זיך עמוסעס אַרויסטרעטונגען בעיקר אין צפון־לאַנד. דאָרטן, אין די רייכע טאָלן פון גליל און שומרון, זיינען געווען שאַרפער די קעגנזאַצן צווישן דעם לוקסוס פון די פאַרמעגלעכע און דער נויט פון די פויערן. דאָרטן איז אויך גרעסער געווען די דראָונג מצד די אסירישע אָקופּאַנטן, וואָס האָבן געאיילט צו פאַרנעמען די טראַנזיט־וועגן קיין עגיפּטן.

עמוסעס דרייסטע אַרויסטרעטונגען אין דער הויפּטשטאָט שומרון און אין דער צענטראַלער טעמפּל־שטאָט בית אל האָבן אַרויסגערופן אַ העפטיקן פּראָטעסט און אַן אָפענע קעגנערשאַפט מצד די מלוכהשע קרייזן. אמציה, דער הויפּטפּירער פון קעניגלעכן טעמפּל אין בית אל, האָט זיך געווענדט מיט אַן אַלאַרמירנדיקן רוף צום קעניג ירבעם בן יואש: „עמוס האָט זיך קעגן דיר אויפגעבונטעוועט איבער גאַנץ ישראל, דאָס לאַנד פאַרמאָגט ניט אויסצוהאַלטן פון אַלע זיינע ווערטער. עמוס האָט דאָך פאַרויסגעזאָגט, אַז ירבעם וועט שטאַרבן און ישראל וועט פאַרטריבן ווערן פון זיין ערד״.[15]

און צו עמוסן האָט זיך אמציה געווענדט מיט דער פאָדערונג: „אַנטלויף דיר, זעער, אין יהודה־לאַנד, דאָרטן וועסטו עסן ברויט און דאָרטן וועסטו נביאות זאָגן, אין בית־אל זאָלסטו מער ניט נביאות זאָגן, ווייל זי איז אַ קעניגלעכער טעמפּל און אַ מלוכה־שטאָט״.[16]

אָבער עמוס האָט ניט אָנגענומען דעם כוהנס פאַרלאַנג. ער דערלאָזט ניט מען זאָל אים באַטראַכטן פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלן רעוואָלוציאָנער און ער האָט אים דרייסט געענטפערט: „איך בין ניט קיין נביא פון פאָלק און ניט קיין זון פון אַ נביא, איך בין אַ בהמות־האָדוועער און אַ סיקאָמאָרן־פלאַנצער, האָט מיך יהוה אַרויסגעבראַכט פון הינטער די שאָף און צו מיר גערופן: גיי און זאָג נבואה צו דיין פאָלק ישראל״.[17]

און נאָך דעם, ווי עמוס האָט שוין געהאַט געשילדערט די צעלייגטקייט

[15] עמוס ז, 10—11.
[16] דאָרטן 12—13.
[17] עמוס ז, 14—15.

פון דער ישראלדיקער געזעלשאַפט און פאָרויסגעזאָגט די געפאַר פון דער דערוואַרטער אשורישער אָקופּאַציע, פאַרלייגט ער — אפשר דער ערשטער — יסודות פאַר דער פּאָליטישער דערציִונג פון דער פאָלקסמאַסע, פאַר וועלכער ער טרעט אַרויס.

דער אומגערעכטער מלוכה־סדר, די נויט פון די אָרעמע און דער לוקסוס און אויסגעלאַסנקייט פון די רייכע האָבן געעפנט די טויערן פאַר דער אשורישער אימפּעריע פאַר אַ לייכטער און גיכער אָקופּאַציע. אָבער דאָס פאָלק דאַרף ניט פאַרצווייפלען. די אָקופּאַציע איז אַ פאַרדינטער, גרויסער פאָלקס־אומגליק, און דאָס פאָלק איז באַרופן אים אויסצוהאַלטן, ניט קוקנדיק אויף אַלע ליידן און קרבנות. „די זינדיקע אשורישע מלוכה" וועט פאַרניכטעט ווערן, פון ישראלן וועט אָבער בלייבן אַ רעשט. דאָס פאָלק וועט לערנען פון דעם געשעענעם אומגליק, וועט אויסקויפן זיינע זינד, און אַ נייע, געזונטע און פּראָדוקטיווע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג וועט אין דער צוקונפט איינגעפירט ווערן אין לאַנד און דאָס פאָלק וועט ווידער אויפלעבן.

עמוס, ווי אויך די שפּעטערדיקע נביאים, איז ניט נאָר סתם אַ קריטיקער און שטראָפער. ער זעט, אמת, מיט קלאָרע אויגן די שווערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע ווירקלעכקייט פון זיין צייט, ער גלייבט אָבער אין דעם קיום פון פאָלק און איז טיף איבערצייגט אין דער אָנמעכטיקייט און אין דער נישטיקייט פון יעדער מאַכט־פּאָליטיק. זי ברענגט, אמת, לייד און פיין די פאַרקנעכטעטע, פאַרוויסטונג און רויִנירונג די אָקופּירטע שטעט און דערפער, אָבער ניט לאַנג קאָן זי אָנהאַלטן. זי וועט מוזן מיט דער צייט קראַכן, און דאָס פאָלק און לאַנד וועלן ווידער אויפלעבן און אויפבליען.

און די וואָגיקע זאַמלונג פון זיינע אָרויסטרעטונגען פאַרענדיקט זיך מיט אַן אָפּטימיסטישן טרייסט־אַקאָרד, אַ באַהויכטן מיט דער נאַטור־וויזיע פון אַ דאָרפס־מענטש:

„עס קומען אָן טעג, זאָגט יהוה, און עס וועלן זיך באַגעגענען דער אַקערער מיטן שניטער און דער וויינטרויבן־פּרעסער מיט דעם זריעה־טרעגער, און די בערג וועלן טריפן מיט פרוכט־זאַפט און די הויכעניש

וועלן זיך צעפּליסן און איך וועל אומקערן די געפאַנגענשאַפט פון מײַן פאָלק ישראל, און זיי וועלן אויפבויען די וויסטע שטעט און זיצן אין זיי און וועלן פלאַנצן ווײַנגערטענער און טרינקען זייער ווײַן, און וועלן פאַר־לייגן סעדער און עסן זייער פרוכט, און איך וועל זיי פאַרפלאַנצן אויף זייער ערד אַז זיי וועלן מער ניט אָפּגעריסן ווערן פון זייער ערד, וועלכע איך האָב זיי געגעבן״...[18]

[18] עמוס ט׳, 13—15.

17. דער נביא הושע

הושע פון בארי איז אַרויסגעטראָטן אַלס וואָרטזאָגער פון דער נביאישער באַוועגונג אין דער זעלבער צייט וואָס מיכה און ישעיה, „אין דער מלוכה־צייט פון עוזיה, יותם, אחז און יחזקיה, די קעניגן פון יהודה און אין דער צייט פון ירבעם בן יואש, דעם קעניג פון ישראל־לאַנד". ער האָט, קאָנטיק, אָנגעהויבן זיינע אַרויסטרעטונגען פריער ווי די אַנדערע נביאים פון זיין צייט און האָט זיך הויפּטזעכלעך קאָנצענטרירט אויף דער פּאָליטישער לאַגע פוןביידע ברודער־לענדער יהודה און ישראל.

קורצזיכטיקע פּאָליטיקער פון זיין צייט האָבן נאָך נאַיוו געגלייבט, אַז דורך פרידלעכע פאַרהאַנדלונגען מיט דער מעכטיקער אשורישער אימפּעריע וועט זיך איינגעבן אויסצומיידן די געדראָטע אָקופּאַציע פון לאַנד.

דער דאָזיקער לייכטזיניקער בטחון האָט געווירקט באַרויקנדיק און האָט אָפּגעשוואַכט די שטאַנדהאַפטיקייט פון פאָלק.

דער נביא הושע זאָגט זיך אַרויס קעגן דער אָריענטאַציע פון דער ישראל־מלוכה אויף אשור. ער וואַרפט אָפּ זייער בטחון, אַז דורך פאַרהאַנדלונגען מיט דער אשורישער מאַכט וועט זיך איינגעבן צו ראַטעווען דאָס לאַנד פון אָקופּאַציע און צעשטערונג. דער שורש פון אפרימס שוואַכקייט (אַזוי רופט ער אָן די ישראל־מלוכה) איז געלעגן, לויט דעם נביאס מיינונג, אין דער אינעווייניקסטער מאָראַלישער געפאַלנקייט, וואָס ער שילדערט אין שאַרפע פאַרבן.

„יהוה האָט אַ משפט מיט די איינוווינער פונעם לאַנד, דען עס איז ניטאָ קיין אמת, קיין גנאָד און קיין גאָט־דערקענטעניש אין לאַנד: פאַלש שווערן, לייקענען, טויטן, גנבענען, הולטייען האָבן זיך שטאַרק פאַרשפּרייט, בלוט האָט זיך מיט בלוט באַרירט".[1]

[1] הושע ד, 1—2;

דאָס לאַנד האָט פאַרראַטן דעם בונד. „גלעד איז אַ שטאָט פון אומ־רעכט־טוער, זי איז איינגעטונקט אין בלוט, און ווי פישער פאַנגען פיש, לויערן באַנדעס פריסטער אויפן וועג, הרגענען און שענדן״.[2]

אין קורצע שניידיקע ווערטער כאַראַקטעריזירט הושע די צווישנ־פעלקערלעכע סיטואַציע פון דער צפון־מלוכה: „אפרים וועט זיך אויס־מישן צווישן פעלקער. פרעמדע עסן אויף זיין קראַפט, ער ווערט פאַר־ברענט ווי אַ קוכן וועלכן מען קערט ניט איבער בשעתן באַקן. ער פאַר־שטייט גאַר ניט ווי אויף אים איז אָנגעפאַלן אַן עלטער. ער שלאָגט זיך ווי אַ נאַרישע טויב צווישן די גרויסמאַכטן. ער רופט עגיפּטן, ער גייט קיין אסיריע״.[3]

ניט אויף אַ לאַנגער צייט וועט אָבער הערשן די ברוטאַליטעט פון די אָקופּאַנטן און אויך ניט אויף לאַנג וועלן זייערע קרבנות ליידן פון זייער פאַלשער פירונג. די געשיכטע ווייס ניט פון פאַרגעבונג. „יהוה וועט זיך צעשרייען ווי אַ לייב איבער די הערשער און די פאַרפּייניקטע זין וועלן אויפציטערן, ווי אַ פויגל פון עגיפּטן און ווי אַ טויב פון אסיריע, און איך וועל זיי אומקערן אין זייערע היימען״.[4] דאָס איז דער אָנזאָג און די האָפענונג אויף דער צוקונפטיקער אויסגעוויטיקטער זעלבשטענדיקייט, ווי מיר זעען זי ביי די אַנדערע נביאים.

דאָס אייגנאַרטיקע ביי הושע איז, ווי מען קאָן דאָס אָנרופן, דער באַזונדער אַנטוויקלטער עראָטישער עלעמענט, דורך וועלכן ער באַמיט זיך צו דעמאָנסטרירן און צו באַקרעפטיקן די לאָגיק און דעם אמת פון זיינע אַרויסזאָגונגען.

כדי אונטערצושטרייכן די שענדלעכקייט פון פּאָליטישן פאַרראַט, פאַר־ראָט ער זיין אייגענער פרוי און פאַרבינדט זיך, ווי לויט יהוהס באַפעל, מיט אַ פּראָסטיטואירנדיקער פרוי מיטן נאָמען גומר בת דבלים. און ווען יענע האָט אים געבוירן אַ זון, האָט ער אים אָנגערופן סימבאָליש מיטן

[2] הושע ו, 8—9.
[3] הושע ז, 8—11.
[4] הושע י״א, 10—11.

נאָמען פון דעם טאָל יזרעאל, כדי ער, די פּרוכט פון זיין פּאָטערס פאַר־ראַט, זאָל זיין גאַנצן לעבן גילטן אַלס דערמאָנונג אין דעם פאַרראַט פון זיין פאָלק. און יהוהס וואָרט איז אַזוי געווען: „רוף איס אָן יזרעאל, ווייל גאַנץ גיך וועל איך זיך אָפּרעכענען פאַרן בלוט פון יזרעאל (־טאָל) פון דער יהוא־דינאַסטיע און איך וועל אָפּשאַפן די רעגירונג פון ישראל״.[5]

און ווידער האָט אים גומר בת דבלים געבוירן אַ טאָכטער, וועלכע ער רופט אָן סימבאָליש לא־רוחמה — ניט דערבאַרעמטע[6] און אַ זון, וועלכן ער רופט אָן לא עמי — ניט מיין פאָלק, כדי צו באַשטעטיקן דעם פסק פון דער גערעכטיקייט: „איך וועל מער ניט דערבאַרעמען זיך איבער ישראלן און ניט פאַרגעבן זיי״[6] און „איר זייט ניט מיין פאָלק און איך בין ניט אייערער״.[7]

דער עראָטישער זשאַנער פון זיינע פאַרגלייכונגען האָלט אָן אויך אין זיינע ווייטערדיקע נביאישע אַרויסטרעטונגען. דער פאַרראַט פון פאָלק, זיין אָפּנייגונג פון די וועגן פון רעכט און גערעכטיקייט ווערט אין אַלערליי בילדער און ביישפּילן פאַרגליכן מיטן פאַרראַט פון אַ פרוי. מען שפּירט אויף יעדן טריט דעם געפיל פון אַן אַנטוישטער ליבע צווישן גאָט פון גערעכטיקייט און צווישן דעם פאַררעטערישן פאָלק. דאָס פאָלק, הגם עס זינדיקט, בלייבט דאָך געליבט און דער געליבטער, דער גאָט פון גערעכ־טיקייט, וויל אויסקויפן די זינד פון זיין פאַררעטערישער געליבטער און

זי פאַרקנסן אויף אייביק,\
זי פאַרקנסן מיט גערעכטיקייט און רעכט,\
מיט גנאָד און רחמנות,\
זי פאַרקנסן מיט צוטרוי״.[8]

[5] הושע א, 3—4.

[6] הושע א, 6.

[7] הושע א, 9.

[8] הושע ב, 21—22.

און ווען נאָך אַלע איבערגעלעבטע פּאָליטישע קריזיסן, פּיין און יסורים וועט ווידער געשלאָסן ווערן דער בונד צווישן דעם פאָלק און זיין גאָט פון גערעכטיקייט, וועט די וועלט געפינען איר תיקון און באַנייונג. ניט דאָס אַליין — זאָגט יהוה — וואָס „איך וועל זי פירן (מיין געליבטע) אין דער וויסטעניש און צערייִדן זיך מיט איר און אומקערן איר אירע ווייַנגערטענער און פאַרוואַנדלען דעם טאָל פון זאָרג אין אַ טויער פון האָפע־נונג". נאָך מער פון דעם: צוזאַמען מיט ישראלס באַנייונג וועט זיך באַ־נייען די גאַנצע וועלט און ניט נאָר די מענטשהייט אַליין. „איך וועל שליסן — זאָגט יהוה — מיין בונד מיט די חיות פון פעלד און מיט די פייגעלעך פון הימל און מיט די ווערעמער אויף דער ערד און איך וועל אָפּשאַפן פון דער ערד בויגן און שווערד און מלחמה, און איך וועל זיי לאָזן רוען אין זיכערקייט".[9]

[9] הושע ב׳, 16, 20.

18. דער נביא ישעיה

ביי דער אַלגעמיינקייט פון די נביאישע אידייען באַקומען זיי דאָך ביי יעדן נביא זייער פּערזענלעכן קאָלאָריט און דעם קאָלאָריט פון זיין צייט מיט אירע באַזונדערע פּראָבלעמען.

צום אונטערשייד פון אַנדערע נביאים, וועלכע שטאַמען פון ישראלדיקן דאָרף אָדער פון די פּראָווינציאַנעלע כּוהנים־ישובים אַרום ירושלים, איז ישעיה געווען אַ שטאָטישער, אפשר אַ געבוירענער אין ירושלים, און לויט דער תלמודישער איבערליפערונג איז ער געווען אַ פּלימעניק פון קעניג אמציה. ער האָט זיך, הייסט עס, סאָציאַל איבערגעשטעלט און האָט זיך געשטעלט אַלס איינער פון די חשובסטע וואָרטזאָגער פון דער נביאישער באַוועגונג אין זיין צייט.

אַלע פאָרשער פון דער געשיכטע פון דער נביאישער תקופה זיינען שוין לאַנג געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס בוך פון נביא ישעיה אַנטהאַלט די נביאישע אַרויסזאָגונגען פון מינדסטנס צוויי נביאישע וואָרט־זאָגער, וועלכע האָבן געלעבט און געווירקט אין צוויי גאַנץ פאַרשיידענע היסטאָרישע תקופות.

עס איז אָבער זיכער, אַז דער גרעסטער טייל נביאישע רעדעס שטאַ־מען פון ישעיה, דעם זון פון אמוץ, וועלכער האָט — ווי עס ווערט געזאָגט אין אָנהייב פון זיין בוך — „פאָרויסגעזען וועגן יהודה און ירושלים אין דער צייט פון עוזיהו, יותם, אחז און יחזקיהו, די מלכים פון יהודה“.

זיינע אַרויסזאָגונגען, וועלכע זיינען אויפגעהאַלטן געוואָרן אין אַ גרע־סערער צאָל און אין אַ גוטער ליטעראַרישער קאָמפּאָזיציע, צייכענען זיך אויס מיט זייער איינהייטלעכער וואָגיקייט, ערנסטקייט און פאַרטיפטן עפּישן סטיל. אַלץ זאָגט דאָ עדות וועגן דער באַזונדער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג פון דעם נביא.

ער טרעט אַרויס צום ערשטן מאָל אין דער עפנטלעכקייט אין לעצטן יאָר פון עוזיהוס קעניגטום און פירט זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, קאָנ־טיק, אויסשליסלעך אין ירושלים, וויניקסטנס, ביז דעם זיג פון יהודה־מיליטער איבער דעם אשורישן קעניג סנחריב אין יאָר 701.

ער האָט גוט געוווסט די פּאָליטישע סיטואַציע פון נאָענטן מזרח און האָט געוואָרנט וועגן דער געפאַר, וואָס שטייט פאַר דעם לאַנד מצד דער אסירישער אינוואַזיע. ער איז געווען גוט אינפאָרמירט וועגן דער אונ־טערדריקונג־פּאָליטיק פון די אַסיריער בנוגע די קלענערע שכנישע מדי־נות, און אַלס פּרינציפּיעלער קעגנער פון דער פּאָליטיק פון מאַכט האָט ער, אַלס וואָרטזאָגער פון מאָנאָטעיזם, געגלייבט, אַז די גערעכטיקייט וועט באַזיגן די פיזישע קראַפט, און אַז דער בעסטער מיטל דורך וועלכן אַ קליין פאָלק ווי זיינס האָט געקאָנט רעאַגירן אויף די דראָענדיקע ברוטאַלע כוחות, איז געווען דער אויפבוי פון זיין אייגענעם, אינעווייניקסטן פאָלקס־לעבן אויף יסודות פון גערעכטיקייט, פון ערלעכע בירגערלעכע באַציונגען, פון שטיצן די שוואַכע און נויטבאַדערפטיקע. די אינעווייניקסטע פעסטי־קונג פון פאָלק איז געווען, לויט דעם נביאס מיינונג, דער בעסטער פאַנצער קעגן אַלע פּאָליטישע געפאַרן פון דרויסן.

ער האָט שטאַרק קריטיקירט דעם אויסערגעוויינלעכן לוקסוס־לעבן פון די רייכע, דעם אויסטערלישן גלאַנץ פון די פּרויען. ער זאָגט זיך אַרויס שאַרף קעגן דעם קולט פון קרבנות, דורך וועלכן די פאַרמעגלעכע זוכן צו פאַרדעקן און פאַרשרייען זייערע מאָראַלישע אָפּנייגונגען, און ער פאָדערט זיי אויף, זיי זאָלן אָנשטאָט קרבנות „ריינוואַשן זיך, זויבער מאַכן זיך, אָפּווענדן פון גאָטס אויגן זייערע שלעכטע מעשים; אויפהערן שלעכטס צו טאָן, גוט אויסלערנען און פאָדערן רעכט, אַרויסראַטעווען דעם באַ־עוולטן, ריכטן דעם יתום, פירן דעם פּראָצעס פון דער אלמנה״.[1]

ער איז אַרויסגעטראָטן גאַנץ באַזונדערס מיט זיין אָפענער און דרייסטער קריטיק קעגן די פאַרטרעטער פון דער רעגירונג און האָט

[1] ישעיה א, 16—17.

געטאַדלט זייער מאָראַלישע צעלייגטקייט. דער קעמפּנדיקער יהוה וועט באַזייטיקן פון ירושלים „דעם העלד און מיליטער־מאַן, דעם ריכטער און דעם נביא, דעם צויבערער און דעם עלטסטן... יינגלעך וועלן זיין זייערע האַרן און שנעקעס וועלן איבער זיי הערשן... יהוה טרעט אַרויס מיט אַ פּראָצעס, ער קומט משפטן פעלקער... יהוה קומט פּראָצעסירן מיט די עלטסטע פון זיין פאָלק און מיט זיינע האַרן: איר האָט דאָך עס אויסגע־ראַמט דעם וויינגאָרטן, דאָס אָװעקגעגזלטע ביים אָרעמאַן געפינט זיך אין אייערע הייזער".[2]

ער אַנטוויקלט דעם געדאַנק, וועלכער קומט אויף אויך ביי די אַנדערע נביאים, אַז די גרויזאַמע גרויסמאַכטן זיינען אָנמעכטיק קעגן דעם גערעכטן ווילן פון יהוה און אַז זייערע האַנדלונגען, אויף וויפל זיי ווערן פון אים געדולדעט, זיינען ניט מער ווי אַ שטראָף־מיטל, וועלכן ער דערלאָזט בנוגע צו אומגערעכטע פעלקער.

ישעיה טרעט אַרויס מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט קעגן דעם מלוכה־רעזשים פון זיין צייט און קעגן זיין נעגאַטיוער ווירקונג אויף ברייטערע קרייזן פון דער געזעלשאַפט.

ער הייבט אָן זיינע שטראָף־רייד דערמיט, וואָס ער באַשולדיקט דאָס פאָלק אַלס קאָלעקטיוו, פאַר וואָס עס האָט זיך געלאָזט פאַרפירן דורך דער פאַלשער פּאָליטיק פון דער רעגירונג.

ער טרעט אַרויס אַלס וואָרטזאָגער יהוהס און זאָגט צום פאָלק: „ווי, דו זינדיק פאָלק, וואָס איז באַלאָדן מיט פאַרברעכן, שלעכטע קינדער, פאַרדאָרבענע זין".[3] ער פאַרגלייכט דאָס פאָלק צו אַ קראַנקן, פאַרוואונדעטן קערפּער, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין געזונטע שטעל. ער זעט פאָרויס די פולע פאַרוויסטונג פון לאַנד, וואָס וועט אָקופּירט ווערן דורך פרעמדע. ער פאַרגלייכט דאָס לאַנד צו אַ ביידל, וואָס איז פאַריתומט איבערגעבליבן אין אַ וויסטן וויינגאָרטן,[4] און ער שרייט אויס מיט פאַר־ביטערונג:

[2] ישעיה ג, 2—3, 13—14.
[3] ישעיה א, 4. [4] ישעיה א, 4—8.

„ווי אַזוי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ זונה
די טרייע שטאָט?
זי, וואָס איז געווען פול מיט רעכט און גערעכטיקייט,
באַשטייט איצט פון רוצחים,
דיין געלט איז געוואָרן פסולת,
דיין געטראַנק — געמישט מיט וואַסער,
דיינע האַרן — פאַררעטער, מיטאַרבעטער פון גנבים,
אַלע האָבן זיי ליב שוחד, יאָגן זיך נאָך באַצאָלט.
דעם יתום משפטן זיי ניט,
די אָנקלאַגע פון אַן אלמנה גרייכט ניט צו זיי״.[5]

ער זעט דעם פּאָליטישן קריזיס, וואָס דאָס יהודה-לאַנד לעבט איבער, שטייענדיק שוואַך און שוצלאָז פאַר דער אַראַמעישער אָפענסיווע, אין דער אומגערעכטער פּאָליטיק פון דער קעניגלעכער מאַכט אין לאַנד גופא, ווו עס ווערט טיפער מיט יעדן טאָג דער אָפגרונט צווישן דער אויסגעלאַסנקייט פון די רייכע און הערשערישע שיכטן און צווישן דער נויט פון די מאַסן.

ער מאָלט דאָס אויסזען פון לאַנד נאָך דער אַראַמעישער אינוואַזיע: „אייער לאַנד איז וויסט, אייערע שטעט פאַרברענט פון פייער, אייער באָדן — פרעמדע שפייזן זיך פון אים, און ער איז וויסט, ווי ביי אַן איבער־קערעניש פון פרעמדע״.[6]

דאָס פאָלק איז אַ קרבן פון דער שלעכטער פירונג מצד די ענג־האַרציקע הערשער, „די האַרן פון סדום״.

שטורמיש איז זיין אַרויסטרעטונג קעגן די דאָזיקע פאַרטרעטער און אונטערשטיצער פון דעם אָפיציעלן רעליגיעזן ריטואַל אין ירושלימער טעמפּל. זיי פאַרזאַמלען דאָרטן גרויסע מאַסן און האַלטן זיי אין פאַרבלענ־דעניש, לאָזנדיק אויסקויפן אַלע זינד דורך קרבנות און געבעטן. ער ברענגט דערביי צום אויסדרוק יהוהס עקל צוליב די אָפיציעלע יום־

[5] ישעיה א, 21—23. [6] ישעיה א, 7.

טובים און פאַראַדן. ניט דאָס פאַרלאַנגט יהוה. זיינע פאָדערונגען זיינען רייך סאָציאַלע:

„וואַשט זיך, קלאָרט זיך, באַזייטיקט די שלעכטע טואונגען... פאָדערט רעכט, באַגליקט דעם באַוועלטן, משפט דעם יתום, נעמט זיך אָן פאַר דער אלמנה״.[7]

גאָט איז די סאָציאַלע גערעכטיקייט. זי לאָזט זיך ניט אויסקויפן און אונטערקויפן דורך פעטע קרבנות פון רינד און שאָף, וואָס ווערן פאַר־ברענט אויפן מזבח אין טעמפּל.[8]

יהוה איז אָבער ניט נאָר די פּערזאָניפיצירטע גערעכטיקייט, ער איז אויך די פּערזאָניפיצירטע סאָציאַלע קראַפט, וואָס שטראָפט פאַר דער פאַרשוועכונג פון דער גערעכטיקייט. די פאַרברעכער, וואָס זינדיקן קעגן פאָלק, קעגן דעם יושר, בלייבן ניט אומבאַשטראָפט. אַלע פּאָליטישע קאַטאַסטראָפעס זיינען אַ רעזולטאַט פון אַ פאַלשער מלוכה־פירונג און פון מאָראַלישער צעפאַלנקייט פון די הערשנדיקע קרייזן.

דער נביא זעט פאָרויס די דאָזיקע קאַטאַסטראָפעס און וואָרנט וועגן זיי אָפן, ניט קוקנדיק אויף אַלע פאַרפאָלגונגען וואָס שטייען אים פאָר.

אין קלאָרע בילדער, טיילווייז אַלעגאָרישע, טיילווייז גענומענע פון דער געזעלשאַפטלעכערווירקלעכקייט פון נאָענטע מדינות און שטאַמען, שילדערט דער נביא די נעגאַטיווע דערשיינונג פון ישראלדיקן לעבנס־שטייגער.

דאָס פאָלק האָט פאַרלאָרן זיין געשטאַלט, האָט אָפגעמעקט די אייגנאַרט פון זיין פּרצוף, נעמט אויף פרעמדע נעגאַטיווע זיטן און פירונגען. דער פאַרמעגלעכער קלאַס האָט פאַרלאָרן יעדע מאָס פאַר זיינע ליידנשאַפטן. „זיין לאַנד איז פול געוואָרן מיט זילבער און גאָלד, זיינע רייכקייטן האָבן ניט קיין שיעור, דאָס לאַנד איז פול געוואָרן מיט פערד און עס האָבן ניט קיין שיעור די רייטוואָגנס״.[9]

[7] ישעיה א, 16—17.
[8] ישעיה א, 10—15.
[9] ישעיה ב, 7.

און עס מוז פּלאַצן און קראַכן דאָס איבערטריבענע צעלייגערישע לעבן פון די העכערע פּאָלקס־שיכטן. עס מוז באַנקראָטירן די פּאַלש אויפ־געבויטע געזעלשאַפט.

עס מוז קומען, עס קומט „דער טאָג פון יהוה״, דער טאָג פון דער גערעכטיקייט, דער מפּלה־טאָג פון דער פּאַרפוילטער געזעלשאַפט, דער טאָג פון איר גרונטלעכן איבערבוי, און ער וועט ניט אויסמיידן דעם שטאַרקסטן און דערהייבנסטן. ער וועט טרעפן „דאָס שטאָלצע און הויכע, דאָס דערהייבענע און נידעריקע, די הויכע און געוויקסיקע צעדער־ביי־מער אויפן לבנון־באַרג און די דעמבעס אין בשן־לאַנד, אַלע הויכע בערג און דערהייבענע הויכענישן, יעדן הויכן טורעם און יעדע באַפעסטיקטע מויער, די שיפן פון תרשיש און אַלע לוסטיקע באַהעלטענישן. און עס וועט אַרונטערגעבייגט ווערן דער מענטשלעכער שטאָלץ און דערנידע־ריקט ווערן די הויכהאַלטעריי פון מענטשן״.[10]

הונגער אין פאָלק און דעמאָראַליזירטקייט פון די הערשער, אַרונטער־קומען פון מיליטערישער מעכטיקייט, לייכטזיניקע, יינגלשע הערשער וועלן פאַרנעמען די מלוכה־שטעלן, יהודה און ירושלים וועלן באַנקראָטירן.[11]

און די אומגערעכטיקייט וועט ניט פאַרגעבן ווערן, וועט ניט בלייבן אומבאַשטראָפט.

גאָט פון גערעכטיקייט וועט אַרויסטרעטן אַלס ריכטער. ער פּראָ־צעסירט און שטעלט פאַרן געריכט די פעלקער. ער פאַרפירט אַ משפט מיט די עלטסטע פון זיין פאָלק און זיינע האַרן. ער טראָגט קעגן זיי אַרויס דעם אָפענעם באַשולדיקונגס־אַקט: „איר האָט וויסט געמאַכט דעם גאָרטן, דאָס אָפּגערויבטע ביי דעם אָרעמאַן איז אין אייערע הענט, פאַר וואָס אונטערדריקט איר מיין פאָלק און צעמאַלט די פנימער פון די אָרעמע?״.[12]

און דער נביא קלערט אויף די לאַגע, ער שילדערט איר העכסטע ערנסטקייט. ער ווייס מיט וואָס זי דראָט, ווי זי שוואַכט אָפּ די שטאַנד־

[10] ישעיה ב, 12—16.
[11] ישעיה ג, 4, 8.
[12] ישעיה ג, 15.

האַפּטיקייט פון פאָלק, זיין קראַפט בייצושטיין די אַגרעסיע פון די פרעמדע אָקופּאַנטן, אָבער דער נביא הערט ניט אויף זיין גאַנצן לעבן צו ווירקן, צו איבערצייגן, צו אָרגאַניזירן דאָס באַרויבטע פאָלק. — און ווי עס זאָלן ניט זיין שווער די קריזיסן, וועלכע ישראל וועט אויסקומען איבערצולעבן, פאַרלירט ער ניט די פּערספּעקטיוו אויף דער צוקונפט פון פאָלק און לאַנד.

דער וועג צו יהוה, צו דער גערעכטיקייט, וועט געפונען ווערן נאָך לאַנגע ליידן און נאָך יהוהס גערעכטן משפט איבער די פאַררעטער און אומברענגער פון פאָלק, נאָך דעם גרויסן יהוה־טאָג. אין יענעם טאָג וועלן געשטעלט ווערן פאַרן געריכט די עלטסטע פון פאָלק און זיינע האַרן און עס וועט קעגן זיי אַרויסגעטראָגן ווערן די האַרבע באַשולדיקונג: „איר האָט צעראַבירט דעם ווייַנגאָרטן, דאָס אָפּגעגזלטע ביי דעם אָרעמאַן געפינט זיך אין אייערע הייזער".[13]

נאָך דעם אַלעם וועט זיגן די גערעכטיקייט און עס וועט אויפבליען דאָס לאַנד. דאָס פאָלק וועט אויסגעלייטערט ווערן. ווי פאַרצייטן, וועלן ווידער אויפקומען זיינע ריכטער און באַראַטער. די שטאָט וועט ווידער באַקומען איר נאָמען אַלס שטאָט פון גערעכטיקייט און טרייקייט. — „ציון וועט דערלייזט ווערן דורך רעכט און אירע אומגעקערטע — דורך גערעכטיקייט".[14]

אַלס זון פון דער ירושלימער אַריסטאָקראַטיע, שילדערט ער מיט קריטישן שאַרפזין דעם איבערגעטריבענעם אויסברענגערישן לוקסוס פון די פרויען־טואַלעטן און די טרויעריקע קאַטאַסטראָפע וואָס דערוואַרט די אַדעליקע הייזער אין די טעג פון אומגעריכטן קריג און חורבן.

דער לוקסוס, די ליידנשאַפטן און תאוות פון דעם הערשער־קלאַס, זיין שטרעבן צו פאַרכאַפּן אין זיינע הענט דעם באָדן פון די פאַרשטעט און דערפער און אויסבויען זיך פּרעכטיקע הייזער און פּאַלאַצן אויפן

[13] ישעיה ג, 13—14.

[14] ישעיה א, 25—27.

השבון פון רויניךטן פאָלק, — דאָס שוואַכט אָפּ און שעדיקט דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן מעמד פון פאָלק און לאַנד.

„ווי איז די וואָס דערנענטערן אַ שטוב צו אַ שטוב, אַ פעלד צו אַ פעלד, ביז עס בלייבט ניט קיין פּלאַץ, — וועט איר דען אַליין בלייבן זיצן אין לאַנד? אין מיינע אויערן האָט געזאָגט דער קעמפנדיקער יהוה: פיל הייזער וועלן דען ניט פּאַרוויסט ווערן, גרויסע און שיינע — וועלן דען ניט בלייבן שטיין אָן איינוווינער?!".[15]

עס מוז חרוב ווערן דאָס לאַנד, וועמעס פירער יאָגן זיך נאָר נאָך אייגענע פאַרגעניגנס:

„ווי איז די וואָס שטייען אויף פרי און יאָגן זיך נאָך ביר, וואָס זיצן שפּעט פאַרכאַפּטע פון וויין. פידל, גיטאַרע, פּויק און פייאַל און וויין ביי די מאָלצייטן און יהוהס שאַפונג קוקן זיי ניט אָן, און זיין טואונג זעען זיי ניט".

„ווי איז די, וואָס זאָגן אויף שלעכטס, אַז עס איז גוט, און אויף גוט, אַז עס איז שלעכט, די וואָס נעמען אָן פינצטערניש אַלס ליכט און ליכט אַלס פינצטערניש, ביטער פאַר זיס און זיס פאַר ביטער..."

„ווי איז די, וואָס זיינען קלוג אין זייערע אויגן, און פאַרשטענדיק אין זייער אויסזען".

„ווי איז די, וואָס זיינען גבורים ביים טרינקען וויין און העלדן ביים זויפן ביר, די וואָס מאַכן גערעכט דעם שולדיקן פאַר אונטערקויף־געלט און נעמען צו (באַזייטיקן) די גערעכטיקייט פון די גערעכטע".[16]

אין אַן אַנדער אַרויסטרעטונג זיינער קריטיקירט דער נביא ישעיה די געזעצגעבער פון לאַנד, וואָס גיבן אַרויס אומגערעכטע געזעצן און באַפעלן, וואָס באַרויבן דאָס רעכט פון די אָרעמע, אלמנות און יתומים. זיי זעען ניט איין ווי זיי גראָבן אונטער די יסודות פון דער מדינה.

די אַנטידעמאָקראַטישע פּאָליטיק פון דער מלוכה וועט מאַכן דאָס לאַנד הילפלאָז און שוצלאָז אין די קריטישע צייטן, וואָס דערנענטערן זיך

[15] ישעיה ה, 8. [16] ישעיה ה׳ 11—12, 20—23.

מיט דער פאַרברייטערונג פון די אַגרעסיווע אשורישע פּלענער אין נאָענטן מזרח.

די אַלע קורצזיכטיקע און לייכטזיניקע וועלן זיך ניט אַרומזען, ווען עס וועט פּלוצלינג אויסברעכן די קאַטאַסטראָפע, ווען עס וועט אָנקומען דער פאָלקס־אומגליק.

און עס זיינען ווירקלעך אָנגעקומען די שווערע צייטן פון אָחזס קעניגטום, ווען די דעמאָראַליזירטע ירושלימער אַריסטאָקראַטיע האָט באַדאַרפט אָפּשלאָגן מיט די לעצטע כוחות דעם אָנגריף פון דער פאַראייניקטער אַראַמעיִשער און צפון־ישראלדיקער אַרמיי.

אויב עס האָט זיך אָבער נאָך איינגעגעבן צו דערגרייכן דעם נצחון איבער די קלענערע קעגנער, האָט דער נביא ניט צוגעלאָזט, אַז די פירער פון לאַנד זאָלן בלייבן בלינד און ניט זען די גרויסע און ניט איבערווינדלעכע געפאַר, וואָס צייכנט זיך אָן מצד אַ גרויסמאַכט, וועלכע וועט מיט איר ריזיקער קראַפט און שטאַרקער באַוואָפענונג באַהערשן דאָס לאַנד, אַלע וואַדיס און פעלדזן־שפּאַלטן.

די דאָזיקע גרויסמאַכט — דאָס וועט זיין אשור אָדער מצרים — וועט זיך אמת גרויסן און שטאָלצירן מיט איר קראַפט, אָבער זי וועט פּאַקטיש זיין ניט מער ווי אַ געווער אין יהוהס האַנט אויף צו שטראָפן דורך איר דאָס פאָלק און זיינע פירער, וואָס האָבן זיך אָפּגעווענדט פון די וועגן פון גערעכטיקייט.

און ווען דאָס דאָזיקע בלינדע געווער וועט האָבן דערפילט זיין אויפגאַבע, וועט עס צעבראָכן ווערן און אַראָפּ פון דער וועלט־אַרענע.

אָבער, ווען אַפילו אַ גערעכטער מלוכה־סדר אין לאַנד איז אין איצטיקן מאָמענט ניט דערגרייכבאַר און די אָקופּאַציע פון לאַנד איז שוין אומפאַרמיידלעך, באַהערשט ניט דעם נביא קיין יאוש און אַנטוישונג. ער וויקלט פאַנאַנדער פאַר די פאָלקסמאַסן ליכטיקע בילדער פון דער צוקונפט, וועלכע זיינען באַרופן צו מוטיקן זיי שוין איצט און מאַכן זיי שטאַנדהאַפטיק אין די שווערע צייטן, וואָס דערוואַרטן זיי.

אין די דאָזיקע צוקונפט־וויזיעס שילדערט דער נביא ישעיה אין אַלגעמיינע שטריכן יענע גערעכטע מלוכה־אָרדענונג, וואָס וועט איינגע־

פירט װערן דורך אַ גײסטיק דערהײבענעם פּאָלקספירער, „אויף װעלכן עס װעט רוען יהוהס גײסט, דער גײסט פון קלוגשאַפט און פאַרשטאַנד, ראַטזאַמקײט און העלדישקײט, דער גײסט פון װיסן און פון יהוהס אויטאָ־ריטעט״,[17] אַ פירער, „װאָס װעט אורטײלן נאָכן ערשטן בליק און נאָכן ערשטן געהער, װעלכער װעט אויף אַ גערעכטן אופן משפּטן די אָרעמע און אויסגלײכן ערלעך די לײדנדיקע פון לאַנד און װעט שלאָגן מיט דעו רוט פון זײן מויל און טױטן מיטן גײסט פון זײנע ליפּן דעם אומגע־רעכטן״.[18]

דער נביא ישעיה איז אָבער איבערצײיגט, אַז אין אַ װעלט פון ברוטאַלער מאַכט און פון בלוט־פאַרגיסונג װעט זיך זײן פאָלק, װי אויך אַנדערע פעלקער, ניט קאָנען אויסלעבן און אויפבליען, און ער גײט אַרויס װײט פון זײן נאַציאָנאַלער ראַם און װיקלט פונאַנדער פאַר די פאָלקסמאַסן אַ ברײטע פּאַנאָראַמע פון צװישנפעלקערלעכע, אוניװערסאַלע און אַפילו קאָס־מישע װיזיעס, לויט װעלכע אַלע לײדנשאַפטן, אַלע װילדע אינסטינקטן און יעדע אומגלײכקײט אויף דער ערד און אין קאָסמאָס װעלן אויפהערן צו עקזיסטירן, און ברודערשאַפט, פרײנטשאַפט און פאַרשטענדעניש װעלן הערשן ניט נאָר צװישן פאָלק און פאָלק, נאָר צװישן אַלע באַשעפענישן אין דער װעלט בכלל.[19]

דער נביא ישעיה האָט איבערגעלעבט די גרויסע ערד־ציטערניש. װאָס איז פאָרגעקומען אין דער צײט פון קעניג עוזיהו און װעלכע האָט, קאָנטיק, ניט װײניק שאַדן געבראַכט דעם לאַנד. באַזונדערס איז ער פּאָליטיש אַקטיװ אויפן 14טן יאָר פון חזקיהוס מלוכה, װען דער אשורי־שער קעניג סנחריב האָט געשיקט זײן אַרמײ אונטער דער אָנפירונג פון קאָמאַנדיר רבשקה, כדי צו באַלאַגערן און אײנצונעמען ירושלים.

די אשורישע מאַכט איז שוין אין יענער צײט געװען געבראָכן. די גרויסע אימפּעריע איז געװען אויפגערודערט דורך די אומאויפהערלעכע

[17] ישעיה יא, 2.

[18] ישעיה יא, 3—4.

[19] ישעיה יא, 6—9. זע פּרטים אין קאַפּיטל „די סאָציאַלע אוטאָפּיעס פון די נביאים״.

אויפשטאַנדן פון די פאַרקנעכטעטע פעלקער און לענדער, דערהויפּט פון דער אָקופּירטער שכנישער באַבילאָניע.

שוין האָט דער נביא ישעיהו געשפּירט די נאָענטע גסיסה פון אשור, ווען ער איז נאָך סנחריבס אומגעלונגענער אַגרעסיע אַרויסגעטראָטן אין ירושלים מיט זיינע פּאָליטישע רעדעס אַנטקעגן אשור:

„שרעק דיך ניט מיין פאָלק וואָס אין ציון,
אַז אשור זאָל דיך שלאָגן מיט זיין רוט,
ער זאָל אויף דיר אויפהייבן זיין שטעקן
אויף זיין וועג קיין מצרים,
ווייל אין אַ קורצער צייט אַרום וועט זיך ענדיקן מיין צאָרן
אויף דער וועלט.
יהוה וועט דערוועקן אויף אים אַ רוט...
און עס וועט ארונטערגענומען ווערן זיין לאַסט פון דיין אַקסל
און זיין יאָך פון דיין האַלדז".[20]

עס זיינען אויף אַזאַ אופן אַריבער עפּעס מער פון אַנדערהאלבן יאָר־הונדערט נאָך ישראלס פּאָליטישן אונטערגאַנג, ווען די אויפשטענדלערישע מאַסן פון בבל, פּרס און אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער האָבן געשטו־רעמט די מויערן פון נינוה און דער אשורישער קעניג אשורבאַניפּאַל מיט זיינע באַאַמטע און כוהנים און ווייבער זיינען אומגעקומען הינטער די טויערן פון דער ברענענדיקער הויפּטשטאָט.

דער באַבילאָנישער קעניג — לויט ישעיה לט, 1 — מרדך בלאדן בן בלאדן, האָט שוין געהאַט געשלאָסן אַ פּריינטשאַפט־בונד מיטן קעניג חזקיהו, און די ידיעה וועגן דעם דאָזיקן בונד האָט אפשר אַרויסגערופן דעם אַריינמאַרש פון אשורישן מיליטער אין יהודה־לאַנד. יעדנפאַלס איז די פּאָליטישע לאַגע געווען שטאַרק קאָמפּליצירט און האָט געפאָדערט אַ ישוב־הדעתדיקע אָריענטאַציע.

[20] ישעיה י, 24—27.

די נביאישע באַוועגונג האָט געמוזט זיך רעכענען מיט דער שווערער סיטואַציע, און ווי אַלע רעאַלע און פּאָלקסטרייע פּאָליטיקער האָט ישעיה פּאַרויסגעזען דעם נאָענטן צוזאַמענברוך פון אשור. אים האָט ניט געשראָקן די געדראָטע אשורישע אָקופּאַציע. ער קומט צום שווער־קראַנקן און פאַרצווייפלטן קעניג חזקיהו און זאָגט אים אין געטלעכער שליחות:

„איך וועל דיך און די שטאָט ראַטעווען פון דעם אשורישן קעניגס האַנט און איך וועל פאַרטיידיקן די שטאָט“.[21]

און דער נביא, וועלכן עס איז זיכער באַקאַנט געווען די גרויסע אויפּ־שטאַנד־באַוועגונג אין די פון די אַשורים אָקופּירטע לענדער, טרעט אַרויס פאַרן פאָלק אין באַלאַגערטן ירושלים מיט דעם פולן בטחון, אַז די בלאָקאַדע אַרום דער הויפּטשטאָט וועט דורכגעריסן ווערן און אַז די אשורישע מאַכט וועט זיין געצוווּנגען אָפּצוציען אירע רעזערוון צו די גרענעצן פון איר מעטראָפּאָליע, וואָס איז גלייכצייטיק שטאַרק באַדראָט מצד די אויפשטענדלערישע פעלקער.

ישעיהס רעדע איבער דער פּאָליטישער לאַגע אָטעמט מיט באַוווסט־זיין און קלוגשאַפט. ער פאַררופט זיך אויף יהוה, אַלס דעם קוואַל פון גע־רעכטיקייט אין צווישנפעלקערלעכע באַציונגען און קלערט אויף דעם קעניג חזקיהו, אַז ער האָט ניט וואָס צו שרעקן זיך פאַר דער מאַכט־פּאָ־ליטיק פון אשור, וועלכע וועט געבראָכן ווערן גאַנץ גיך, ווייל ניט די ברוטאַלע מאַכט רעגירט מיט דער וועלט, נאָר יהוהס האַנט, די האַנט פון גערעכטיקייט, וואָס וועט ברענגען דעם זיג.

ער הערט אויס דעם גרויסהאַלטערישן אַרויסרוף פון דעם אשורישן קאָמאַנדיר רבשקה, וועלכער שרייט אויס צום פאַרטיידיקונגס־גאַרניזאָן פון ירושלים: „הערט צו די ווערטער פון גרויסן קעניג פון אשור. אַזוי האָט געזאָגט דער קעניג: זאָל אייך ניט איינריידן חזקיהו. ער וועט אייך ניט אין שטאַנד זיין צו רעטן. זאָל אייך חזקיהו ניט פאַרזיכערן, אַז יהוה וועט אייך רעטן און אַז די שטאָט וועט ניט איבערגעגעבן ווערן אין האַנט

[21] ישעיה לח, 6.

פון אשורישן קעניג. שליסט מיט מיר פריינטשאַפט, קומט צו מיר אַרויס און עסט יעדער פון זיין ווינשטאָק און פון זיין פייגנבוים און טרינקט יעדער וואַסער פון זיין גראָבן״ — ער זאָגט זיי צו, אַז ער וועט זיי — לויט דער אשורישער שיטה — אַרויספירן פון אָקופּירטן ירושלים און איבער־פירן אין אַן אַנדער לאַנד, וועלכעס איז „ווי אייערס, אַ לאַנד פון קאָרן און וויין־זאַפט, אַ לאַנד פון ברויט און וויינגערטענער״.[22]

אויף דעם דאָזיקן ציניש אַרויסרוף ענטפערט דער נביא אין זיין ווענדונג צום פאַרצווייפלטן און איבערגעשראָקענעם קעניג חזקיהו; ער זאָגט אים אַרויס דאָס געטלעכע יהוה־וואָרט:

„האָב ניט מורא פאַר די זידלווערטער פון דעם אשורישן קעניגס יינגלעך. איך גיב אין אים אַריין אַ גייסט, ער וועט הערן אַ מעלדונג און וועט זיך אומקערן אין זיין לאַנד און וועט פאַלן פון שווערד אין זיין לאַנד...״[23] אַזוי האָט געזאָגט יהוה וועגן דעם קעניג פון אשור: ער וועט ניט אַריינקומען אין דער דאָזיקער שטאָט, ער וועט אויף איר ניט וואַרפן קיין פייל, ער וועט ניט באַגעגענען זי מיט אַ שילד, ער וועט אויף איר ניט אָנשיטן קיין באַטאַרייע. אין דעם וועג, אויף וועלכן ער איז געקומען וועט ער זיך אומקערן״.[24]

אַ דאַנק די מאַסן־אויפשטאַנדן פון די אונטערדריקטע פעלקער, וואָס זיינען אין יענער צייט אויסגעבראָכן, האָט סנחריב געמוזט ווירקלעך צוריקרופן די רעזערוון פון זיין מיליטער, וואָס האָבן באַלאַגערט ירושלים און אַזוי האָט די הויפּטשטאָט פון יהודה אויסגעמיטן די אשורישע אָקופּאַציע.

[22] **ישעיה לו, 14—17.**
[23] **ישעיה לז, 6—7.** [24] **ישעיה לז, 33—34.**

19. דער נביא מיכה

מיכה פון מרשה האָט געלעבט און געווירקט אין איין צייט מיט ישעיהן און האָט זיך אַרויסגעזאָגט וועגן די טרויעריקע פּאָליטישע אויסזיכטן פון ישראל און פון יהודה. עס האָט אים באַשעפטיקט דער זעלביקער קרייז פון געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, אָרטיקע און צווישנ־פעלקערלעכע, ווי ישעיהן. פון די קנאַפּע זיבן קאַפּיטלען פון זיינע נביאישע אַרויסטרעטונגען, וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען, זעט אויס, אַז ער איז אָפט געווען קאַטעגאָרישער און שאַרפער פון ישעיהן אין זיינע פּאָלי־טישע אָפּשאַצונגען.

ער הייבט אָן זיין אַרויסטרעטונג מיט אַ ווענדונג צו אַלע פעלקער און וויל, אַז גאָר די וועלט זאָל אויפמערקזאַם צוהערן יהוהס וואָרט און זיין פּסק־דין. ער רעדט וועגן שוידערלעכע נאַטור־קאַטאַסטראָפעס, אין וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך די קראַפט פון געטלעכן משפּט איבער דעם ערדישן אומרעכט. ער רעדט וועגן „די בערג וואָס וועלן צעשמאָלצן ווערן און וועגן די טאָלן וואָס וועלן צעפּלאָסן ווערן ווי וואַקס פאַרן פייער און ווי וואַסער, וואָס רינט אין דער נידער״.[1]

אין אָפּגעהאַקטע, צום טייל ניט גאַנץ קלאָרע אויסדרוקן שילדערט ער דעם חורבן, וועלכן עס דראָט צו ברענגען אויפן ישראל־לאַנד די אשורישע אָקופּאַציע. ער שטעלט זיך אָפּ אויף דעם גורל, וואָס עס דערוואַרט איינצלנע, קאָנטיק סטראַטעגיש און עקאָנאָמיש וויכטיקע פּונקטן, ווי אויך זיין היימיש שטעטל מרשה. ער ווייזט אָן, אַז די אשורישע אָקופּאַציע, וועלכע האָט, ווי מיר ווייסן, זיך באַגרענעצט אין איר צייט מיטן צפון־לאַנד, האָט געזאָלט דערגיין אויך ביז צו די טויערן פון ירושלים.[2]

[1] מיכה א׳ 4.
[2] מיכה א, 12.

מער אָבער ווי ער לייגט געוויכט אויף דער אַגרעסיווער פּאָליטיק פון די דעמאָלטיקע גרויסמאַכטן — אשור־בבל פון איין זייט און מצרים פון דער צווייטער — וואָס מיען זיך און פירן מלחמות, כדי צו באַפעסטיקן זיך אין די לענדער פון נאָענטן מזרח, דערהויפּט ביי די אָפענע ברעגן פון מיטללענדישן ים, — שטרייכט ער אונטער ווי אַלע אַנדערע נביאים, — דעם אומגערעכטן געזעלשאַפטלעכן סדר, וואָס האָט געהערשט אין יענער צייט אין ישראל און יהודה און וואָס האָט דערפירט דאָס לאַנד צו אָקופּאַציע פון דרויסן. די אָקופּאַנטן זיינען אייגנטלעך נאָר אַ װערקצייג אין דער האַנט פון יהוה, וועלכער שטראָפט פעלקער און לענדער פאַר זייערע באַגאַנגענע פאַרברעכנס.

און דאָ שילדערט דער נביא מיכה, אָפט מיט מער קלאָרקייט ווי ישעיה, דעם באַשטאַנד פון די דאָזיקע פאַרברעכנס:

„ווי, די וואָס פאַרטראַכטן אומרעכט און טוען שלעכטס, בשעתן ליגן אויפן געלעגער אין פרימאָרגן טוען זיי דאָס, ווייל זיי פאַרמאָגן די קראַפט דערצו. זיי פאַרגלוסטן פעלדער און גזלנען זיי, הייזער — און נעמען זיי צו, זיי באַרויבן ביי איינעם זיין הויז און ביי אַ צווייטן זיין נחלה״.[3]

און אין נאָך אַ ריי ניט קלאָרע אָפּנייגונגען און נעפּלהאַפטע פּסוקים[4] ווענדט זיך דער נביא צו „די פירער יעקבס און צו די האַרן פון ישראל־הויז״ און זאָגט: „איר האָט דאָך באַדאַרפט וויסן דאָס רעכט. איר האָט פיינט דאָס גוטע און האָט ליב דאָס שלעכטע, איר גזלט אַוועק די פעל פון זיי (פון פאָלק) און דאָס פלייש פון זייערע ביינער...״[5]

„הערט צו, איר אייבערשטע פון יעקבס הויז, איר האַרן פון ישראלס הויז, איר, וואָס פאַרהאַסט רעכט און פאַרקרימט דאָס גערעכטע, וואָס בויט ציון מיט בלוט און ירושלים מיט אומרעכט. די אייבערשטע, וואָס משפּטן פאַר קויף־געלט און כוהנים, וואָס לערנען פאַר געצאָלט, און נביאים, וואָס

[3] מיכה ב, 1—2.
[4] ביבל־פאָרשער זיינען משער, אַז דער מיכה־בוך איז בכלל פאַרגרייזט געוואָרן און אַז אין אים זיינען אַריינגעשטעלט געוואָרן טיילווייז אויך פּסוקים, וואָס געהערן צו אַ שפּעטערדיקער צייט.
[5] מיכה ג, 1—2.

זאָגן צו ווונדער פאַר אַ מטבע, און שטיצן זיך (דערביי) אויף יהוה, זאָגנדיק: „יהוה איז דאָך צווישן אונדז, קיין שלעכטס וועט אויף אונדז ניט קומען". צוליב אייך וועט דעריבער ציון ווי אַ פעלד אויפגעאַקערט ווערן און ירושלים וועט ווערן וויסטע בערגלעך און דער בית־המקדש באַרג — אַ באַוואַלדעטע הויכעניש".[6]

די נביאישע וואָרענישן און זייער שאַרפע קריטיק זיינען אָבער ניט שטענדיק אָנגענומען געוואָרן ערנסט מצד די הערשער. אַלס אָפּאָזיציע צו דער נביאישער באַוועגונג האָט זיך געבילדעט אַ קרייז פון אַזוי גערופענע פאַלשע נביאים, וואָס האָבן געחנפט די הערשער, געטרייסט זיי און צוגעזאָגט זיי גליקן. זיי האָבן זיי פאַרזיכערט, אַז דאָס לאַנד וועט ניט אָקופירט ווערן דורך דער שכנישער גרויסמאַכט און אַז דאָס לייכטזיניקע לעבן מיט זיין לוקסוס פון איינצלנע און דער אָרעמקייט פון די אַנדערע קאָן רויק אָנהאַלטן אויך ווייטער.

אַזאַ פאַרפירערישע אָריענטאַציע האָט מיכה שאַרף געטאַדלט: „אַזוי האָט געזאָגט יהוה אויף די נביאים, וואָס פאַרפירן מיין פאָלק, וואָס בייסן (די ליפּן) מיט זייערע ציין און שרייען אויס „שלום!", און ווער עס טרויט זיי ניט, דערקלערן זיי אים אַ קאַמף. דעריבער וועט ווי די נאַכט זיין אייער פאַרויסזאָגן און פינצטער אייער ווונדער זאָגן. די זון וועט אונטערגיין אויף (אַזעלכע) נביאים און עס וועט כמורנע ווערן זיי דער טאָג. און עס וועלן זיך שעמען די זעער און עס וועט זיין אַ חרפה פאַר די ווונדערזאָגער... איך אָבער האָב זיך אָנגעפילט מיט קראַפט פון יהוהס גייסט, מיט רעכט און מאַכט אַרויסצוזאָגן יעקבן זיין שולד און ישראלן — זיין פאַרברעכן".[7]

ווי מיר זעען, קאָנצענטרירט זיך דער נביא מיכה כמעט דורכויס אויף אינעווייניקסטע געזעלשאַפטלעכע פראַגן פון זיין היימלאַנד. **אויך זיין סאָציאַלע אויפפאַסונג פון דעם יהוה־גלויבן איז ניט אוניווערסאַל, ווי ביי אַנדערע נביאים,** נאָר נאַציאָנאַל באַשרענקט. **ער דערקלערט:** „זאָלן אַלע פעלקער גיין יעדערער אין נאָמען פון זיין גאָט און מיר וועלן גיין אין נאָמען פון יהוה אונדזער גאָט אויף אייביק".[8]

[6] מיכה ג, 9—12. [7] מיכה ג, 5—8. [8] מיכה ד, 5.

20. דער נביא חבקוק

אַן ערך אין מיטן פון 8טן פאַרקריסטלעכן יאָרהונדערט האָט די נבואה־באַוועגונג געצייטיקט אַ קלאָר־זעענדיקן גזעלשאַפטלעכן רעדנער און קריטיקער מיטן נאָמען חבקוק, פון וועלכן עס האָבן זיך דערהאַלטן נאָר דריי קאַפּיטלען־רעדעס. ער איז אַרויסגעטראָטן און האָט געווירקט אין דער ענדצייט פון דער אשורישער גרויסמאַכט און בעת דעם ערשטן אויפשפּראָץ פון דער באַבילאָנישער גרויסמאַכט. ער איז, קאָנטיק, פאַר־פאָלגט געוואָרן פאַר זיינע שאַרפע רעדעס, איז אָבער געווען פּאָפּולער און באַליבט ביים פאָלק.

זיינע גרונט־געדאַנקען האָבן געפונען שפּעטער זייער דערקלערונג און פאַרשפּרייטונג דורך די אויסטייטשונגען (פשר חזון חבקוק), וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער צייט פון קעניג אַלעקסאַנדער ינאי דורך די קאָמונעס אין מדבר יהודה. עס איז קיין ספק ניט, אַז אין קעגנזאַץ צו דער מלוכה־פּאָליטיק פון יענער צייט האָבן די איסיים און די אַנדערע קאָמונעס זיך מיט אַ באַנייטער קראַפט באַהעפט אין די נביאישע אידייען, און דער חבקוק־בוך איז זיי געווען צו דער האַנט אַ דאַנק זיין קורצקייט. די רייד פון נביא זיינען ערטערווייז ניט קלאָר און, קאָנטיק, פאַרגרייזט געוואָרן, דערפאַר זיינען צו זיי געשריבן געוואָרן דערקלערונגען, כדי צו מאַכן אין פאָלק פּאָפּולער זייער אינהאַלט און אויף דעם וועג זיי בעסער אויסנוצן אַלס פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל קעגן דער אַנטי־נביאישער פּאָליטיק פון דער רעגירונג.

דער נביא ווענדט זיך מיט פאַרדרוס צו יהוה און פרעגט אים: „צו וואָס ווייזסטו מיר אומרעכט און קוקסט זיך צו צו פּיין, איך זע פאַר זיך רויב און גזלה, קריגעריי און אינטריגעס. דורך דעם ווערט אָפּגע־שוואַכט די לערע (די מאָראַל) און עס קומט קיין מאָל ניט אַרויס קיין

גערעכטער משפט, דער אומגערעכטער באַשווינדלט דעם גערעכטן און דעריבער קומט אַרויס אַ קרומער אורטייל״.[1]

„ווי, עס וועט אויסברעכן אַ בראַך אויפן הויז פון דעם וואָס פאַרלייגט הויך זיין נעסט צו ראַטעווען זיך פון שלעכטס. שאַנד האָסטו דיין הויז פאַרשאַפט... יעדער שטיין פון וואַנט שרייט און דער שפּאָן פון האָלץ שרייט אים נאָך״.

„ווי דעם וואָס בויט די שטאָט מיט בלוט און ריכט אויף דאָס ווינאַרט מיט אומרעכט״.[2]

די אינעווייניקסטע צעפוילטקייט און אומגליקלעכקייט עפנט דעם פראָנט פאַר די בבלישע אָקופּאַנטן:

„איך פיר אַרויס די כשדים (בבל), דאָס ביטערע און שנעלע פאָלק, וואָס לאָזט זיך אין די ווייטענישן פון דער וועלט צו פאַרנעמען פרעמדע וווינערטער. ער איז שרעקלעך און פורכטבאַר, ער וועט דאַרפן ריכטן און פאַרגעבן. זיינע פערד זיינען ראַשיק ווי לעמפּערטן און שניידיקער ווי די וועלף פון דעם סטעפּ. עס לויפן אָן זיינע רייטער, וואָס איילן זיך צום פרעסן. ער קומט, כדי צו רויבן, ער ריכטעט זיך צום מזרח און ווי זאַמד וועט ער אָנקלייבן געפאַנגענע. ער שפּאָט איבער די קעניגן, און די פירשטן זיינען פאַר אים אַ שפּיל, ער לאַכט אויס יעדער פעסטונג, ער ברענגט צוזאַמען ערד און נעמט זי איין״.[3]

עס וועט ניט ביישטיין אַנטקעגן דער ריזיקער קראַפט פון די באַבי־לאָנישע אָקופּאַנטן אַ פאָלק, וואָס איז אָפּגעשוואַכט דורך דער אָנמעכטי־קער פירונג פון די, וואָס דער וויין, די פּוסטע גאווה און די אומבאַגרע־נעצטע תאווה נאָך פאַרמעגן האָט זיי דעמאָראַליזירט. זיי האָבן זיך פאַר־פלאָנטערט אין שולדן. זיי האָבן זיך געמיט ערגעץ הויך אויסצובויען זייער נעסט, כדי צו ראַטעווען זיך פון אומגליק.[4]

[1] חבקוק א, 3—4.
[2] חבקוק ב, 9—12.
[3] חבקוק א, 6—10.
[4] חבקוק ב, 5 און ווייטער.

הגם ניט קלאָר און פאַרגרייזט זיינען ערטערווייז די טיילן פון זיין בוך, וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען, שלאָגט זיך דורך ביי חבקוקן מיט דייטלעכקייט דער געדאַנק פון דער קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון גאַנצן פאָלק פאַר די פאַרברעכנס און זינד פון זיינע הערשער.

די אָקופּאַנטן וועלן וויסט מאַכן דאָס לאַנד און אַרויסרייסן פון שורש דאָס אַרבעטס־פאָלק אין פעלד און אין גאָרטן. עס וועלן צעשטערט ווערן די אוצרות פון דער נאַטור. „דער פייגנבוים וועט ניט בליען, עס וועט קיין פרוכט ניט זיין אויף די ווייַנשטאָקן, די איילבירט־פּראָדוקציע וועט זיך אָפּשטעלן, די פעלדער וועלן ניט צייטיקן קיין שפּייז, פון באַהעלטער איז פאַרשניטן געוואָרן דאָס שאָף און אין שטאַל איז ניטאָ קיין פי״.[5]

און נאָך אַלעמען פאַרענדיקט ער, אויפן שטייגער פון אַלע אָפּטי־מיסטישע נביאים, מיט דעם אומגעבראָכענעם גלויבן אין דער הילף פון יהוה, אין דעם זיג פון דער גערעכטיקייט.

די ריזיקע כוחות פון דער נאַטור וועלן דורך יהוהס שטראָפנדיקער האַנט אויפגעשטורעמט ווערן אין יענעם גרויסן טאָג, ווען ער וועט צע־ברעכן די ברוטאַלע מאַכט פון אומגערעכטע הערשער. די זון און לבנה וועלן שטיין פאַרגאַפט בשעת דער אויפשטראַלונג פון זיינע בליציקע שפּיזן.[6] „ער וועט אַרויסגיין צו העלפן זיין פאָלק, זיין געזאַלבטן, צעברעכן דעם קאָפּ פון די רשעימס הויז, אונטערצורייסן דעם גרונט ביזן האַלדז״.[7]

[5] חבקוק ג, 17. [6] חבקוק ג, 8, 10. [7] חבקוק ג, 12—13.

21. די נביאים אַלס געזעצגעבער, די נביאישע מלוכה־רעפאָרם אין דער צייט פון קעניג יאשיהו. די נביאה חולדה

ווי באַלד אַז מיר האָבן אויפגעוויזן, אַז די צען געבאָטן, וועלכע זיינען געגעבן געוואָרן דורך משהן, „דעם האַר פון די נביאים״, בילדן אַ רעאַלע געזעצגעבונג, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין נביאישן גייסט, קאָנען מיר במילא אויך פאַרשטיין, פאַר וואָס דאָס „בוך פון בונד״, דער „ספר הברית״, די זאַמלונג פון די עלטסטע געזעצן, וואָס זיינען געווען צוגעפאַסט צום סטאַבילן לעבן אויפן ארץ־ישראלדיקן באָדן, איז אויך באַהויכט דורך די פרינציפּן פון דער נביאישער באַוועגונג.

ווי די צען געבאָטן, איז אויך „דאָס בוך פון בונד״ אַ געזעצגעבונג — אפשר צום טייל אויך אַ קאָדיפיקאַציע פון עלטערן געוווינהייטס־רעכט, וואָס איז געקומען רעגולירן דאָס מאָסן־לעבן אין אַ געזעלשאַפט, וואָס בויט זיך אויף פּריוואַט־אייגנטום און קנעכטשאַפט. עס איז דעריבער קלאָר, אַז לויטן אינהאַלט און טעמאַטיק איז „דאָס בוך פון בונד״ אין פיל פּרטים ענלעך צו די אשורישע און בבלישע געזעצן פון יענער צייט, הגם יענע זיינען צוגעפאַסט צו די באַציונגען אין אַ מער אַנטוויקלטער קלאַסן־געזעלשאַפט.

וואָס עס איז פאַר אונדז דערהויפּט וויכטיק איז, אַז — צום אונטער־שייד פון די געצנדינערישע יסודות, יסודות פון דער נאַטור־רעליגיע, אויף וועלכע עס איז באַגרינדעט געווען די אשורישע און בבלישע געזעצ־געבונג פון די אַלטע צייטן — איז דער „ספר הברית״ שוין געווען באַ־שטראַלט מיט געזעלשאַפטלעכע אידייען פון דער נביאישער וועלט.

מיר האָבן ניט בדעה צו באַהויפּטן, אַז זיי זיינען שוין אין יענער צייט פאַרווירקלעכט געוואָרן אין פּראַקטישן לעבן. זיי זיינען אפשר אפילו ערשט שפּעטער ענדגילטיק רעדאַקטירט געוואָרן, אָבער פון זיי איז צו

זען, ווי די נביאים האָבן פאַרשטאַנען די פּאָסטולאַטן פון רעכטס־לעבן אין דער פריערדיקער תקופה פון קאָלאָניזירונג אין לאַנד און פאַר וואָס די טראַדיציע האָט צוגעשריבן משהן, „דעם האַר פון די נביאים", די פאַרפאַסונג פון דעם „ספר הברית", דעם דאָזיקן עלטסטן געזעצבוך.

דאָ האָט איר דעם זעקס יאָריקן אָבליגאַטאָרישן אַרבעטס־קאָנטראַקט פאַר פרייע אַרבעטער (עבד עברי),[1] טויטשטראָף פאַר בכיוונדיקן טויטן אַ מענטשן,[2] אַזיל־רעכט (מקלט) פאַר ניט בכיוונדיקע מערדער,[3] טויט־שטראָף פאַר שלאָגן אָדער שילטן אַ פאָטער אָדער אַ מוטער,[4] אָדער פאַר גנבענען אַ מענטשן און פאַרקויפן אים פאַר אַ קנעכט.[5] עס ווערן געדראָט שווערע שטראָפן פאַר קערפּער־פאַרלעצונגען פון מענטשן,[6] קערפּער־פאַרלעצונגען פון שקלאַפן, וואָס זיינען געבליבן אומבאַשטראָפט ביי אַנדע־רע פעלקער, האָבן באַדאַרפט האָבן אַלס רעזולטאַט די באַפרייונג פון דעם פאַרלעצטן שקלאַף.[7] אויף אַ באַזונדערן אופן זיינען פאַרגעשריבן געוואָרן סטאַטוטן פאַר פּראָצעסן. עס איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן די פליכט פון ריכטער אָפּצוהיטן די גלייכקייט פון די צדדים, ניט צו פעלשן דעם אורטייל, ניט טויטן קיין אומשולדיקן, ניט צו נעמען קיין שוחד, ווייל „דער שוחד מאַכט בלינד די אויגן פון זעענדיקע און פאַרקרימט די ווער־טער פון די גערעכטע".[8]

עס ווערט געפאָדערט קעגנזייטיקע הילף פון די בירגער אויף די דאָרפישע וועגן: „ווען דו טרעפסט דעם אָקס אָדער אייזל (אפילו) פון דיין פיינט בלאָנדזשען, קער אים אום. ווען דו וועסט זען דעם אייזל (אפילו) פון דיין פיינט, ווי ער פאַלט אונטער זיין משא, זאָלסטו זיך ניט אָפּזאָגן אים צו העלפן, העלף אים".[9]

עס ווערט געפאָדערט אַ גאַנץ באַזונדערער רעכטלעכער שוץ פאַר אלמנות

[1] מער פון זעקס יאָר טאָר ניט פאַרפליכטעט ווערן דער פרייער מענטש צו אַרבעטן פאַר יענעם. שמות כא, 1—6.
[2] שמות כא, 12. [3] דאָרטן, 13. [4] דאָרטן, 15, 17. [5] דאָרטן, 16. [6] דאָרטן, 18, אַ באַזונדערער קערפּערלעכער שוץ פאַר שוואַנגעריקע פרויען. [7] דאָרטן, 26, 27.
[8] שמות כג, 6—8.
[9] שמות כג, 4—5.

און יתומים[10] **און פאַר פּרעמדע און באַדנלאַזע**: „דו זאָלסט דעם פרעמדן ניט נאַרן און ניט אונטערדריקן, ווייל איר זייט אַליין געווען פרעמדע אין מצרים״. „דריק ניט דעם פרעמדן — **חזרט זיך איבער דער געבאָט אַ צווייט מאָל** — דען איר ווייסט דאָך דעם געפיל פון אַ פרעמדן בעת איר זייט (אַליין) געווען פרעמדע אין לאַנד מצרים״.[11]

די רו פון מענטשן **ווערט פּאַראַלעל געשטעלט צו דער רו פון דער** ערד: „זעקס יאָר זיי דיין באַדן און זאַמל דיין תבואה און דעם זיבעטן זאָלסטו אָפּשטעלן און פאַרלאָזן, זאָלן פון אים עסן די אָרעמע פון דיין פאָלק און דאָס איבעריקע די חיות פון פעלד. אַזוי זאָלסטו טאָן אויך בנוגע צו דיין ווייגאָרטן און איילבירט־גאָרטן. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן דיין באַשעפטיקונג און דעם זיבעטן זאָלסטו רוען, כדי עס זאָל אָפּרוען דיין אָקס און אייזל און זיך אויסרוען דיין דינסט־מענטש און דער פרעמ־דער״.[12]

פון באַזונדערן אינטערעס זיינען די פאַרגעשריבענע פאַמיליע־געזעצן פון „ספר הברית״, אין וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך די שפּעטערדיקע געזעל־שאַפטלעכע מאָראַל פון די נביאים און זייער קאַמף קעגן דעם רעליגיעזן זנות (קולט פון די קדשות), וועלכער איז געווען פאַרשפּרייט אין די אָר־יענטאַלישע נאַטור־רעליגיעס: „ווער עס רעדט איבער אַ בתולה, וואָס איז (נאָך) ניט פאַרקנסט און ליגט מיט איר, דאַרף זי נעמען פאַר אַ פרוי״.[13]

די עצם טאַטזאַך אַז „דאָס בוך פון בונד״ — „ספר הברית״ — איז שוין אין פריע צייטן פאַרשריבן געוואָרן און איז צו אונדז דערגאַנגען אין זיין גאַנצער אָדער טיילווייזער געשטאַלט, איז ווידער אַ באַווייז אויף די גרויסע קולטור־אַנשטרענגונגען פון דער נביאישער באַוועגונג.

עס באַשטייט ניט קיין מינדסטער ספק אין דעם, אַז אויך די מלכים פון ישראל און פון יהודה־לאַנד האָבן אין אַלע צייטן אַרויסגעגעבן געזעצן און באַפעלן פאַרן בירגערלעכן און מלוכהשן לעבן.

די אַלע געזעצן זיינען אָבער לחלוטין ניט דערגאַנגען — און זיכער ניט

[10] שמות כב, 21. [11] שמות כב, 20, כג, 9.
[12] שמות כג, 10—12. [13] שמות כב, 15.

צופעליק — צו אונדזער צייט. די זאַמלער און רעדאַקטאָרן, וועלכע האָבן געשטעלט פאַר זיך, בעיקר, פאָלקס־דערציערישע צוועקן, זיינען ניט געווען פאַראינטערעסירט איבערצוגעבן די וויטערדיקע דורות אומגע־רעכטע געזעצן, קעגן וועלכע עס האָבן אין זייער צייט מיט מסירת נפש געקעמפט די פאַרטרעטער פון דער נביאישער באַוועגונג.

*

עס איז אָבער אין אָנהייב פון זיבעטן יאָרהונדערט אָנגעקומען די צייט, ווען די נביאים האָבן געפּרוווט דורכפירן אַ גרונטלעכע רעפאָרעם אין דער קעניגלעכער געזעצגעבונג.

דער גינסטיקער מאָמענט דערצו איז אָנגעקומען נאָכן טויט פון קעניג מנשה (אין סוף פון 8טן יאָרהונדערט), אין וועמעס צייט דער טעראָר און די רדיפות קעגן די נביאים האָבן דערגרייכט די העכסטע שטופּע און, ווי עס האָט זיך שפּעטער אויסגעדריקט דער נביא ירמיה, „די שווערד האָט געפרעסן נביאים, ווי אַ צוקנדיקער לייב".

עס איז געווען גענוג, אַז מנשהס זון אמון זאָל פּרוּוון ווייטער פירן די פּאָליטיק פון זיין פאָטער, ווי אין די הויף־קרייזן גופא האָט אויפגעפלאַ־קערט אַן אויפשטאַנד, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט די כוהנים פון טעמפּל צוזאַמען מיט די נביאים. אמון איז דורכן פאָלק געטויט געוואָרן און אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן זיין אַכט־יאָריקער זון יאשיהו (640—609 פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג).

ווי עס ווייזט אויס, זיינען נאָכן טויט פון קעניג מנשה און נאָך דעם מאָרד פון אמון באַזייטיקט געוואָרן פון הויף די פריערדיקע קעניגלעכע יועצים, די מיליטערישע באַאַמטע און די בעל־פּריסטער און די דערציונג פון דעם יונגן קעניג איז געפירט געוואָרן אין גייסט פון דער נביאישער באַוועגונג.

עס קלינגען ווי אַ פראַגמענט פון אַ נביאישן פאָלקס־געזאַנג די ווער־טער, וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען פון יענער צייט:

פראָפ׳ שמואל אייזנשטאַדט

„אַ קינד איז אונדז געבאָרן,
אַ זון איז אונדז געגעבן.
אויף אים איז אַרויפגעלייגט די הערשאַפט,
אים איז דער נאָמען געגעבן:
וווּנדערלעכער עצה־געבער,
אייביקער פאַטער,
האַר פון שלום.
די מאַכט איז גרויס,
און שלום אָן אַ ברעג.
דודס טראָן און זיין הערשאַפט
ווערט אונטערשטיצט
דורך רעכט און גערעכטיקייט״.[14]

אין די צווישנפעלקערלעכע באַציונגען האָט זיך איינגעשטעלט אַ צייט־ווייליקע רואיקייט. די אשורישע גרויסמאַכט איז געווען אָפּגעשוואַכט און געבראָכן. איר גרויסער קאָנקורענט מצרים איז נאָך פון זיין זייט ניט געווען גרייט צו קיין אַגרעסיווע אַרויסטרעטונגען, פון וועלכע עס וואָלטן געליטן די לענדער צווישן פרת (יעפראַט) און דעם נילוס.

עס איז געווען איצט אַ צייט איבערצובויען דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין לאַנד אויף נייע יסודות, דורכצופירן גרונטלעכע רעפאָרמען אין דער עצם סטרוקטור פון קעניגטום, פון די רעכטן און פליכטן פון קעניג.

עס איז אָנגעקומען דער 18טער יאָר פון יאשיהוס מלוכה, ווען די נביאישע באַוועגונג, מיט וועלכער עס האָבן איצט, קאָנטיק, אויך מיטגע־אַרבעט חלקיהו, דער עלטסטער כוהן פון ירושלים, און שפן, דער קעניג־לעכער שרייבער, האָט פאָרגענומען דורכצופירן אין לאַנד גרונטלעכע שינויים. עס האָבן זיך אויפגעשטעלט פריידלעכע קאָנטאַקטן צווישן חלקיהו און שפן, וועלכע זיינען אפשר געווען אויך די דערציער פון יונגן קעניג, און צווישן די וואָרטזאָגער פון דער שטאַרק אויסגעוואַקסענער נביאישער

[14] ישעיה ט, 5—6.

באַוועגונג, וועלכע איז געווען פאַרטראַטן אין יענער צייט דורך דער נביאה חולדה, דער פרוי פון שלום בן תקוה, בן חרחס, דעם בגדים־היטער. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאָדערן ביים קעניג יאשיהו יסודותדיקע ענדערונגען פון דער עקזיסטירנדיקער געזעצגעבונג און דערהויפּט די איינפירונג פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מלוכה־מאַכט אַנשטאָט דער פריער־דיקער אומבאַגרענעצטער מאַכט פון קעניג און פון זיינע ראַטמענער (יועצים).

אַנשטאָט צו פאָדערן אָבער אַ דורכויס נייע געזעצגעבונג האָבן זיי, אינספּירירטע פון דעם גייסט פון דעם ערשטן פאָלקס־פירער און געזעצ־געבער משהן, פאַרפאַסט און געבראַכט פאַרן קעניג אַ גרייטן געזעצבוך, דעם ספר התורה, וועלכן זיי האָבן ווי „געפונען" אין טעמפּל און וועלכער האָט געזאָלט שטאַמען פון משהן. דאָס איז געשען בערך אין יאָר 621 פאַר דער קריסטלעכער צייט.

אַ דעלעגאַציע פון פינף מענטשן מיטן כוהן חלקיהו אין דער שפּיץ האָט באַזוכט די וואָרטזאָגערין פון דער נביאישער באַוועגונג, די נביאה חולדה, און יענע האָט זיי אָפן געזאָגט, אַז די פאַרברעכנס פון דער רעגירונג קעגן פאָלק און קעגן דער מענטשלעכקייט, וועלכע זיינען באַגאַנגען געוואָרן און וועגן וועלכע עס וואָרנט די אָפּגעפונענע געזעצגעבונג, וועלן שווער באַשטראָפט ווערן.[15]

הערנדיק דעם האַרבן אורטייל פון מויל פון דער נביאה, האָט דער קעניג יאשיהו געלאָזט לייענען דעם נייעם געזעצבוך, האָט זיך מיט שרעק און חרטה אָפּגעטרייסלט פון די פריערדיקע אומגערעכטע געזעצן און „האָט געשלאָסן אַ בונד פאַר יהוהן צו פאָלגן אים, צו אָפּהיטן מיטן גאַנצן האַרצן און נשמה זיינע געבאָטן, באַשטימונגען און געזעצן און מקיים צו זיין די פאַרשריפטן, וועלכע זיינען געשריבן אין דעם דאָזיקן בוך, און דאָס גאַנצע פאָלק איז צוגעשטאַנען צום בונד".[16]

עס איז אפשר ניט שווער געווען אין יענער צייט די נביאים צו

[15] מלכים ב, כב, 14—17.
[16] מלכים ב, כג, 3.

פראָקלאַמירן די נייע געזעצגעבונג און אויף דעם אופן צו פאַרוואַנדלען די אַבסאָלוטע קעניגלעכע מאַכט אין אַ קאָנסטיטוציאָנעלער, אָבער זיי זיינען געקומען אַ ביסל צו שפּעט. דאָס לאַנד איז שוין געווען עקאָנאָמיש צעלייגט און פּאָליטיש אָפּגעשוואַכט. דאָס מיליטער איז ניט געווען אין שטאַנד צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד, און בעת דער עגיפּטישער קעניג פרעה נכה איז אַרויס מיט אַ קריג קעגן אשור און בבל און האָט געוואָלט דורכמאַרשירן מיט זיין מיליטער דורכן יהודה־לאַנד, איז דאָס יהודה־מיליטער, וואָס האָט זיך אים געשטעלט אַנטקעגן, באַלד צעשלאָגן געוואָרן און דער קעניג יאשיהו, וואָס האָט אַליין אָנגעפירט מיט די מיליטערישע אָקציעס ביי מגידו, איז געפאַלן אין שלאַכט. אַזוי זיינען אויפגעקומען נייע שוועריקייטן אויפן וועג פון דער פאַרווירקלעכונג פון דער נביאישער געזעצגעבונג.

די גרויסע געזעצגעברישע רעפאָרעם פון דעם נביאישן תורה־בוך, דעם ספר התורה, איז, יעדנפאַלס, דערגאַנגען צו אונדז אַלס אַ סאָציאַל־היסטאָרישער מאָנומענט און איז איינגעגלידערט געוואָרן אין דער ביב־לישער ליטעראַטור אַלס שאַפונג, וואָס ווערט צוגעשריבן דעם האַר פון די נביאים, משהן, און אירע איינצלנע באַשטימונגען אָטעמען מיט דער דעמאָקראַטישקייט און פאָלקסטימלעכקייט פון דער נביאישער באַוועגונג.

דער קעניג, וועלכער איז פריער ניט געווען באַגרענעצט אין זיין פונקציע אַלס קריג־דערקלערער און קריגפירער, איז איצט פאַרפליכטעט געוואָרן צו האַלטן זיך פעסט ביי די פאַרשריפטן פון דער פאַרגעלייגטער קאָנסטיטוציע מיט אירע ספּעציעלע מלחמה־באַגרענעצונגען.

עס איז איינגעשרענקט געוואָרן דער איינקויף פון מלחמה־פערד, — וואָס זיינען געווען איינע פון די וויכטיקסטע מלחמה־אויסשטאַטונגען — אין עגיפּטן.[17]

עס איז באַגרענעצט געוואָרן די צוואַנג־מאָביליזאַציע פון בירגער צום מיליטערדינסט. אַזוי איז, אַ שטייגער, באַשטימט געוואָרן, אַז „ווען איינער האָט פאַרקנסט אַ פרוי און האָט זי נאָך ניט גענומען, זאָל ער זיך אומקערן אַהיים, דען טאָמער שטאַרבט ער אין מלחמה און אַן אַנדערער וועט זי

נעמען".[17] אָדער "ווען איינער האָט אויסגעבויט אַ נײַ הויז און האָט עס נאָך ניט באַנײַט, זאָל ער זיך אומקערן אַהיים, דען טאָמער שטאַרבט ער אין מלחמה און אַן אַנדערער וועט אים באַנײַען".[18] אָדער "ווען איינער האָט פאַרפלאַנצט אַ ווײַן־גאָרטן און האָט אים נאָך ניט באַנײַט, זאָל ער זיך אומקערן אַהיים, דען טאָמער שטאַרבט ער אין מלחמה און אַן אַנדערער וועט אים באַנײַען".[19] אָדער "ווען איינער איז אַ שרעקעדיקער און אַ ווייכהאַרציקער, זאָל ער זיך אומקערן אַהיים און זאָל ער ניט ווייך מאַכן דאָס האַרץ פון זײַנע ברידער, ווי זײַן אייגן האַרץ".[20]

די נביאישע געזעצגעבונג פאָדערט אויך אויף, אַז עס זאָל ניט פאַר־גענומען ווערן קיין קריג, אָן אַ פריערדיקער וואָרענונג. "ווען דו וועסט דיך דערנענטערן צו אַ שטאָט, כדי צו פירן קעגן איר אַ קריג, זאָלסטו זי אויפפאָדערן זי זאָל מאַכן שלום. וועט זי דיר ענטפערן מיט שלום און עפענען פאַר דיר (אירע טויערן), זאָל דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס אין איר, דיר צאָלן קאָנטריבוציע און דינען דיר. ערשט ווען זי וועט מיט דיר ניט שלום מאַכן און וועט אַרײַנטרעטן אין אַ קריג מיט דיר, זאָלסטו זי באַלאַגערן".[21]

די נביאישע געזעצגעבונג פאַרבאָט אויך אין פאַל פון אַ דויערנדן פּאָזיציע־קריג צו פאַרוויסטן די נאַטור פון לאַנד. און גאַנץ באַזונדער ווערט פאַרבאָטן אויסצוהאַקן פרוכט־ביימער, דען "דער מענטש איז אַ בוים אין פעלד".[22]

דער תורה־בוך אַקצעפּטירט און באַגרינדעט אויף ס'נײַ סאָציאַל און מאָראַליש אַ רײַ גרונט־געזעצן, וואָס שטאַמען פון אַלטצייטיקן "ספר הברית", "דעם בוך פון בונד" און דערקלערט און פאַרטיפט זייער אינהאַלט.

[17] דברים יז, 16.
[18] דברים כ, 5.
[19] דברים כ, 6.
[20] דאָרטן, 8.
[21] דברים כ, 10—12.
[22] דאָרטן 19—20.

ער לייגט אַ באַזונדער געוויכט אויף דער עקאָנאָמישער פעסטיקונג פון ירושלים אַלס צענטער פון לאַנד און פאַרפליכטעט יעדן פּראָדוצירער צו פאַרבריכן אַ צענטל פון זיינע פּראָדוקטן אין דער הויפּטשטאָט און געניסן פון זיי צוזאַמען מיט באַדנלאָזע און נויט־באַדערפטיקע בירגער און פרעמדע.[23]

ער פירט איין אַ מאָראַטאָריום פון חובות יעדן זיבעטן יאָר און באַדערט אויף צו געבן סאָציאַלע הילף די אומפאַרמעגלעכע שיכטן פון פאָלק.[24]

עס ווערט אַרויפגעלייגט אַ חוב אויף די פויערן און גערטנער צו געבן נאַטור־שטייערן פון זייער פעלד און גאָרטן פאַר פרעמדע, פאַר יתומים און אלמנות.[25]

עס האָבן אין יענער צייט עקזיסטירט אין די שטעט פון לאַנד פּראָצענטניקעס, וועלכע פלעגן באַרגן אָרעמע־לייט געלט צום לעבן אויף שווערע פּראָצענטן [26] און לאָזן פאַרמשכנען פאַר די חובות האָב און גוטס, נעמען אַלס משכון קינדער און פאַרוואַנדלען זיי אין קנעכט.[27] די נביאישע געזעצ־געבונג פאַרבאָט דאָס נעמען פון פּראָצענטן, דערלויבט ניט דעם מלווה אַריינצוגיין צום בעל־חוב אין שטוב, כדי צו נעמען אַ משכון און פאַרבאָט בכלל דאָס פאַרמשכנען לעבנסנייטיקע קעגנשטאַנדן אָדער דאָס אָננע־מען משכונות ביי אלמנות און יתומים.[28]

עס ווערן דורכגעפירט פיל רעפאָרמען אין פאַמיליען־לעבן. עס ווערט אויסגעראָטן די הפקרדיקע באַציונג צו דער פרוי, וואָס איז געווען גע־בונדן מיטן בעל־קולט, וועלכער ווערט איצט שטרענג פאַרבאָטן און באַ־שטראָפט מיט טויט־שטראָף. אַ שטאָט, וואָס האַלט זיך ביי געצנדינסט דאַרף פאַרוויסט ווערן.[29]

עס ווערט באַנייט און איינגעפירט אין דער פּראַקטיק דער געזעץ

[23] דברים יד, 22—23.
[24] דברים ט״ו, 1—4, 7—8. [25] דברים כד, 19—21. [26] דברים כג, 20—21.
[27] פאַרגלייך נחמיה ה, 1—5. [28] דברים כד, 10—12, 17.
[29] דברים יג, 13—18.

וועגן דער שוואָגער־הייראַט, לויט וועלכן די קינדערלאָזע אלמנה פון אַ פאַרשטאָרבענעם ברודער דאַרף אויפגענומען ווערן אַלס פרוי פון איר שוואָגער, וועלכער איז מחויב ווידער אויפצובויען דאָס פאַרוויסטע הויז פון זיין ברודער.[30]

עס ווערט איינגעפירט אַ באַשטימטער סדר פאַר אַ גט, פאַר דער שיידונג פון אַ פרוי און באַשטימט אַ שריפטלעכער שיידונגס־בריוו, (ספר כריתות), דורך וועלכן די פרוי ווערט באַפרייט פון דעם הייראַט־בונד.[31]

עס ווערט דורכגעפירט אַ ווייטגייענדיקע רעפאָרעם פון די קרימינעלע און ציווילע געריכטן. דער קעניג אַליין איז שוין ניט מער קיין ריכטער, ווי ער איז געוועזן אין אָנהייב פון דער קעניג־צייט.

עס ווערט מיט מער אויספירלעכקייט רעגלאַמענטירט דער אַזיל־געזעץ פאַר ניט־בכיוונדיקע רוצחים און פעסטגעשטעלט די אַזיל־שטעט (ערי־מקלט), וווהין זיי קאָנען זיך רעטן.[32]

עס ווערט איינגעפירט אַ שטרענגע קרימינעלע פאַראַנטוואָרטונג פון דעם בירגער פאַר זיינע אייגענע און נאָר פאַר זיינע אייגענע האַנדלונגען.[33]

אַן אַנטלאָפענעם קנעכט טאָר מען ניט אומקערן צו זיין אייגנטימער. מען דאַרף אים געבן אַזיל און שוץ.[34]

בנוגע צום אַרבעטס־רעכט ווערט איינגעפירט די שטרענגע פליכט פון דעם אַרבעט־געבער צו באַצאָלן רעכטצייטיק דעם אַרבעטס־לוין. „דו זאָלסט ניט באַרויבן דעם אומפאַרמעגלעכן געדונגענעם אַרבעטער פון דיינע ברידער אָדער פון די פרעמדע וואָס אין דיין לאַנד, אין דיינע שטעט. דעם זעלביקן טאָג באַצאָל אים זיין געהאַלט, איידער די זון גייט פאַר אים אונטער. פאַר אים מיט ער זיך. זאָל ער ניט דאַרפן רופן צו יהוה און זאָל אויף דיר ניט פאַלן קיין זינד״.[35]

דאָס זענען די עיקר־באַשטימונגען פון דער נביאישער געזעצגעבונג פון דער מלוכה־צייט פון קעניג יאשיהו.

[30] דברים כה, 5—11. [31] דברים כד, 1—4. [32] דברים יט, 2—8.
[33] דברים כד, 16. [34] דברים כג, 16—17. אין קעגנזאַץ צום רוימישן רעכט, לויט וועלכן יעדערער איז מחויב אומצוקערן אַן אַנטלאָפענעם קנעכט צו זיין בעל־הבית.
[35] דברים כד, 14—15.

22. די מפלה פון דער אשורישער אימפעריע. די נביאים יונה און נחום

עס זיינען אַריבער עפּעס מער פון הונדערט יאָר זינט דאָס ישראל־לאַנד איז אָקופּירט געוואָרן דורכן אַשורישן מיליטער, און דער אָקופּאַנט אַליין איז געפאַלן אין געראַנגל מיט דער בבלישער גרויסמאַכט און די אַשורישע הויפּטשטאָט נינוה איז איינגענומען און צעשטערט געוואָרן דורך די באַבילאָניער בערך אין יאָר 606 פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג.

עס ווערט דערציילט פון אַ צווייטן נביא, וועלכער האָט דירעקט פאַרויס־געזען דעם פאַלן פון אשור און וועלכער איז געשיקט געוואָרן פון יהוה צו וואָרענען דאָס אַשורישע פאָלק וועגן דעם נאָענטן פאָליטישן אונטער־גאַנג און רופן אים באַצייטנס „אָפּצוקערן זיך פון די שלעכטע וועגן, אָפּצו־זאָגן זיך פון געוואַלט־טאָטן". דאָס איז געווען דער נביא יונה.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער נבואה־באַוועגונג און פאַר די לעגענדעס, וואָס האָבן זיך געוועבט אַרום איר, איז די לעגענדע וועגן דעם נביא יונה.

יונה בן אמיתי, וואָס איז, קאָנטיק, געווען גוט באַהאַוונט מיט דער פּאָליטישער סיטואַציע אויפן נאָענטן מזרח, האָט פאָרויסגעזען דעם אונ־טערגאַנג פון דער אשורישער מדינה. ער האָט געשפּירט אין זיך אַ גרויסע הצטרכות צו גיין קיין נינוה און צו אויפקלערן דעם אַשורישן פאָלק די כיבות וואָס פירן אים צו דער פּאָליטישער קאַטאַסטראָפע און אפשר אויך וואָרענען אים, כדי אויסצומיידן די מפלה. ער פילט אין זיך אַ געטלעכע שליחות פון אינטערנאַציאָנאַלן פאַרמעסט, צו זאָגן זיין וואָרט בנוגע די געשעענישן וואָס וויקלען זיך פונאַנדער צווישן די וועלט־מאַכטן פון זיין צייט. עס איז אָבער אַ צו שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע און ער וואַקלט זיך, צי זאָל ער זי אויספירן. ער איז ניט געגוג דרייסט דערצו, ער וויל אין דער לעצטער מינוט פאַרלאָזן דאָס יהודה־לאַנד און איבער־

וואַרטן אַ באַשטימטע צייט ערגעץ ווו, ביז די געשעענישן וועלן זיך פונאַנ־דערוויקלען און קלאָר ווערן. ער קומט אָן קיין יפו און זעצט זיך אַריין אין אַ שיף וואָס גייט צו דעם אינדזל תרשיש. דער ים שטורעמט אויף. די שיף האַלט זיך ביים טרינקען. עס העלפן ניט קיינע מיטלען זי צו ראַטעווען. פיל כחורות, וואָס זיינען געווען אויף דער שיף, האָט מען שוין אַריינגעוואָרפן אין שטורמישן ים. די מענטשן גלייבן, אַז די שיף גייט אונטער צוליב די זינד פון איינעם פון אירע פאַרער. דער גורל, וועלכן מען וואַרפט, ווייזט קלאָר און דייטלעך אויף יונה בן אמיתי, און ער איז זיך מודה אין זיין זינד — ער האָט געפרוווט אַנטלויפן און אויסמיידן די דערהויבענע שליחות צום אַשורישן פאָלק, דעם געבאָט צו וואָרענען די באַפעלקערונג פון דער גרויסער וועלט־שטאָט וועגן דער מפלה, וואָס שטייט איר פאָר. דער קאַפּי־טאַן און די פּאַסאַזשירן פון דער שיף גלייבן, צוזאַמען מיט יונהן, אַז צוליב דער דאָזיקער זינד האָט אויפגעשטורעמט דער ים און עס איז קיין אַנדער אויסוועג ניט געווען, ווי אַריינצוואַרפן דעם זינדיקן אין שטורמישן ים. און דאָ איז געשען דער וווּנדער: אַ גרויסער פיש האָט איינגעשלונגען דעם אַנטלאָפענעם נביא און נאָך דריי טעג, וועלכע ער האָט פאַרבראַכט אין די געדערים פון דעם פיש, איז ער אויסגעשפּיגן געוואָרן צוריק אויף דער טריקעניש ביי די ברעגן פון זיין היימלאַנד.

די מערקווירדיקע געשעעניש האָט אים קלאָר און דייטלעך באַוויזן, אַז ער טאָר ניט און דאַרף ניט אויסמיידן די אויספירונג פון זיין פּאָליטישער און מאָראַלישער אויפגאַבע, — און ער גייט צו דערפילן דעם געבאָט פון זיין האַרצן, דעם געבאָט פון מענטשלעכקייט און די שליחות פון יהוה זיין גאָט, דעם גאָט פון גערעכטיקייט — ער גייט קיין נינוה צו וואָרענען איר פאָלק וועגן דעם וואָס אים דערוואַרט.

שווער און ווייט איז געווען דער וועג, און ווען ער איז אַריינגעקומען אַ מידער און אויפגעברויזטער אין די טויערן פון דער אַשורישער הויפּט־שטאָט האָט זיין געזיכט און זיין גאַנצע געשטאַלט אויסגעדריקט אַזאַ טיפן צער פאַר אַ גרויס פאָלק, וואָס שטייט פאַר דער געפאַר פון אונטערגאַנג, און בעת ער האָט מיט אַ ציטערדיקער שטים געוואָרנט און געזאָגט: „אין פערציק טעג אַרום וועט נינוה רואינירט ווערן" — האָבן זיך די בירגער

פון שטאָט באַצויגן צו זיינע ווערטער מיט אַן אומבאַגרענעצטן צוטרוי.

„זיי האָבן דערקלערט אַ תענית, האָבן פון גרויס־ביז־קליין אָנגעטאָן זיך אין זעק. די זאַך איז דערגאַנגען ביז צום קעניג פון נינוה, איז ער אַראָפּ פון זיין טראָן, האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם (קעניגלעכן) מלבוש, האָט זיך באַדעקט מיט אַ זאַק און זיך געזעצט אויף אַש. און ער האָט אַלאַרמירט און אָנגעזאָגט אין נינוה אין נאָמען פון קעניג און פון די הויכ־געשטעלטע, אַזוי צו זאָגן: מענטש און פי, רינד און שאָף זאָלן קיין זאַך ניט פאַרזוכן און ניט פיטערן זיך און קיין וואַסער ניט טרינקען. האָבן זיך די מענטשן און פי באַדעקט מיט זעק און די מענטשן האָבן שטאַרק געבעטן גאָט, האָבן זיך אָפּגעווענדט פון זייער שלעכטן וועג און פון דעם אָנגע־רויבטן גוטס, וואָס אין זייערע הענט... האָט גאָט דערזען זייערע טואונגען און אַז זיי האָבן זיך אָפּגעקערט פון זייער שלעכטן וועג, האָט ער חרטה געהאַט אויף די שלעכטס, וועלכע ער האָט פאַרזאָגט צו טאָן און ניט געטאָן״.[1]

אין דאָ קומט דער רירנדיקער און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיש באַלערנדיקער עפּילאָג: דער נביא פאַרשטייט ניט, צו וואָס האָט ער באַדאַרפט וואָרענען די אַשורישע הויפּט־שטאָט וועגן דעם חורבן וואָס דאַרף אויף איר קומען, ווי באַלד אַז ביי דער מינדסטער פאַרבעסערונג פון איר קעניג און בירגער איז דער אומגליק, ווייניקסטנס, אויף אַ צייט אויסגעמיטן געוואָרן. ער גלייבט איצט, אַז ער האָט לכתחילה גוט געטאָן, וואָס ער האָט געוואָלט אויסמיידן די שליחות. ער פאַרלירט דעם פאָדעם פון לאָגיק אין די געשעענישן און גייט אַרויס פון דער אַשורישער הויפּט־שטאָט, בויט זיך אויס דאָרטן אַ ביידל און גרייט זיך צו וואַרטן און אָבסערווירן, ווי די געשעענישן וועלן זיך ווייטער פונאַנדערוויקלען; און דאָ גיט אים די נאַטור אַליין אַ באַלערנדיקע לעקציע: עס איז דורך נאַכט אויסגעוואַקסן איבער זיין ביידל אַ ריצינוס־בוים און האָט אים געשיצט מיט זיין שאָטן פון די הייסע שטראַלן פון דער זון. פאַר טאָג זיינען אָבער געקומען ווערעם און האָבן אַרונטער־געריסן די וואָרצלען פון דעם ריצינוס־בוים און ער איז פאַרוועלקט גע־

[1] יונה ג, 5—10.

וואָרן, ניט געבנדיק מער קיין שאָטן דעם מידן יונה, און אַ הייסער טרוקע־נער מזרח־ווינט האָט אַ בלאָז געגעבן און דער נביא האָט געחלשט פון אָנמאַכט און האָט געבעטן אויף זיך דעם טויט. ער האָט זיך גענומען קלאָגן פאַר יהוה, וואָס האָט זיך ניט דערבאַרעמט אויפן ריצינוס־בוים און געלאָזט די ווערעם אויסצופרעסן זיינע וואָרצלען. און דאָ האָט יונה געהערט פון דער טיפעניש פון זיין געמיט די געוויסנפולע געטלעכע ווערטער:

„דו האָסט רחמנות אויפן ריצינוס־בוים, וואָס דו האָסט זיך אַרום אים ניט געמיט און ניט געכאָוועט אים, וואָס ער איז פאַר דער נאַכט אויסגע־וואַקסן און פאַר דער נאַכט צו גרונט געגאַנגען. ווי זאָל איך ניט רחמנות האָבן אויף דער גרויסער שטאָט נינוה, וואָס פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון 120 טויזנט מענטשן, וואָס ווייסן ניט (צו אונטערשיידן) צווישן רעכטס און לינקס [2] און פיל פי?!" [3]

דאָ קומט אין אַ פיינער בילדלעכער געשטאַלט דער געדאַנק פון קאָלעק־טיווער פאַראַנטוואָרטונג, די פאַראַנטוואָרטונג פון אומשולדיקע בירגער פאַר דער זינד פון זייער רעגירונג, ווי מיר האָבן אים געזען אויך אין דער ביבלישער דערציילונג וועגן דעם אונטערגאַנג פון די שטעט סדום און עמורה.[4]

*

מיט מער אַנטשלאָסנקייט ווי דער נביא יונה, זאָגט זיך אַרויס וועגן דעם נאָענטן קראַך פון דער אַשורישער גרויסמאַכט אַ צווייטער וואָרטזאָגער פון דער נביאישער באַוועגונג אין יענער צייט, דער נביא נחום פון אלקוש, פון וועלכן עס זיינען צו אונדז דערגאַנגען נאָר דריי קורצע קאַפּיטלעך.

דער נביא האָט געלעבט און געווירקט אין סוף פון דעם 8טן און אין אָנהייב פון 7טן פאַרקריסטלעכן יאָרהונדערט און האָט זיך אָפּגעגעבן דורכויס מיט דער אַשורישער פראַגע. ווי עס זענען משער אייניקע אָריענ־טאַליסטן, איז זיין היים אלקוש געווען אין גליל, וואָס איז אין זיין צייט צעשטערט און אָקופּירט געוואָרן דורכן מיליטער פון אַשורישן קעניג

[2] דאָס הייסט גאַנץ אומשולדיקע. [3] יונה ד׳, 4—11. [4] בראשית יח, 25.

שלמנאסר. דערמיט לאָזט זיך דערקלערן אפשר דעם נביאס שטאַרקער אויפברויז, וועלכער האָט זיך ניט געלאָזט אָפּשטעלן, און דער גליענדיקער נקמה־געפיל, מיט וועלכן ער האָט זיך געהאַט אַרויסגעזאָגט וועגן דעם נאָענטן פּאָליטישן אונטערגאַנג און חורבן פון דער הערשערישער אַשורישער הויפּטשטאָט נינוה, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר דער אַלמעכטיקסטער אין דער וועלט און האָט געוועלטיקט איבער די לענדער און פעלקער פון מיטל־ און מערב־אַזיע.

יהוה, דער גאָט פון גערעכטיקייט, איז דער גרעסטער פּיינט פון יעדער הערשערישער גרויסמאַכט, וואָס איז געוואָרן רייך און שטאַרק דורך רויב און פאַרשקלאַפונג פון קליינע און שוואַכע מדינות. ער איז פול מיט האָס און צאָרן צו איר. מיט זיין אייביקער און אומבאַגרענעצטער וועלטמאַכט צעשמעטערט ער די שטאַרקסטע טיראַנען, רואינירט די הערשאַפט פון גוואַלט און אכזריות. מיט אַן אַרויסרופערישער חוצפה האָבן די אַשורישע הערשער גערעדט צו די פעלקער און רעגירונגען פון די באַלאַגערטע שטעט. זיי האָבן טעראָריזירט פעלקער מיט דער ריזיקער קראַפט פון זייערע גוט באַוואָפנטע אַרמייען, מיט זייערע אייזערנע רייטוואָגנס, קוילן־וואַרפערס, שווערדן און וואַרף־שפּיזן. די ערד האָט געציטערט אונטער די פיס פון זייערע פערד און חיילות.

אָבער דאָס שטעלט ניט אָפּ דעם גורלדיקן גזר־דין פון יהוה וועגן דעם פּאָליטישן באַנקראָט, וואָס דערוואַרט די גרויזאַמע אונטערדריקער פון מענטשן. זייער מאַכט וועט קראַכן. יהוה איז אָפט געדולדיק צו די זינדיקע הערשער, ער לאָזט עס זאָלן זיך צייטיקן זייערע זינד, אַז דער כוס פון מענטשלעכע ליידן, וועלכע זיי פאַרשאַפן, זאָל זיך איבערגיסן איבער זיינע ברעגן, — אָבער דער טאָג פון חשבון און שטראָף מוז קומען. יהוה פאַרגיט ניט די זינד קעגן מענטש און פאָלק.

„אין שטורעם און געוויטער איז זיין וועג. דער וואָלקן איז דער שטויב פון זיינע פיס״.

אין זיין דינסט שטייען די סטיכישע כוחות פון דער נאַטור.

„ער צעבייזערט זיך איבערן ים און טריקנט אים אויס. אַלע טייכן

האָט ער פאַרוויסט... די בערג האָבן פאַר אים געשטורעמט און די הויכענישן האָבן זיך צעגאָסן".[5]

מיט צער און צאָרן, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ זון און וואָרט־זאָגער פון אַ שווער געליטענעם קליינעם פאָלק, אַ קרבן פון דער אַשורישער צעשטערערישער פּאָליטיק, און מיט אַ ניט פאַרבאַהאַלטענעם נקמה־געפיל שילדערט דער נביא נחום דעם אַנקומענדיקן אונטערגאַנג פון אַשורס הער־שאַפט. ער שטעלט זיך צּרויס ווי אַ וווּנדערבאַרער און באַגאַבטער באַטאַ־ליסט, אַ קינסטלעריש טרייער און רעאַליסטישער שילדערער פון מלחמות, פון מיליטערישע מאַרשן, פון שלאַכטפעלדער און פון דער באַלאַגערטער ריזן־שטאָט נינוה:

„דער אויפרייסער האָט מאַרשירט אַנטקעגן דיר, האָט באַלאַגערט די פעסטונג, אויסגעשפּרייט דעם וועג, אָנגעגורט די לענדן, אָנגעשטרענגט זיין קראַפט. ווידער האָט יהוה אַרויסגעבראַכט יעקבס שטאָלץ און ישראלס גרויסקייט, דען זיי האָבן באַרויבט דעם רויבער און פאַרשטערט זיינע פאַר־מעסטונגען, די שילדן פון זיינע העלדן רויטגעפאַרבט, די קריגס־מאַנשאַפטן אין פּורפּור, די רייטוואָגנס — אין פייערפלאַמען... איבער די פלעצער שלאָגן זיך אַרום, צעמישטע, די רייטוואָגנס, זיי רעשן איבער די גאַסן, זיי זעען אויס ווי פאַקעלן, זיי יאָגן זיך ווי בליצן. ער ברענגט אויף זיינע העלדן, זיי ווערן געשטרויכלט בשעת זייער אויפמאַרש. זיי איילן זיך צו דער מויער, עס איז גרייט די פאַרטיידיקונג. עס עפענען זיך די דאַמבעס פון די טייכן און דער פאַלאַץ ווערט פאַרטרונקען".[6]

יהוה, דער גאָט פון גערעכטיקייט, דער שיצער פון די שוואַכע און אונטערדריקטע פעלקער, דערשיינט דאָ אַלס גאָט פון נקמה.

„ער רעכנט זיך אָפּ מיט זיינע פיינט און היט זיין שנאה צו זיינע קעגנער. יהוה איז געדולדיק און גרויסמעכטיק, ער וואַשט אָבער ניט ריין, אין שטורעם און דראַנג איז זיין וועג".[7]

ער שטורעמט־אויף די נאַטור, דערוועקט אירע סטיכישע כוחות און

[5] נחום א, 3—4.
[6] נחום ב, 2—7.
[7] נחום א, 2—3.

וועגדט זיי קעגן די אונטערדריקער. ער ברעכט די כלומרשט שטאַרקע און אומבאַזיגבאַרע און דערפרייט די אונטערדריקטע.

יהוה דערלייזט די וועלט פון אַגרעסיע און בלוטפאַרגיסונג. ער ברענגט רו און אויפבוי די רואינירטע פעלקער און די פאַרוויסטע לענדער און, קודם כל, זיין אויסגעשאַכטענעם פאָלק און זיין חרוב געמאַכטן לאַנד.

„אַט שטייען שוין אויף די בערג פיס פון די אַנזאָגער וואָס דערקלערן (דעם אָנקומען פון) פרידן. ריכט אָפּ, יהודה, דיינע יום־טובים, באַצאָל דיינע נדרים, דען עס וועט מער ניט אָנקומען אויף דיר דער מנוול, ער איז אין גאַנצן פאַרשניטן געוואָרן״.[8]

אַזוי פאַרלירט ניט דער נביא נחום אין די שווערסטע מאָמענטן פון די ריזיקע פעלקער־מלחמות און בלוטיקע פאַרמעסטונגען דעם טיף פאַרוואָרצלטן גלויבן אין דעם צוקונפטיקן ענדגילטיקן זיג פון דער גערעכטיקייט איבער דער ברוטאַלער פיזישער קראַפט פון די אומגערעכטע.

[8] נחום ב, 1.

23. דער אויפשטייג פון דער באַבילאָנישער אימפּעריע. דער נביא ירמיהו

איידער עס זיינען נאָך געפאַלן די מויערן פון דער הויפּטשטאָט נינוה אונטערן שטורעם פון די באַבילאָניער, זיינען שוין אויפגעקומען אַנדערע קאָנקורירנדיקע כוחות, וואָס האָבן זיך פּאַרמאָסטן אַרויסצורייסן דעם פעלקער־רויב פון מויל פון גוססדיקן אַשורישן לייב. קליין אַזיע, סוריא און ארץ־ישראל איז איצט אויסגעקומען אויסצוהאַלטן דעם פּאָליטישן דרוק פון צוויי אַנדערע אַגרעסאָרן: פון צפון זיינען אַריינגעדרונגען אין נאָענטן מזרח די סקיטן, וואָס זיינען אָנגעקומען אַהער פון דרום־אייראָפּע דורך די קאווקאַזער בערג. פון דרום זיינען אָנגעקומען עגיפּטישע חיילות, וואָס האָבן איצט געפּרוּווט פאַרנעמען די מערב־אַזיאַטישע פּראָווינצן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעגליטשט פון אַשורס הענט.

דאָס ערשטע לאַנד, וואָס האָט געמוזט זיך אָריענטירן אין דער קאָמפּליצירט געוואָרענער פּאָליטישער סיטואַציע פון נאָענטן מזרח איז געווען דאָס יהודה־לאַנד, וואָס האָט זיך געפונען אין דירעקטער שכנות מיט עגיפּטן. דער עגיפּטישער קעניג נכה האָט פאַרסירט מיט זיין אַרמיי די גרענעץ פון יהודה און האָט זיך געלאָזן אין דער ריכטונג פון אַשור־לאַנד. דער יהודה־קעניג יאשיהו האָט אים פאַרשטעלט מיט זיין אַרמיי דעם וועג און איז באַזיגט געוואָרן און געפאַלן אַליין אויפן שלאַכט־פעלד אין טאָל פון מגידו. — דאָס יהודה־לאַנד איז געווען געצוווּנגען אָנצונעמען די פּראָ־עגיפּטישע אָריענטאַציע.

און דאָ איז ערשט אָנגעקומען די העכסט טראַגישע תקופה אין דער פּאָליטישער געשיכטע פון יהודה־לאַנד. בבל, וואָס איז ביזן פאַלן פון נינוה געווען פּאָליטיש אָפּהענגיק פון אשור, האָט זיך איצט מיט איר גאַנצער באַפרייטער ענערגיע געלאָזן אויף די מערב־פּראָווינצן פון דער געפאַלענער

גרויסמאַכט, כדי ניט צו דערלאָזן זייער אָקופּאַציע דורך עגיפּטן. אויפן באָדן פון סוריא און ארץ־ישראל האָט איצט געדאַרפט פאַרקומען די באַגעגעניש פון די צוויי גרויסע אימפּעריעס פון דער דעמאָלטיקער וועלט.

אין יהודה האָבן זיך די מלוכה־פירער און הויף־לייט געוואָרפן פון איין קאָאַליציע צו דער צווייטער, ניט פאַרשטייענדיק, אַז פאַרן שעפּס איז אייגנטלעך קיין אונטערשייד ניט, צי עס וועט אים פאַרצוקן דער לייב אָדער דער אָדלער, אַז אין שטורעם פון די באַבילאָניש־עגיפּטישע מלחמות וועט זי אַלץ איינס אַריינפאַלן אין הערשאַפט־קרייז פון דעם שטאַרקערן, פון דעם זיגער.

מיט דעם דאָזיקן העכסט קריטישן מאָמענט אין דער פּאָליטישער געשיכטע פון יהודה־לאַנד האָט זיך זייער ערנסט באַשעפטיקט די נביאישע באַוועגונג פון יענער צייט, וואָס האָט, ווי שטענדיק, געשטיצט זיך, דער־הויפּט, אויף די לעבנס־אינטערעסן פון די פאָלקסמאַסן. דער אַקטיווער און באַוווסטזיניקער פאַרטרעטער פון דער באַוועגונג, דער נביא ירמיהו, האָט זיך ניט געלאָזט אָריענטירן, ניט אויף בבל און ניט אויף עגיפּטן. ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט קלאָר און דרייסט פאַר אַ נייטראַלער האַלטונג פון דער יהודה־רעגירונג אין זיינע קלוגע פּאָליטיש־געדאַכטע ווערטער:

„און איצט, צו וואָס דאַרפסטו גיין אויפן וועג קיין מצרים צו טרינקען דאָס וואַסער פון נילוס, און וואָס דאַרפסטו גיין אויפן וועג קיין אַשור צו טרינקען דאָס וואַסער פון טייך (יעופראַט)״.[1]

ער האָט גלייכצייטיק קריטיקירט שאַרף די פּאָליטיק פון פיזישער קראַפט, אַגרעסיע און פעלקער־פאַרשקלאַפונג און האָט, ווי פריער ישעיה און מיכה, געהאָפט און געטרוימט וועגן אַ צייט פון שלום און גערעכטיקייט, וועלכע וועט אָנקומען, וועגן אַ זון פון יושר און ווילשטאַנד, וואָס וועט אויפשטראַלן איבער די חורבות פון די פאַרוויסטע לענדער און איבער די אויסגעקוילעטע פעלקער פון דער וועלט.

פאַר אים איז געווען קלאָר, אַז דאָס יהודה־לאַנד וועט מוזן פאַלן אין

[1] ירמיהו ב, 18.

קאַמף מיט אַן אַ שיעור שטאַרקערע כוחות און אַז שטעלן זיך קעגן זיי איז ניט קיין העלדישקייט, נאָר אַן אומגליק. די ברייטע שיכטן פון פאָלק אין שטאָט און אין דאָרף, די אָרעמקייט, די דלת־העם, דאַרפן ניט צעריבן און אויסגעקוילעט ווערן אין די אומגלייכע שלאַכטן, בפרט, אַז ניט קעגן זיי איז געווענדט דער שווערפּונקט פון דער אַגרעסיווער פּאָליטיק פון די גרויסמאַכטן.

סיי תגלת פלאסר דער דריטער, שלמנאסר און סנחריב פון אַשור און סיי פרעה נכה פון עגיפּטן — אַלע האָבן זיי זיך, סוף־כל־סוף, געוואָרפן אויף די גאָלד־אוצרות פון די מלכים, אויף די פּאַלאַצן פון די רייכע, אויף די גרעסערע ווירטשאַפטן פון די גוטבאַזיצער. די קליינע אָרעמע הייזלעך פון די פּויערן און האַנטווערקער האָבן ווייניק וואָס צוגעצויגן זייער אויג. שרעקן זיך פאַר די אָקופּאַנטן האָט דעריבער באַדאַרפט, דער עיקר, די הערשנדיקע אַריסטאָקראַטיע. אָבער זי האָט דאָך אין אַ פולער מאָס פאַר־דינט אַזאַ שטראָף. איר פאַרמעגן גופא, וואָס האָט איצט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אָקופּאַנט, איז געווען, אייגנטלעך, אַ פּראָדוקט פון גזילה און פאַרקנעכטונג פון איר אייגענעם פאָלק.

ירמיהוס נביאישער אַרויסטריט האָט זיך אָנגעהויבן נאָך ביים לעבן פון קעניג יאשיהו און ער האָט אפשר אין זיין יוגנט שוין געהערט צו דעם קרייז נביאים, אין דער שפּיץ פון וועלכן עס איז געשטאַנען די דערמאָנטע נביאה חולדה. יעדנפאַלס, הייסט עס אין אַריינפיר צו זיין בוך:

„דאָס זיינען די ווערטער פון ירמיהו, דעם זון פון חלקיהו, פון די כוהנים אין ענתות אין בנימין־לאַנד, צו וועמען יהוהס וואָרט איז געווען אין דער צייט פון יהודה־קעניג יאשיהו, דעם זון פון אמון, אין זיין דרייצנטן מלוכה־יאָר. עס איז געווען (אויך) אין דער צייט פון יהודה־קעניג יהויקים, יאשיהוס זון, ביז צום עלפטן יאָר פון יהודה־קעניג צדקיהו, יאשיהוס זון, ביז צום פינפטן חודש, ווען ירושלים איז פאַרטריבן געוואָרן".[2]

הגם אין זיין צייט האָבן זיך אַלץ געפירט רדיפות קעגן די נביאים און זייערע אַרויסטרעטונגען, איז ער, נאָך פאַר דער טרויעריקער שלאַכט

[2] ירמיה א, 1—3.

ביי מגידו, דרייסט אַרויסגעטראָטן פאַרן קעניג יאשיהו און האָט געוואָרנט וועגן דער אומפאַרמיידלעכער געפאַר, וואָס גרייט זיך ביי דער צפון־גרענעץ פון לאַנד.

„פון צפון וועט אויסברעכן דער אומגליק אויף אַלע איינוווינער פון לאַנד. איך רוף דעם גאַנצן בונד פון די צפונדיקע מדינות — זאָגט יהוה — זיי וועלן קומען און וועלן יעדערע אַוועקשטעלן איר שטול אין די טויערן פון ירושלים און אויף אירע מויערן ארום און אויף אַלע שטעט פון יהודה״.[3]

אין אַ ריי פלאַמיקע רעדעס האָט ער געמאָלט מיט טראַגישע פאַרבן די פאַרוויסטונג, דעם הונגער און נויט, וועלכע עס וועלן אויספאַלן אויפן גורל פון ירושלים בעת דער באַלאַגערונג און עס פייניקט אים אָן אַ שיעור דער באַוווסטזיין, אַז ווען די הויפּטשטאָט און דאָס גאַנצע לאַנד וואָלטן נישט זיין אַזוי רואינירט עקאָנאָמיש און מאָראַליש צוליב דער שולד פון דער אומגערעכטער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואָלט געווען מעגלעך אָפּצוּ־וועגדן אָדער, ווייניקסטנס, בײַשטיין שטאָלץ די דראָענדיקע אָקופּאַציע.

איז לא די וואָס גניבה, גזילה, תאווה צו רייכקייט, באַשטעכונג, אונ־טערדריקונג און פאַרקנעכטונג האָבן זיך פאַרשפּרייט אין לאַנד ביי קליין און גרויס, טרעטן נאָך אַרויס פאַרפירערישע אומפאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן, „פאַלשע נביאים״, וועלכע פרוון איינרעדן דאָס פאָלק, אַז עס דראָט אים נישט קיין געפאַר.

„זיי ווילן אויף אַ לייכטן אופן היילן דעם בראָך פון מיין פאָלק, זיי רופן אויס: „שלום! שלום!, — אָבער קיין שלום איז ניטאָ״.[4]

ער גלייבט נאָך אויך איצט, אַז דאָס פאָלק קאָן היילן זיינע וווּנדן, שטאַרקן זיינע כוחות און בילדן אַ שטאַנדהאַפטע קראַפט קעגן אַלע זיינע קעגנער, ווען ער וועט אין גרונד בייטן די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג אין לאַנד.

„טרויט ניט די פאַלשע רייד. ווען איר וועט פאַרבעסערן אייערע וועגן און טאָטן, ווען איר וועט (ערלעך) משפטן צווישן מענטש און מענטש,

[3] ירמיהו א, 14—15. [4] ירמיהו ו, 14.

ווען איר וועט ניט באַרויבן קיין יתום און קיין אלמנה און וועט דאָ אויפן אָרט ניט פאַרגיסן קיין אומשולדיק בלוט און ניט גיין נאָך אַנדערע געטער צו אייער אומגליק, וועל איך לאָזן אייך זיצן אויף דעם אָרט, אין דעם לאַנד, וואָס איך האָב געגעבן אייערע עלטערן אויף אייביקע צייטן".[5]

מעגלעך, אַז די וואָרענונגען ירמיהוס זיינען נאָך געזאָגט געוואָרן בערך 15 יאָר פאַר דער באַבילאָנישער אָקופּאַציע, ווען דאָס לאַנד האָט נאָך געקאָנט שטאַרקן זיך עקאָנאָמיש און סאָציאַל און באַהעפטן אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג אַרום דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד.

אָבער ניט נאָר יאשיהו, וואָס האָט ניט געזען אַזוי דייטלעך די געפאַר פון דער באַבילאָנישער אָקופּאַציע, נאָר אויך זיינע קעניגלעכע יורשים, די זין יהויקים און צדקיהו האָבן מיט פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן ירמיהוס וואָרענונגען.

און ניט נאָר דאָס אַליין: פאַר זיין קלאָרער און פאַרזיכטיקער אָריענטאַציע און פאַר זיינע דרייסטע וואָרענונגען און אָפענער קריטיק, איז דער נביא ירמיה שווער גערודפט געוואָרן, פיזיש געפּייניקט געוואָרן און אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ גרוב, אין אַ פינצטערן קאַרצער אין הויף פון ירושלימער מלוכה־געפענגעניש — דעם חצר־המטרה. שפּעטער, ווען ירושלים איז שוין אָקופּירט געוואָרן דורך די באַבילאָניער, האָט דער שווער ליידנדיקער נביא געמוזט זוכן זיך אַ צופלוכט פון זיין אייגענער באַנקראָטירטער רעגירונג און פון די באַבילאָנישע אָקופּאַנטן.

אין ירמיהוס נבואה־אַרויסטרעטונגען קומט אויף אויך אַ קלאַסן־מאָמענט: אַ קליינע, שטאַרקע און רייכע גרופּע כוהנים, פּראָפעסיאָנעלע טעמפּל־באַאַמטע און דינער האָבן זיך אין משך פון פיל דורות באַפעסטיקט אין זייערע אַמטן. די קרבנות און נאַטור־שטייערן, ווי אויך אַ באַדייטנדער טייל פון דעם פאָלקס־שטייער „משאת משה", פלעגן זיי פאַרטיילן צווישן די פּראָמינענטע כוהנים־משפּחות. זיי האָבן אויך געהאַט גרויסע נחלאות אין דער געגנט פון ירושלים. אין קעגנזאַץ צו דעם זיינען די פּראָווינציאָנעלע כוהנים־משפּחות, וואָס זיינען געווען דערווייטערט פון טעמפּל־דינסט,

[5] ירמיה ז, 4—7.

געווען באַדנלאָז און מאַטעריעל אָרעם און האָבן געבילדעט אַן אָפּאָזיציע צו די ירושלימער רייכע כוהנים.

צו אַזאַ פּראָווינציאַנעלער כוהנים־משפחה פון דער שטאָט ענתות האָט געהערט אויך ירמיה. ער איז געווען דער וואָרטזאָגער פון די באַעוולטע פּראָווינציעלע כוהנים־משפחות און איז דעריבער מיט נאָך אַ שטאַרקערער קראַפט געזוכט געוואָרן דורך דער ירושלימער כוהנים־אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט שטאַל־און־אייזן אונטערשטיצט די פּאָליטיק פון די לעצטע קעניגן.

אַלע זיינע שטורמישע אַרויסטרעטונגען פון יענער צייט זענען דורכ־געדרונגען מיט אַ טיפער טראַגיק:

„איך שטאַרק איבער די אומעט, מיין האַרץ טוט מיר וויי. דער געשריי פון פאָלק דערגייט צו מיר פון דער וויטן... פון פאָלקס־בראָך בין איך צעבראָכן געוואָרן. איך בין פאַרפינסטערט געוואָרן, אַ וויסטעניש האָט מיך אָנגעכאַפּט. איז דען ניטאָ קיין באַלזאַם אין גלעד? איז דען דאָרטן קיין רופא ניטאָ? פאַרוואָס איז ניט געפונען געוואָרן קיין רפואה פאַר מיין פאָלק?! ווען מיין קאָפּ וואָלט געווען פול מיט וואַסער און מיין אויג אַ טרערן־קוואַל, וואָלט איך טאָג און נאַכט באַוויינט די דערשלאָגענע פון מיין פאָלק״.[6]

אין איינער פון זיינע פאַרצווייפלטע רעדעס אין יענער צייט שרייט אויס דער נביא ירמיה:

„ווער גיט מיר אַ נאַכט־לאַגער אין מדבר,
איך וואָלט פאַרלאָזן מיין פאָלק און אַוועק פון זיי.
אַלע זיינען זיי הולטייעס, אַ פאַררעטער־באַנדע...
היט זיך יעדערער פאַר זיין פריינט,
פאַרטרויט זיך ניט אויף אַ ברודער,
אַ ברודער נאַרט אָפּ,
אַ פריינט פאַרראַט״.[7]

[6] ירמיהו ח, 18—23. [7] ירמיהו ט, 1—3.

דעם נביא ירמיהו אַליין האָבן שווער פאַרראַטן זיינע אייגענע שטאָט־לייט, די איינוווינער פון דער שטאָט ענתות. זיי האָבן אים ניט איין מאָל געוואָלט אַרויסגעבן דער קעניגלעכער פּאָליציי פאַר זיינע דרייסטע און טיף פּאַטריאָטישע רעדעס. אין ירושלים האָט אים דאָס פאָלק, צו וועלכן ער האָט גערעדט, ניט איין מאָל אַרויסגעגעבן אין די הענט פון די טעמפּל־פּירער און מלוכה־באַאַמטע.

זיין אַנטוישונג אין דעם פאָלק, פאַר וועלכן ער האָט מיט אַזאַ גליענ־דער ליבע געמיט זיך און געקעמפּט, איז אָפּט מאָל דערגאַנגען צו אַזאַ צושטאַנד, אַז ער האָט אַפילו געשאָלטן זיין לעבן און געבעטן אויף זיך דעם טויט:

פאַרשאָלטן זאָל זיין דער טאָג, אין וועלכן איך בין געבאָרן,
דער טאָג, ווען מיין מוטער האָט מיך געבאָרן, זאָל ניט זיין געבענטשט,
פאַרשאָלטן זאָל זיין ווער עס האָט אָנגעזאָגט מיין פאָטער —
ביי דיר איז אַ יינגל געבאָרן, — ער האָט אים כלומרשט דערפרייט!
פאַר וואָס האָט מען מיך ניט געטויט אין מוטער־לייב?
וואָלט מיין מוטער מיר אַ קבר געווען
און איר מוטער־לייב — אַן אייביקע שוואַנגערשאַפט!
פאַר וואָס בין איך אַרויס פון מוטער־לייב צו זען פּיין און אומעט,
און אין שאַנד פאַרגייען מיינע טעג!״[8]

ער באַזינגט, ער שטאַרקט איבער דעם געפיל פון פאַרביטערונג פון יאוש. ער צעמענטירט אין זיך די נביאישע אידייע פון דערלייזונג, פון גערעכטיקייט, וואָס וועט באַלייכטן די וועלט נאָך דעם, ווען זי וועט זיך האָבן אויסגעלעבט און אויסגעליטערט פון אירע שווערע און בלוטיקע גערענגלענישן.

אין דער צייט פון קעניג צדקיהו, פאַרן אָנהייב פון דער באַבילאָנישער באַלאַגערונג פון ירושלים, האָט ירמיה אין איינער פון זיינע רעדעס, וועלכע זיינען געווען געווענדעט צום קעניג, געזאָגט:

[8] ירמיה כ, 14—18.

„אַזוי האָט געזאָגט יהוה:

„גיי אין פּאַלאַץ פון יהודהס קעניג און האַלט דאָרטן פאָלגנדיקע רעדע און זאָג אַזוי: הער יהוהס וואָרט, דו קעניג פון יהודה, וואָס דו זיצסט אויף דודס טראָן, און אויך דיינע באַאַמטע און דיין פאָלק, וואָס קומען אַריין אין די דאָזיקע טויערן: אַזוי האָט יהוה געזאָגט: טוט רעכט און גערעכטיקייט, ראַטעוועט דעם באַרויבטן פון דעם רויבערס האַנט, נאַרט ניט דעם פרעמדן, דעם יתום און די אלמנה, גזלט ניט, פאַרגיסט ניט קיין ריינע בלוט אין דעם אָרט. וועט איר אַזוי טאָן, וועלן אין די טויערן פון דעם הויז אַריינקומען מלכים, וואָס וועלן זיצן אויף דודס טראָן... ווען איר וועט אָבער ניט צוהערן זיך צו די דאָזיקע ווערטער, שווער איך — זאָגט יהוה — אַז פאַרוויסט וועט ווערן דער דאָזיקער פּאַלאַץ...[9]

„ווי צו דעם, וואָס בויט זיין הויז (פּאַלאַץ) אָן גערעכטיקייט און זיינע טעראַסעס — אָן רעכט, וואָס לאָזט אַרבעטן דעם צווייטן אומזיסט און גיט אים ניט זיין אַרבעטס־לוין... (ווי איז דעם), וואָס טראַכט, איך וועל מיר אויפבויען אַ קאָלאָסאַלן פּאַלאַץ און באַקוועמע טעראַסעס, דורכהאַקן פענצטער, צודעקן מיט צעדער־האָלץ און אויספאַרבן מיט פאַרב!...

„וועסטו דען אָנהאַלטן דיין קעניגטום? קאָנסטו דען דיך גלייכן צו דיין גרויסן פאָטער (יאשיהו)? ער האָט געגעסן און געטרונקען און געטאָן רעכט און גערעכטיקייט, — איז אים גוט געווען. ער האָט געמשפּט אָרעמע און אומפאַרמעגלעכע — איז אים גוט געווען... דיינע אויגן און דיין האַרץ זיינען אָבער (געווענדט) נאָר צו דיין האָב־און־גוטס און צו פאַרגיסן אומשולדיק בלוט, צו גזלענען און צו ראַבעווען״.[10]

אַפילו אין די רעדעס פון דער באַלאַגערונגס־צייט, וואָס זיינען אָנגעזאַפּט מיט טיפער פאַרביטערונג אויף דעם מצב אין לאַנד, ווייזט דער נביא ירמיהו נאָך אָן אַן אויסוועג פון דער לאַגע: טאָן גוטס דעם פאָלק, באַזייטיקן אומרעכט און אונטערדריקונג, פאַרשיטן דעם תהום צווישן דעם לוקסוס פון די רייכע און דעם הונגער פון די אָרעמע. דער נביא גלייבט

[9] ירמיה כ״ב, 1—5. [10] ירמיהו כ״ב, 13—17.

נאָך, אַז דאָס פֿאָלק, וואָס וועט לעבן אונטער דער פירונג פֿון ערלעכע פֿאַרשטענדיקע רעגירער און וואָס וועט אָפּשאָפן אַלע געזעלשאַפטלעכע עוולות און קעגנזאַצן, וועט קאָנען אויך מיט פֿאַראייניקטע כוחות ביישטיין אַנטקעגן דעם אָנגריף פֿון די אָקופּאַנטן און אַרויסגיין גאַנץ און פֿריי פֿון די שווערע קריזיסן, וואָס באַהערשן אַלע לענדער פֿון נאָענטן מזרח, ער וועט שטיין פֿעסט אַנטקעגן דעם שונא אין די מויערן.

דער קעניג יהויקים איז אָבער געבליבן טויב און שטום צו די וואָרע־נונגען און פֿאָרשלאָגן פֿון דעם נביא ירמיהו. די לאַגע אין ירושלים און אין גאַנצן יהודה־לאַנד איז געוואָרן מיט יעדן טאָג קריטישער פֿון אינע־ווייניק און געפֿערלעכער פֿון דרויסן.

דער קעניג יהויקים איז געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק דאָס פֿאָלק אין אַן אויסערגעוויינלעך שווערער לאַגע. די באַלאַגערונג פֿון ירושלים מצד דעם באַבילאָנישן מיליטער, וואָס האָט זיך נאָך אָנגעהויבן ביי זיין לעבן, איז געוואָרן אַלץ שווערער. די פֿעסטונגען אַרום דער הויפּטשטאָט, וועלכע מען האָט געבויט טאָג און נאַכט, האָבן ניט אויסגעהאַלטן די באָמבאַרדירונג פֿון די „אייזערנע באַראַנעס" פֿון די בבלים און האָבן זיך געשפּאָלטן. די שווערד און דער הונגער האָבן געבראַכט מיט יעדן טאָג אַלץ נייע קרבנות, און ווען דער לעצטער קעניג פֿון יהודה צדקיהו, פֿאַרצווייפֿלט און פֿאַרלאָרן פֿון דעם ניט אויסמיידבאַרן פֿאָלקס־אומגליק, שיקט זיינע שליחים צום — נאָך נעכטן אין פֿייכטן גרוב געפּייניקטן — נביא ירמיהו, כדי צו בעטן ביי אים אַן עצה און הילף, ווענדט זיך דער נביא צו די קעניגלעכע שליחים מיט פֿאָלגנדיקער רעדע, וואָס קלינגט אַלס ענדגילטיקער גזר־דין. ער האָט געזאָגט:

„זאָגט אַזוי צו צדקיהון: אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער גאָט פֿון ישראל: איך ווענד אום דאָס געווער, וואָס אין אייערע הענט, מיט וועלכן איר קעמפֿט קעגן דעם באַבילאָנישן קעניג און די כאַלדייער, וועלכע באַלאַגערן אייך פֿון יענער זייט מויער, איך וועל זיי אַריינברענגען אין שטאָט אַריין און וועל אַליין מיט איר מלחמה האַלטן מיט אַן אויסגע־שטרעקטער האַנט און מיט אַ שטאַרקן אָרעם און מיט גרויס צאָרן און איך וועל שלאָגן די איינוווינער פֿון שטאָט. פֿון אַן עפּידעמיע וועלן זיי

שטאַרבן, און דערנאָך — זאָגט יהוה — וועל איך איבערגעבן צדקיהון, דעם קעניג פון יהודה, און זיינע באַאַמטע און דאָס פאָלק, וואָס וועט איבער־בלייבן אין שטאָט פון דער עפידעמיע, פון שווערד און פון הונגער, אין האַנט פון נבוכדנצר, דעם קעניג פון בבל...״ [11]

און אַפילו די דאָזיקע רעדע, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אין דער העכסט קריטישער צייט פאַרן יהודה־לאַנד, ווען עס איז ניט געבליבן די מינדסטע האָפענונג אויף אויסמיידן די באַבילאָנישע אָקופּאַציע און די פאַרקנעכטונג פון לאַנד מצד דער ניי אויפגעקומענער טריומפירנדיקער גרויסמאַכט, — אויך די דאָזיקע רעדע ענדיקט זיך מיט אַן אָנווייזונג אויף אַן אַנדערן, בעסערן געזעלשאַפטלעכן סדר:

„איר, הויז פון דוד: שאַפט פון פרימאָרגן (ד. ה. באַצייטנס) רעכט, ראַטעוועט דעם באַרויבטן פון דעם רויבערס האַנט, עס זאָל ניט אַרויס מיין צאָרן ווי פייער און ניט ברענען, ניט צום פאַרלעשן, פאַר אייערע שלעכטע מעשים״.[12]

און דאָ, ווי אין פיל אַנדערע אַרויסטרעטונגען פון די נביאים, קומט אויף דער געדאַנק פון געשיכטלעכער שטראָף און פאַרגעלטונג.

די גוואַלט־טאַטן און אכזריותדיקע אָנפאַלן פון די גרויסמאַכטן אויף קליינע מדינות קומען ניט סתם פון זיך, נאָר צוליב זייערע תאוות צו הערשאַפט.

די אויפקומענדיקע גרויסמאַכטן גילטן אין די אויגן פון נביא אַלס פון גאָט באַרופענע און באַשטימטע שטראָף־עקספּעדיציעס אַנטקעגן פעלקער, וואָס האָבן ניט פאַרשטאַנען צו לעבן אין גערעכטיקייט און מענטשלעכקייט.

אשור, בבל, מצרים — זיינען ניט מער ווי אינסטרומענטן פאַרן געט־לעכן צאָרן, שטעקנס, מיט וועלכע ער שלאָגט זינדיקע פעלקער, ראַמט אָפּ פון וועג פאַלשע באַציונגען פון מענטש צו מענטש.

אויך די זיגרייכע באַבילאָנישע חיילות זיינען ניט מער ווי אַ ווערקצייג אין דער האַנט פון יהוה, פון דער וועלט־געשיכטע. היינט קומען זיי אויף,

[11] ירמיה כא, 4—7. [12] ירמיה כא, 12.

פֿאַרנעמען לענדער און געוועלטיקן, מאָרגן וועלן זיי אַראָפּגיין פֿון דער וועלט־אַרענע, נאָך דעם ווי זיי וועלן דערפֿילן זייערע פֿונקציעס.

פֿאַר איינער פֿון ירמיהוס שאַרפֿע רעדעס, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן אונטערן גערויש פֿון די באַבילאָנישע קוילן־וואָרפֿערס, האָבן די קעניגלעכע באַאַמטע געכאַפּט דעם נביא און אַריינגעוואָרפֿן אים אין אַ פֿינצטערער אונטערערדישער תפֿיסה, וואָס איז געווען באַשטימט פֿאַר שווערע מלוכה־פֿאַרברעכערס. עס איז אים געמאַכט געוואָרן דער פֿאָרוואורף, וועלכער ווערט אומעטום און אין אַלע צייטן געמאַכט די אַנטימיליטאַריסטן, אַז ער שוואַכט אָפּ מיט זיינע רעדעס אין דער העכסט ערנסטער צייט דעם קאַמפֿס־מוט און די קאַמפֿס־גרייטקייט פֿון דעם שווער געפּרוווטן יהודהס חייל.

אַ צייט האָבן נאָך די שווערד און דער הונגער געהערשט אַרום דער תפֿיסה פֿון באַלאַגערטן ירושלים, ווו דער נביא איז געווען לעבעדיקערהייט באַגראָבן.

די אַלע קרבנות און די מיליטערישע אָנשטרענגונגען פֿון לעצטן מאָ־מענט זיינען געווען אומזיסט. ירושלים איז גיך געפֿאַלן און די מלוכישע און מיליטערישע כוחות, וואָס האָבן זיך נאָך געראַנגלט פֿאַר די לעצטע שפּורן פֿון מאַכט און הערשאַפֿט, זיינען אָוועקגעפֿירט געוואָרן געפֿאַנגענע און די איינגענומענע הויפּטשטאָט מיט אירע פּאַלאַצן און דער פּרעכטיקער טעמפּל פֿון קעניג שלמהס צייטן זיינען פֿאַרברענט געוואָרן אין פֿייער.

די פֿאָלקסמאַסן אין דער פּראָווינץ, וואָס זיינען געזעסן אויפֿן פֿרייען לאַנד אין די בערג און טאָלן און זיך פֿאַרנומען מיט ערד־אַרבעט און גערטנעריי, האָבן זיך קאָנטיק אָן ווידערשטאַנד אונטערגעגעבן דעם באַ־בילאָנישן מיליטער און זיי איז דערלויבט געוואָרן צו בלייבן אין זייערע היימען און פֿאַרנעמען זיך ווייטער מיט זייער פֿרידלעכער אַרבעט. די דאָזיקע, אין דער ביבל אָנגערופֿענע „דלת־העם" — „פֿאָלקס־אָרעמקייט", זיינען געבליבן פֿאַרוואָרצלט אין לאַנד און געדינט דערנאָך אַלס באַזיס פֿאַרן באַנייטן יישוב, ווען די שטורמען פֿון דער באַבילאָנישער און שפּע־טער פֿון דער פּערסישער אָקופּאַציע האָבן זיך געהאַט אַריבערגעטראָגן איבער זייער פֿאָטערלאַנד.

נאָך דעם, ווי ירושלים איז איינגענומען געוואָרן, האָבן די אָקופּאַנטן

באַפרייט דעם נביא ירמיהו פון זיין תפיסה און אים, ווי אַלע אַנדערע בירגער פון שטאָט, געפירט געפאַנגען, אַ געשמידטן אין קייטן, קיין בבל. ערשט אין וועג האָט נבוזראדן, דער אָנפירער פון באַבילאָנישן מיליטער, אַראָפּגענומען פון אים די קייטן און געלאָזט אים גיין פריי אין דער וועלט אַריין. צי איז דאָס געשען דערפאַר, וואָס די באַבילאָנישע אָקופּאַנטן האָבן געפונען פאַר אומגערעכט צו באַשטראָפן דעם גייסטיק דערהויבענעם און גערודפטן פאָלקסמענטש, וואָס האָט פאָרויסגעזאָגט דאָס פאַלן פון ירושלים און האָט געראָטן פרייוויליק אונטערצוגעבן זיך; אָדער זיי האָבן געוואָלט אויסמיידן וועלכע ניט איז רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פון דעם נביא אין די לאַגערן פון די פאַרטריבענע.

איינס ווייסן מיר קלאָר, אַז באַלד נאָך זיין באַפרייונג האָט זיך ירמיהו אומגעקערט צוריק אין זיין פאָטערלאַנד. דאָרטן האָט זיך פאַר אים געעפנט אַ פעלד פאַר אַרבעט צווישן די מאַסן אין דער פּראָווינץ, וועלכע האָבן באַדאַרפט איצט פּאָליטיש זיך אויסניכטערן נאָכן פאַלן פון ירושלים. גדליהו בן אחיקם, וועלכער איז געוויס געווען אַן אָנהענגער פון דער נביאישער באַוועגונג, האָט זיך איצט אַוועקגעשטעלט אין דער שפּיץ פון דער אָרטיקער זעלבסטפאַרוואַלטונג. פאַר אַ פּאָליטישן צענטער איז איצט, אָנשטאָט דער חרוב געוואָרענער און אָקופּירטער הויפּטשטאָט ירושלים, אויסגעקליבן געוואָרן דער אַלטער צענטער פון דער ישראלדיקער דעמאָ־קראַטיע — מצפה. אַהין צו האָט גדליהו צונויפגערופן די פאָלקס־עלטסטע פון דער פּראָווינץ אויף צו באַטראַכטן די פראַגן פון פאָלקס־לעבן נאָך דער באַבילאָנישער אָקופּאַציע. ער האָט, קאָנטיק, געהאַט בדעה אויפצוקלייבן די צעזייטע און צעלאָפענע, צו היילן, ווי ווייט מעגלעך, די וווּנדן פון יישוב. מיט אים זיינען געווען אַ טייל פון די גענעראַלן פון דעם פאַרטיידיקונגס־קריג קעגן די באַבילאָניער, וועלכע עס האָט זיך איינגעגעבן אויסצומיידן די געפאַנגענשאַפט. דער פּראָוואָקאַטאָר ישמעאל בן נתניה האָט אָבער גע־טויט דעם פאָלקס־פירער און די ווייטערדיקע טריט צו אָרגאַניזירן די רעשטן פון דער באַפעלקערונג אין יהודה־לאַנד זיינען אונדז ביז היינט ניט באַקאַנט.

איינע פון די קלאַסישע ווערק פון דער נביאישער ליטעראַטור, וואָס

ווערט צוגעשריבן דעם גרויסן נביא פון דער צייט פון דער באַבילאָנישער אָקופּאַציע, דעם נביא ירמיהו, איז דאָס גרויסע קלאָג־ליד אויפן חורבן פון ירושלים, וועלכע ווערט עד־היום געלייענט מיט טיפן טרויער און טרערן אין אַלע יידישע געמיינדעס אין דער וועלט אין דעם טרויער־טאָג, דעם ניינטן טאָג פון חודש אב — תשעה באב.

זעלטן ווען די איבערלעבענישן פון אַ באַלאַגערטער שטאָט, וואָס אירע בירגער שמאַכטן אין הונגער און נויט און בלוטיקן אין די לעצטע קאַמפן קעגן שטאַרקן אָקופּאַנט, זאָלן אַזוי גייסטרייך און שטימונגספול באַשריבן ווערן, ווי דאָס איז באַשריבן אין דעם קלאַסישן איכה־קלאָג־ליד.

אין אַ בילדלעכער עלעגישער שפּראַך און אין אויסגעהאַלטענעם נביאישן סטיל איז געשריבן דאָס גרויסע קלאָג־ליד. היסטאָריקער און קונסט־קריטיקער, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פאָרשונגען איבער דער פּער־זענלעכקייט פון דעם נביא און זיינע אַרויסטרעטונגען, שטעלן זיך פאַר כמעט מיט פולער זיכערקייט ווי אין צעריסענע קליידער, אַ מידער פון יסורים און טרערן, וואַנדערט דער נביא איבער די רואינען פון צעשטערטן ירושלים, איבער צעשטערטע היימען, וויסטע וועגן, צעבראָכענע טויערן. ער וויינט אויס זיין צער, אַרויסטרעטנדיק פאַרן רעשט פון פאָלק, און עד־היום שפּירן זיך אין דעם קלאָג־ליד די טרערן, וואָס רינען פון די אויגן פון דעם גרויסן פּאַטריאָט און רופן אַרויס טרערן ביי יעדן וואָס לייענט אים.

דאָס קלאָג־ליד הייבט זיך אָן מיט דער פראַגע:

„ווי איז (געשען) אַז די פיל באַפעלקערטע שטאָט איז געבליבן זיצן איינזאַם, איז געוואָרן גלייך צו אַן אלמנה?"

„די וואָס איז געווען גרויס צווישן די פעלקער, די האַרנטע צווישן די לענדער, איז באַלייגט געוואָרן מיט שטייערן?"

„זי טוט וויינען ביי דער נאַכט און איר טרער איז אויף איר באַק, ניטאָ ווער פון אירע ליבהאָבער זאָל זי טרייסטן."

„אַלע פריינט האָבן איר פאַרראַטן, זיינען געוואָרן אירע שונאים".[13]

[13] איכה א, 1—3.

און ער וויקלט פונאַנדער מיט אַ שטורמישן געפיל און מיט אַ זעלטע־נער בילדלעכקייט די פאָלקס־טראַגעדיע פון אויסגעקוילעטן פאָלק און פון זיין פאַרוויסטן היימלאַנד, ער פרעגט זיך, פאַרקלעמט:

„ווי אַזוי האָט גאָט אין זיין צאָרן אַזוי פאַראומערט די ציון־טאָכטער, אַראָפּגעוואָרפן פון הימל אויף דער ערד די פּראַכט פון ישׂראל?!״.[14]

און ער געפינט אַ טראָפּן טרייסט, ווען ער גיט צו:

„זאָל קומען דער פּאַרויס באַשטימטער טאָג און זיי זאָלן זיין ווי איך. זאָל קומען פאַר דיר, גאָט, זייער גאַנצע שלעכטקייט. טו זיי, ווי דו האָסט געטאָן מיר״.[15]

*

אין שאַרפע טראַגישע פאַרבן האָט דער נביא ירמיהו באַקלאָגט און געשילדערט דעם קראַך פון זיין הייס געליבטן פאָלק און פון ירושלים, וווּ ער האָט אַדורכגעלעבט זיין ערשטע יוגנט.

עס מוז אָבער אָפּגעוואָרפן ווערן לחלוטין די פאָרשטעלונג פון פיל היסטאָריקער, שרייבער און קינסטלער, וועלכע זעען דעם נביא ירמיהו אַלס אַ קלאַסישן קלאָגער און צווייפלער, וועלכע שילדערן אים, ווי ער וואַנדערט אַרום אַן אַנטוישטער און צעבראָכענער איבער די חורבות פון זיין צעשטערטן היימלאַנד.

דער יאוש און צווייפל זיינען אים געווען לחלוטין פרעמד, ווי אַלע אַנדערע נביאים.

ער מוטיקט אויף די דעפּאָרטירטע קיין בבל אין זיין פּרעכטיקן אָפּטי־מיסטישן בריוו צו זיי, וווּ ער שרייבט:

„בויט הייזער און זיצט, פלאַנצט גערטענער און עסט זייערע פרוכט. נעמט ווייבער און לאָזט געבוירן זין און טעכטער, נעמט פרויען פאַר אייערע זין און גיט אייערע טעכטער צו מענער, און זאָלן זיי געבאָרן זין און טעכטער, מערט זיך און מינדערט זיך ניט, און זאָרגט פאַרן שלום פון דער

[14] איכה ב, 1. [15] איכה א, 21—22.

שטאָט, און װעלכער איך האָב אײַך פאַרטריבן, און בעט פאַר איר צו יהוה, דען דורך איר פרידן וועט איר האָבן פרידן״.[16]

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז ער צווייפלט אין דעם צוקונפטיקן אויפקום פון זיין היימלאַנד און אַז ער זעט ניט אין פערספעקטיוו דעם אומקער פון די דעפּאָרטירטע.

נאָך אין דער צייט פון דער שווערער באַבילאָנישער באַלאַגערונג פון ירושלים, אין דער צייט פון קעניג יהויקים, ווען די דעפּאָרטאַציע פון דער ירושלימער באַפעלקערונג קיין בבל איז געווען אַ טרויעריקע אויסזיכט, דריקט זיך דער נביא אויס אין זיין אַלעגאָרישער רעדע:

„...איך וועל אויפזאַמלען דעם רעשט פון מיין שאָף פון אַלע לענדער, וווּהין איך האָב זיי פאַרשטויסן און וועל זיי אומקערן אין זייערע היימען און זיי וועלן זיך פרוכפּערן און מערן... עס קומען טעג — זאָגט יהוה — און איך וועל אַרויסברענגען אַ גערעכטע פלאַנצונג (אַ גערעכטן יורש) פון דודן און עס וועט קעניגן אַ פאַרשטענדיקער קעניג. ער וועט שאַפן אין לאַנד רעכט און גערעכטיקייט. אין זיין צייט וועט געהאָלפן ווערן יהודה, און ישראל וועט זיך אויסלעבן זיכער, און דער נאָמען, מיט וועלכן יהוה וועט אים אָנרופן, וועט זיין צדקנו — אונדזער גערעכטיקייט״.[17]

און אַלס בולטן באַווייז פאַר זיין אומגעבראָכענעם אָפּטימיזם קויפט דער נביא, נאָך זיצנדיק אַ געפיינִיקטער אין דער קעניגלעכער תפיסה, דעם ירושה־פאַרמעגן ביי זיין קוזין חנמאל אין דאָרף ענתות, שרייבט זיך אונטער און חתמעט זיך און באַצאָלט אין אָנוועזנהייט פון עדות דעם פרייז פון באָדן און זאָגט דייטלעך אין דער אָנוועזנהייט פון אַלע אַרעסטירטע צו זיין תלמיד ברוך, דעם זון פון נריה, ער זאָל דעם קויפבריוו אַריינלייגן אין אַ ליימענער כלי, כדי ער זאָל זיך האַלטן אַ לאַנגע צייט, „דען אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער אַלמעכטיקער גאָט פון ישראל. מען וועט נאָך אין דעם דאָזיקן לאַנד קויפן הייזער, פעלדער און וויינגערטנער״.[18]

אין דעם האָט דער נביא געפונען טרייסט און האָפענונג אין זיין לייד.

[16] ירמיה כט, 1—7. [17] ירמיה כג, 3—6. [18] ירמיה לב, 7—15.

צי איז דער נביא געשטאָרבן אין טראַגישער איינזאַמקייט אין זיין אָקופּירטן פאָטערלאַנד אָדער ערגעץ אין מצרישער עמיגראַציע? אָדער איז ער, לויט אַ לעגענדע, געשטייניקט געוואָרן דורך דעם פאָלקס־פאַררע־טערישן יידישן המון אין תחפנחס אין מצרים? יעדנפאַלס, איז אין דער געשיכטע פון דער נביאישער באַוועגונג פאַראייביקט זיין געשטאַלט פון אַ בראַוון און אָפּפערוויליקן קעמפער פאַר דעם אויפקום פון זיין לאַנד, וועלכער איז מיט טיפן טרויער אַראָפּ פון דער פאָליטישער אַרענע אין איינער פון די קריטישסטע צייטן אין דער געשיכטע פון זיין פאָלק.

24. דער נביא צפניה

אויך צפניה האָט געלעבט און געווירקט אין דער זעלבער צייט ווי ירמיהו.

די שווערע מפלה, וואָס קעניג יאשיהו און זיין מיליטער האָבן געליטן אין דער שלאַכט קעגן די עגיפּטער ביי מגידו, האָט צעשטערט די האָפע־נונג אויף פאַרווירקלעכן אין לעבן די אָנגענומענע פאָלקס־קאָנסטיטוציע פון די נביאים און איינצופירן אין לאַנד אַ גערעכטן סדר. די מפלה וואָס האָט געעפנט די גרענעצן פאַרן עגיפּטישן מיליטער און געדראָט מיט אַן עגיפּ־טישער אָקופּאַציע פון לאַנד, האָט זיך שווער אָפּגערופן אויף דער געזעל־שאַפטלעכקייט אין יהודה און האָט אַרויסגערופן אַן אויפגעבראַכטקייט אין די נביאישע קרייזן פון יענער צייט.

אַנשטאָט דער פריער טריומפירנדיקער האַלטונג פון דער נביאישער וואָרטזאָגערין חולדה, הערן מיר איצט פאַרביטערטע ווערטער פון דעם נביא צפניה, דעם זון פון כושי, דעם אוראייניקל פון חזקיה (אפשר פון דעם באַקאַנטן יהודה־קעניג). דער נביא טייטשט אויס און דערקלערט די טראַגישע געשעענישן און זעט פאָרויס זייער ווייטערדיקע אומפאַרמיידלעכע אַנטוויקלונג. אַנשטאָט דער טרייקייט, דער גערעכטיקייט און דעם פאָלקס־רעכט, וואָס ווערט פּערזאָניפיצירט דורך דער הערשאַפט פון יהוה און זיינע געזעצן, האָט זיך דאָס פאָלק אַריינגעצויגן אין די נאַטור־תאוות און ליידנשאַפטן, וואָס ווערן פּערזאָניפיצירט דורך דעם הערשנדיקן בעל־קולט. דער רעזולטאַט איז — די אָפּגעשוואַכטקייט, די פאַרוויסטונג און פּאָלי־טישע אונטערטעניקייט פון לאַנד. מענטש און נאַטור וועלן צוזאמען טראָגן זייער שטראָף. „אַזוי זאָגט יהוה: איך וועל אומברענגען מענטש און פי און פויגל פון הימל און פיש פון ים און אַלץ וואָס שטרויכלט די זינדיקע, און איך וועל פאַרשניידן די מענטשן פון דער אייבערפלאַך פון דער ערד און איך וועל ווענדן מיין האַנט צום לאַנד יהודה און צו אַלע איינוווינער פון ירושלים און וועל פאַרשניידן פון דעם דאָזיקן אָרט דעם רעשט פון

בעל (דינער) און די נעמען פון די פריסטער... און אין יענעם יהוהס שלאַכט־טאָג וועל איך זיך אָפּרעכענען מיט די האַרן און פּרינצן און מיט אַלע וואָס טוען זיך אָן אין פרעמדע קליידער. און איך וועל זיך אָפּרעכענען אין יענעם טאָג מיט די וואָס שפּרינגען איבערן שוועל,[1] וואָס פילן אָן דאָס הויז פון זייערע האַרן מיט גזילה און פאַלשקייט.[2]

און אויך די גלייכגילטיקע, די אָפּהענטיקע און צווייפלער וועלן ניט אויסמיידן די קאַטאַסטראָפע, וועלן ניט געשוינט ווערן: „זייער גוטס וועט זיין צערויבט, זייערע הייזער וויסט, זיי וועלן בויען הייזער און ניט וווינען אין זיי, וועלן פלאַנצן וויינגערטנער און ניט טרינקען זייער וויין. עס נענטערט זיך דער גרויסער טאָג פון יהוה״.[3]

אין זיין ווייטערדיקער רעדע קריטיקירט דער נביא צפניה דרייסט די הינטערשטעליקייט און צעלייגטקייט פון די איינצלנע קרייזן פון פאָלקס־פירער: „די האַרן אין איר (אין ירושלים) זיינען ווי שרייענדיקע לייבן, די ריכטער ווי נאַכט־וועלף, לאָזן קיין ביין ניט צום פרימאָרגן, די נביאים — שווינדלער און פאַררעטער, די כהנים האָבן פאַרשוועכט דאָס הייליקע, צערויבט די תורה״.[4]

און בעת צפניה שילדערט ווייטער מיט טיפן צער, אין אַ סטיל פון אַ מוסטערהאַפטן באַטאַליסט, די דראָענדיקע מלחמה־שרעק מצד די עגיפּטער, דערוועקט זיך אין אים אַ גרויס מיטלייד צו די ערלעכע און באַשיידענע, צו די אומשולדיקע אין דעם געפּאַלענעם לעבן אין לאַנד און ער פרוווט פאַר זיי אַרויסברענגען אַ טראָפּן פון האָפענונג און טרייסט: „בעט צו יהוה, איר באַשיידענע אין לאַנד, איר, וואָס האָט זיין רעכט געטאָן, בעט גערעכטיקייט, בעט באַשיידנקייט. אפשר וועט איר זיך אויסבאַהאַלטן אין דעם טאָג פון יהוהס צאָרן״.[5]

און די געפאַר פון עגיפּטישער אָקופּאַציע און פאַרוויסטונג פון מענ־

[1] די מיטלויפער און מיטאַרבעטער.
[2] צפניה א, 2—4, 8—9.
[3] צפניה א, 12—14. [4] צפניה ג, 3—4. די כוונה איז צו די „פאַלשע נביאים״.
[5] צפניה ב, 3.

טשן, שטעט און נאַטור דראָט, ווי עס זעט פאַר דער נביא, ניט נאָר ארץ־ישראל, דאָס נאָענטסטע גרענעץ־לאַנד מיט עגיפּטן, נאָר אויך אַלע לענ־דער, וואָס צווישן דעם זיגרייך אויפקומענדיקן עגיפּטן און דער אונטער־גייענדיקער אַסיריע. און שילדערנדיק די לאַגע און די טרויעריקע אויס־זיכטן פון די איינצלנע לענדער, מאַכט ער דעם טרויעריקן סך־הכל: „איך פאַרשנייד די פעלקער, עס ווערן וויסט זייערע ווינקלען, איך מאַך חרוב זייערע גאַסן, אָן פאַרבייגייער, עס ווערן פאַרכאַפּט זייערע שטעט, אָן מענטשן און אָן איינוווינער".[6]

ניט קוקנדיק אָבער אויף דער טרויעריקער ווירקלעכקייט, און דער גרויזאַמער דראָונג פון דער עגיפּטישער אַגרעסיע, ניט קוקנדיק אויף דעם שווערן קרבן, וואָס די פעלקער און, קודם כל, זיין אייגן פאָלק קומט אויס צו ברענגען אַלס שטראָף פאַר דער געזעלשאַפטלעכער שוואַכקייט און צעלייגטקייט, פאַר דעם מאַנגל פון אַ געשלאָסענער פעלקער־אחדות קעגן די שטאַרקע אָקופּאַנטן — בלייבט דער נביא, סוף־כל־סוף, דער גרויסער אָפּטימיסט בנוגע דער צוקונפט.

ער וויל, אמת, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך ערנסט אַריינטראַכטן אין דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, זאָל פון איר לערנען ווי צו פירן זיין לעבן אין דער צוקונפט. ער גלייבט דערביי כלל ניט אין דער ממשותדיקייט פון זער מאַכט־פּאָליטיק פון די פרעמדע אָקופּאַנטן. אין די בלוטיקע טעג, ווען אויף די זינדיקע פעלקער גיסט זיך אויס יהוהס גליענדיקער צאָרן, וועלן זיך די פעלקער אויפזאַמלען און באַקומען אַ קלאָרע שפּראַך און וועלן זיך אַלע, באַהעפטע צוזאַמען, קומען צו יהוה, דעם גאָט פון גערעכטיקייט. און נאָך דעם, אַז די שטאַרקע און אומגערעכטע וועלן אונטערגיין, „וועט פאַרבלייבן דאָס אָרעמע פאָלק, וואָס וועט געפינען זיין שוץ ביי יהוהן. און דער רעשט פון ישראל וועט ניט באַגיין קיין עוולות, וועט ניטריידן קיין ליגנס, וועט ניט פאַרמאָגן קיין פאַלשע שפּראַך אין מויל און זיי וועלן זיך אויסלעבן רואיק און קיינער וועט זיי ניט דראָען".[7]

[6] צפניה ג, 6.
[7] צפניה ג, 12—13.

און דאָ גייט איבער די טרויעריקע באַלאַדע פון נביאישן וואָרט אין אַ פריילעכער, שטורמישער סימפאָניע פון צוקונפטיקן גליק און פרייד:

„זינג, דו ציון־טאָכטער, שאַל, ישראל־פאָלק, פריי דיך פון גאַנצן האַרצן, טאָכטער פון ירושלים, יהוה האָט אָפּגעשאַפט דיינע אורטיילן, ער האָט באַזייטיקט דיין פיינט, דו, ישראל־קעניג, יהוה איז צווישן אייך, האָב מער קיין מורא ניט פאַר שלעכטס״.[8]

און דאָ האָבן זיך אָפּגעהאַקט די אַקאָרדן פון דעם טיפזיניקן וואָרט־זאָגער פון דער שווערער איבערגאַנגס־צייט אין לאַנד און אויפן נאָענטן מזרח. עס איז פאַרשטומט געוואָרן זיין קול, אָדער זיינע מוטיקע און טיפ־זיניקע רעדעס זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך די אייגענע באַנקראָ־טירטע הערשער, אָדער דורך די אַריינדרינגענדיקע אָקופּאַנטן. עס האָבן פון אים זיך דערהאַלטן נאָר דריי קאָנצענטרירטע גייסטרייכע קאַפּיטלעך. ווער ווייס, צי וועט נאָך ערגעץ אין מגילות, וועלכע וועלן אויפסניי אויפ־געדעקט ווערן ערגעץ ווו אין היילן פון די יהודה־בערג, ניט הערן זיך דערגענצנדיקע אַקאָרדן פון צפניהס אָפּגעשטעלטע נבואה־רייד.

[8] צפניה ג, 14—15.

25. די דעפּאָרטאַציע קיין בבל. דער אויפקום פון דער טעאָקראַטיע

די אַשורישע אָקופּאַציע פון דער ישראל־מלוכה אין יאָר 722 פאַר דער קריסטלעכער צייט און די באַבילאָנישע אָקופּאַציע פון דער יהודה־מלוכה אין יאָר 586 פאַר דער קריסטלעכער צייט האָבן שווער געטראָפן דעם פאָלקס־לעבן אין לאַנד. גרויסע טיילן פון פאָלק זיינען פאַרטריבן געוואָרן קיין אשור און בבל און נאָר אין אָפּגעלעגענע באַרג־און טאָל־געגנטן האָבן וויינגערטנער און פּויערן ווייטער פאַרגעזעצט גראָבלען זיך אויפן היימישן באָדן.

די לעצטע הערשער פון יהודה, יהויכין און צדקיהו, זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די אָקופּאַנטן: צדקיהו איז דורך זיי געטויט געוואָרן און יהויכין, וועלכער האָט געפירט אַ מעסיקערע פּאָליטיק, איז לאַנגע יאָרן געהאַלטן געוואָרן אין דער באַבילאָנישער תפיסה. אויך די פאָרשטייער פון דער רעגירונג און די הערשנדע קרייזן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון לאַנד.

דאָס פאַרטרייבן פון גרעסערע, דערהויפּט שטאָטישע פאָלקסמאַסן פון ארץ־ישראל דורך דער באַבילאָנישער אָקופּאַציע־מאַכט, האָט אויף אַ טראַגישן אופן באַשטעטיקט די וואָרענונגען פון די נביאים. נאָר אַן עקאָנאָמיש און מאָראַליש רואינירטע, פּאָליטיש אוממעכטיקע באַפעלקערונג, וועמענס הערשנדיקע עלעמענטן האָבן פאַררעטעריש מיטגעאַרבעט מיט דעם שטאַרקן פּאָליטישן פיינט פון אומאָפּהענגיקן פאָלק, האָט געקאָנט אַזוי לייכט, כמעט אָן ווידערשטאַנד, אַרויסגעריסן ווערן פון די שטעט און פאַרשטעט און דעפּאָרטירט ווערן אין פרעמדע לענדער.

מען דאַרף אָננעמען — אויפן יסוד פון די פאָרשונגען פון דער אַלט־צייטיקער געשיכטע און פון דער מלחמה־סטראַטעגיע פון די דעמאָלטיקע

גרויסמאַכטן, אַז די באַבילאָנישע אָקופּאַנטן זיינען געווען פאַראינטערע־סירט בעיקר צו ליקווידירן דעם פּאָליטישן צענטער פון דעם אָקופּירטן טראַנזיט־לאַנד, וואָס איז געלעגן אויף זייער וועג קיין עגיפּטן און אַז זיי האָבן געשווינט די דערפער אין שרון און אין יזרעאל־טאָל, וואָס האָבן באַדאַרפט אַ געוויסע צייט פּראָוויאַנטירן די דורכמאַרשירנדיקע באַבילאָנישע אַרמיי.

די דעמאָקראַטישע טענדענצן פון דער נביאישער שול זיינען איצט געווען — צו גיין צום דעפּאָרטירטן פאָלק אין די באַבילאָנישע גרענעץ־געביטן, געזעלשאַפטלעך פעסטיקן די סטיכיש אַנטשטאַנענע ישובים, מיט־העלפן דער אַנטוויקלונג פון זייער אינעווייניקסטער זעלבסטפאַרוואַלטונג, אונטערצופירן אויף אַ דערציערישן אופן די סך־הכלען פון דער באַנקראָ־טירטער פריערדיקער מלוכה־פּאָליטיק און ניט לאָזן דעם פאָלק אַריינצו־פאַלן אין אַ מצב פון יאוש און אַפּהענטיקייט.

עס מוז דערביי באַמערקט ווערן, אַז דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער באַדן אין די דעפּאָרטירטע ישובים איז געווען ווייניק גינסטיק פאַר די נביאישע אידייען. אַלס אַ געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע באַוועגונג האָט די נביאישע באַוועגונג געקאָנט וואַקסן און אַנטוויקלען זיך אויפן באָדן פון אַ זעלבשטענדיקער מדינה, ווו זי האָט געהאַט די אויפגאַבע צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די פאָלקסמאַסן. שטיצנדיק זיך אויף דער אידייע פון געזעלשאַפטלעכער גערעכטיקייט, האָט זי געהאַט פאַר אירע אויגן רעאַלע עקאָנאָמישע און גייסטיקע אינטערעסן פון דער אַלטעגלעכקייט.

מיט דער דעפּאָרטאַציע קיין בבל האָט די נביאישע באַוועגונג פאַקטיש פאַרלאָרן איר פּאָליטישן באַזיס. זי האָט זיך אָפּגעריסן פון דעם היימישן באָדן און האָט זיך אָנגעשטויסן אויף פּאָליטישע פאַקטאָרן פון דער באַבי־לאָנישער סביבה, אויף וועלכע זי האָט ניט געקאָנט האָבן קיין שליטה און קיין זיכערע ווירקונג.

די ישובים אין בבל, אין וועלכע דער גרעסטער טייל פון די דע־פּאָרטירטע האָט זיך געפונען מינדעסטנס 48 יאָר (פון 586 ביז 538, ביז צום פאַלן פון דער באַבילאָנישער הערשאַפט), זיינען געווען אָפּגעריסן פון ארץ־ישראלדיקן היימלאַנד און געפונען זיך אין אַ מצב פון עקאָנאָ־

מישער אָפּהענגיקייט און קולטור־שפּראַכלעכן איינפלוס פון די באַבילאָ־נישע מלוכה־צענטערס. דאָס פאָלק האָט זיך דאָרטן געהאַט עקאָנאָמיש און קולטורעל איינגעוואָרצלט, און די וואָרטזאָגער פון דער נביאישער דעמאָקראַטיע האָבן אויף אַ נאַטירלעכן אופן אונטערגעהאַלטן די דאָזיקע טענדענצן. זיי האָבן אָבער ניט געקאָנט פאַר קיין פאַל ביישטיין קעגן דער טעאָקראַטישער איינשטעלונג פון די געמיינדע־פירער אין די ישובים.

בעת אין דער תקופה פון זייער פּאָליטישן ווירקן, פאַר דער אָקופּאַ־ציע, האָבן זיי שטאַרק געהאַט קריטיקירט די הערשערישע טענדענצן פון דער פּריסטערשאַפט מיט איר צענטער אין ירושלימער טעמפּל, פון יענער פּריסטערשאַפט, וואָס האָט געמאַכט אַ יד־אחת מיט די קעניגן אין זייער פאַלשער מלוכה־פּאָליטיק, — האָבן זיי איצט ניט געקאָנט שטעלן זיך מיט דערפאָלג אַנטקעגן דער טענדענץ פון די געמיינדע־פירער צו פאַראייניקן און פעסטיקן די דעפאָרטירטע מאַסן אויפן באָדן פון טעאָ־קראַטישע אידייען, אויסצובויען אַ טעאָקראַטישע מלוכה־אָרדענונג, אין וועלכער די מאַכט זאָל אַריבערגיין פון די הענט פון די באַנקראָטירטע וועלטלעכע הערשער אין די הענט פון די רעליגיעזע הערשער, די כוהנים.

אונטער דער השפּעה פון דער דאָזיקער טעאָקראַטישער איינשטעלונג האָט זיך געפונען אויך דער גרויסער נביאישער וואָרטזאָגער פון יענער צייט, דער נביא יחזקאל, וועלכער האָט אַליין געשטאַמט פון אַ כוהנים־פאַמיליע. די אָפּגעריסנקייט פון ישוב פון פריערדיקן מלוכהשן, וועלטלעכן קיום און די ווירקונג פון דער באַבילאָניש־פּערסישער מיסטיק האָט אָפּט פאַרנעפּלט זיינע אין גרונט קלאָרע פּאָליטישע האָריזאָנטן.

עס איז קיין ספק ניט, אַז דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער מצב פון יענער צייט האָט אַרויסגערופן אַ שווערן קריזיס אין די וועלטלעכע און דעמאָ־קראַטישע אויפפאַסונגען פון די נביאים, האָט זיי פאַרגרייזט און געעפנט דעם וועג צו דער שפּעטערדיקער הערשאַפט פון דער טעאָקראַטיע.

עס איז אָבער אַ טעות אָנצונעמען, אַז די נבואה, אַלס אַ געזעלשאַפט־לעך־פּאָליטישע באַוועגונג, האָט זיך ליקווידירט. דער אונטערגאַנג פון דער פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט פון דער ישראלדיקער מלוכה אין צפון און שפּעטער פון דער יהודה־מלוכה אין דרום, האָט אויף אַ לאַנגער

צייט געשעדיקט די יסודות פון דער פאָלקס־באַוועגונג, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום די נביאים, האָט זי אָבער ניט אָפּגעשטעלט.

דער טויטקלאַפּ, וואָס עס האָט באַקומען די פאָלקס־פרייהייט און נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט, די גרויליקע פאַרוויסטונג פון לאַנד, דער הונגער און פּיין, וואָס עס איז אויסגעקומען צו ליידן דער פרידלעכער באַפעלקערונג, אַלטע לייט, פרויען און קינדער, — דאָס אַלץ האָט שטאַרק פאַרלעצט די יסודות פון דער סאָציאַלער גערעכטיקייט.

די נביאישע אידעאַלן זיינען ניט נאָר פאַרשוועכט געוואָרן. עס איז צעבראָכן געוואָרן די טעריטאָריאַלע באַזע פון אַ זעלבשטענדיקער געזעל־שאַפט, ווו זיי האָבן געהאַט די אויסזיכט פאַרווירקלעכט צו ווערן, אַ באַזע, וואָס האָט, לויט דער נביאישער השגה, באַדאַרפט דינען אַלס אָנשפּאַר פאַר אַן אַלגעמיין מענטשלעכער באַוועגונג פאַר רעכט און גערעכטיקייט.

דעם טיפן קריזיס פון דער נביאישער באַוועגונג און די דערשיטערונג פון איר סאָציאַלער גרונטלאַגע האָט איצט אויסגענוצט, מיט דערפאָלג, די ישראלדיקע טעאָקראַטיע, וועלכע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען קעגן דער נביאישער פאָלקסטימלעכקייט.

די דעפּאָרטירטע כוהנים און דער שטאָטישער מיטלשטאַנד, וואָס האָט זיך אַרום זיי געהאַט קאָנצענטרירט, האָבן איצט אַנטפּלעקט זייער אַנטימלוכהשן, אַנטיוועלטלעכן פּרצוף. זיי בויען איצט אויס די טעאָריע פון אַ גאָט־מלוכה, פון אַ פּריסטערלעכער מלוכה, אַ ממלכת כוהנים, וואָס קאָן עקזיסטירן אויך אָן אַ טעריטאָריאַל־מלוכהשער גרונטלאַגע. די מלוכה פון גאָט לאָזט זיך ניט צעשטערן דורך אָקופּאַנטן. זי איז אייביק און זי הערט ניט אויף צו עקזיסטירן, אויך ווען דאָס פאָלק ווערט צעשפּליטערט און אָפּגעריסן פון זיין היימלאַנד. אין דער שפּיץ פון אַזאַ גאָט־מלוכה שטייען ניט די קעניגן, וואָס זיינען אַרונטערגעשליידערט געוואָרן פון זייערע טראָנען דורך די באַבילאָנישע הערשער, נאָר גאָטס אָפיציעלע פאַרמיטלער און פאַרטרעטער, די כוהנים.

אַזוי האָט זיך אויסגעשמידט ביי די אומשטענדן פון לעבן אין דער דעפּאָרטאַציע אַ דיקער קלעריקאַלער שיכט, וואָס האָט זיך פאַרוואָרצלט אין די געמיינדעס פון די דעפּאָרטירטע אויף דער באַבילאָנישער ערד.

אַנטקעגן די רעשטן פון דער רואינירטער וועלטלעכער מאַכט, וועלכע עס האָט רעפּרעזענטירט שפּעטער זרובבל בן שאלתיאל, האָט זיך איינגעפונדע־וועט די פּריסטערלעכע מאַכט, וואָס איז רעפּרעזענטירט געווען דורך דעם כוהן יהושע בן יהוצדק. דער קעניגלעכער יסוד פון דער פריערדיקער מדינה, וועלכע איז געווען כלפּי חוץ דער אויסדרוק פון פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט, איז געווען געבראָכן אויף שטענדיק. די פּערסישע הערשער און שפּעטער אויך גריכישע און רוימישע הערשער האָבן געטאָן אַלץ, כדי ניט צולאָזן דעם אויפקום פון אַן אומאָפּהענגיקער און פולבאַ־רעכטיקטער וועלטלעכער מאַכט אין לאַנד. זיי האָבן שוין גוט געוווּסט פון דעם הערשערישן כלל: „טייל און הערש!”. און זיי האָבן מיטגעהאָלפן דער פעסטיקונג פון דער אַנטינביאישער טעאָקראַטיע אין לאַנד און דער פאַרשאַרפונג פון די באַציונגען צווישן איר און צווישן די וועלטלעכע עלעמענטן, ווי זיי האָבן זיך געהאַט אַנטפּלעקט אין דער אומקער־צייט, אַ שטייגער, אין דער פון נביאישן גייסט באַשטראַלטער דעמאָקראַטישער פּערזענלעכקייט פון נחמיה בן חכליה.

26. דער נביא יחזקאל

דער נביא יחזקאל בן בוזי ברענגט צום פולן אויסדרוק דעם לעבנס־שטייגער און דעם געדאַנקען־גאַנג פון דער תקופה פון דער באַבילאָנישער אָקופּאַציע פון ארץ־ישראל. זי איז, קאַנטיק, פאָרגעקומען אין זיין פריער יוגנט און האָט זיך טיף איינגעשניטן אין זיין זכרון. זי איז ניט געווען מער, ווי ביי דעם נביא ישעיהן, אַ טראַגישע אויסזיכט, נאָר אַ געשעענע טאַטזאַך.

אין אָנהייב פון זיינע אַרויסטרעטונגען זאָגט שוין דער נביא, אַז די אַנטפּלעקונג פון יהושן גייסט, דאָס הייסט, די ערשטע נביאישע אינספּיראַציע איז ביי אים פאָרגעקומען בעת ער איז געווען צווישן די פאַרטריבענע קיין בבל, ביי דעם טייך כבר, אין פינפטן יאָר זינט דער פאַרטרייבונג פון יהודה־קעניג יהויכין.[1] אָבער אָפט זעען מיר אים, אין דמיון אָדער אויף דער וואָר, ווי ער געפינט זיך אין ירושלים און פּלאָנירט דאָס צוקונפט־לעבן פון לאַנד.

דער נביא יחזקאל שטייט שוין אויף יענער זייט פון דער טראַגישער בריק צווישן ארץ־ישראל און בבל. ער שטייט שוין מיט ביידע פיס אין ז׳ער עמיגראַציע. אין זיין נביאישן וואָרט, אין זיין אַקטיווקייט אין די ראַמען פון דער נביאישער באַוועגונג אָריענטירט ער זיך לחלוטין אויפן לעבן פון די פאָלקס־געמיינדעס, וואָס מיען זיך פאַר אַ המשך פון זייער קאָלעקטיווער עקזיסטענץ אויסערן תחום פון זייער היימלאַנד. ער מוטיקט און שטאַרקט די אָפּהענטיקע און פאַרצווייפלטע, ברענגענדיק פאַר זיי די גרויסע און וווּנדערלעכע וויזיע וועגן דעם טאָל פון טרוקענע מענטשן־ביינער, וואָס ווערן דורך אַ שפּראָציקן גייסט ווידער אויפגעלעבט און פאַרוואַנדלט אין אַ מוטיקן און שאַפנדיקן פאָלק.[2]

[1] יחזקאל א, 1—3. [2] יחזקאל לז, 1—14.

ער פרוווט טיילווייז צו פאַרלייגן קאָנסטיטוציאָנעלע יסודות פאַר דער צוקונפט, ווען די פאַרטריבענע פאָלקס־ברידער וועלן זיך אומקערן צוריק אין זייערע היימען. ער לייגט פאָר צו פאַרריכטן אין דער צוקונפט איינע פון די גרעסטע סאָציאַלע עוולות — צו קאָלאָניזירן אין קאָמפּאַקטע ישובים די פריער באַדנלאָזע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג. ער באַציט זיך אָבער פאַר איינס אויך פּאָזיטיוו צום קעגנוווערטיקן לעבן פון די פאָלקס־געמיינדעס אין בבל, ער גלייבט אין זייער קיום, וועלכער דאַרף געבויט און געפעסטיקט ווערן. ער קאָן אפשר גילטן אַלס גרונטלייגער פון דער אידייע פון יידישן אויטאָנאָמיזם.

אין אָנהייב פון זיין נביאישן אַרויסטריט איז יחזקאל בן בוזי ענלעך צו דעם עלטערן נביא פון זיין צייט, ירמיהו. מיר זעען ביי אים קלאָר, ווי ער שטעלט זיך פאָר דעם אָנהייב פון זיין געזעלשאַפטלעכער פונקציע. זי איז אינספּירירט דורך אַ גייסטיקער אַנטפּלעקונג: „עס איז אין מיר אַריין אַ גייסט און האָט מיך אויף מיינע פיס אויפגעשטעלט און איך האָב געהערט ווי ער רעדט צו מיר און ער האָט מיר געזאָגט: „דו מענטשן־קינד, איך שיק דיך צו די זין פון ישראל, צו די אויפשטענדישע פעלקער, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען קעגן מיר און (וואָס) זייערע עלטערן האָבן מיך פאַרראַטן ביז היינטיקן טאָג.״ [3]

די דאָזיקע אינספּירירטע שליחות גיט דעם נביא די גייסטיקע קראַפט און דעם באַוווסטזיין צו גיין מוטיק קעגן די הערשנדע קלאַסן, קריטיקירן זייער פּאָליטיק און אויפפירונג און צו רופן זיי צו בעסערע מעשים. ער איז דאָס רוב איבערצייגט, אַז די פאַרויסגעזאָגטע קאַטאַסטראָפע איז אומפאַרמיידלעך און אַז די וואָס פירן דאָס לאַנד צום אָפּגרונט פּאָליטיש און מאָראַליש וועלן בלייבן בלינד און טויב, אָבער זיינע וואָרענישן זיינען נייטיק. עס איז וויכטיק, אַז דאָס פאָלק, וועמעס אינטערעסן ער פאַרטרעט, זאָל אים הערן און אַז זיין אייגענער געוויסן זאָל בלייבן ריין, ווייל זיין געוויסן איז דאָס סאָציאַלע געוויסן פון פאָלק.

און אויב די הערשער בלייבן דאָס רוב פאַרעקשנט אין זייער פּאָליטיק,

[3] יחזקאל ב, 2—3.

בלייבט אויך דאָס פאָלק אָפּט טעמפּ, אַפּאַטיש, פּאַסיוו. ער לייגט אַליין ניט קיין געהעריקן געוויכט אויף די בראַווע און שאַרפע אַרויסטרעטונגען פון די נביאים. ער בלייבט גלייכגילטיק צו די, וואָס זיינען גרייט מקריב זיין זייער פרייהייט און לעבן אין געראַנגל פאַר זייערע לעבנס־אינטערעסן.

זיי מוז מען דערוועקן, איבערצייגן, דערציען מיט אויסטערלישע מיטלען, מיט עקזאָטישע אַרויסטרעטונגען, מיט באַווייזן, מיט וואונדער־ווייזעס אויף דער אַרט פון אַמאָליקע געצנדינערישע צויבערער.

מער אָבער ווירקט דער נביא אויפן פאָלק דורך די דעמאָנסטראַטיווע האַנדלונגען און ביישפּילן, דורך וועלכע ער מיט זיך צו דערציען און צו איבערצייגן דאָס פאָלק.

יחזקאל איז רייכער פון אַנדערע נביאים מיט זיינע רעטענישן און ביישפּילן און מיט זיינע סימבאָלישע מוסטער־טואונגען, וואָס דאַרפן דערוועקן דעם געזעלשאַפטלעכן געוויסן פון פאָלק, ווירקן אויף אים פּראָ־פּאַגאַנדיסטיש, איבערצייגנדיק.

אָט דערשיינט ער אין ירושלים אין גלות־קליידער, אין קליידער פון דעפּאָרטירטע, כדי אויפמערקזאַם צו מאַכן דאָס פאָלק, אַז אויך די איבער־געבליבענע אין ירושלים שטייט פאַר די פאַרשיקונג קיין בבל און אַז עס דערוואַרט זיי אַ טראַגישער גורל.[4]

אָט עסט ער אָפן אויפן מאַרק אין ירושלים מיט אימפּעט און בהלה זיין ברויט, כדי צו דעמאָנסטרירן פאַרן פאָלק, ווי זיי וועט אויסקומען אַלס פאַרטריבענע צו עסן אין בהלה זייער ברויט.[5]

מיט אַן אויסערגעוויינלעכער בילדלעכקייט און מיט ליטעראַריש־שילדערישן טאַלאַנט ווערט ביי אים ירושלים פאַרגליכן צו אַ פאַרלאָזענער מיידעלע, וואָס איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון איר היים, אַ פאַרהונגערטע און פאַרגאָסענע מיט בלוט אויפן אָפענעם פעלד און ווי זי איז געראַ־טעוועט, אויסגעצוואָגט און אויסגעכאַוועט געוואָרן אין די בעסטע קליידער, ווי דער טרייער געפינער אירער איז מיט איר שפּעטער אַריינגעטראָטן

[4] יחזקאל יב, 4—5. [5] יחזקאל יב, 18—20.

אין אַ לעבנס־בונד און געשוואָרן איר טרייקייט — און ווי זי האָט זיך באַנוצט מיט איר שיינקייט און מיט דער ליבע, וואָס איז איר געשענקט געוואָרן, און האָט אָפן און ציניש פאַרראַטן איר רעטער.[6] דאָס בילד איז באַרופן צו שילדערן דעם פאַרראַט פון די ירושלימער נאָטאַבלען אין שייכות מיט די פּאָסטולאַטן פון דער געטלעכער גערעכטיקייט.

קינסטלעריש פיין איז געשילדערט אויך דעם נביא יחזקאלס משל וועגן דעם צעדערבוים, וואָס איז פאַרפלאַנצט געוואָרן אויף אַ הויכן באַרג און וואָס האָט זיך שטאַרק צעצווייגט און אויסגעברייטערט און וואָס סימבאָליזירט — ווי אין דעם משל מיט די טרוקענע ביינער — דעם כוח פון אָרגאַנישן וואַקסן און וועלקן, לעבן און טויט אין דער נאַטור און אין דער געזעלשאַפט. „איך האָב טרוקן געמאַכט דעם שפּראָציקן בוים — זאָגט יהוה — און איך האָב געלאָזט אויפבליען דעם טרוקענעם בוים."[7]

אין אַן אַנדער משל רעדט דער נביא וועגן אַן אויסגעכאָוועטן יונגן לייב, וועלכער האָט זיך צוגעוווינט צו פאַרצוקן מענטשן און חרוב מאַכן שטעט און פאַרהילכן די וועלט מיט זיין געשריי. דער לייב איז געכאַפּט געוואָרן אין דער נעץ וואָס עס האָבן פאַר אים אויסגעשפּרייט פעלקער און מען האָט אים אַ געשמידטן אין קייטן געבראַכט פאַרן קעניג פון בבל.[8]

די עפּטער פון אַלץ אָנגעווענדטע מיטלען זיינען די פּערזענלעכע ביישפּילן. דער נביא טרעט אַרויס פאַרן פאָלק אויפן מאַרק אָדער ביי דעם טויער פון שטאָט און פירט אויס דעמאָנסטראַטיוו פאַרשידענע טאַטן, וועלכע דאַרפן דינען אַלס וואָרענונג פאַרן פאָלק און ווירקן אויף זיין אָריענטאַציע.

אַזוי שלינגט איין דער נביא יחזקאל לויטן באַפעל פון אַלמעכטיקן, אָפן פאַרן פאָלק, אַ קלאָג־מגילה, אין וועלכער עס ווערט באַוויינט דעם פאָלקס פאַרשטייענדיקע מפּלה.[9] ער לייגט אַוועק אַ ציגל, וועלכער

[6] יחזקאל טז, 4—15.
[7] יחזקאל יז, 24.
[8] יחזקאל יט, 1—4.
[9] יחזקאל ב, 8—10; ג, 1—3.

שטעלט מיט זיך פאַר ירושלים, און בויט אויס אַרום איר די סטראַטעגיע פון דער פאַרשטייענדיקער באַבילאָנישער באַלאַגערונג.[10] ער שמידט זיך אַליין אין קייטן און לייגט זיך אַוועק אויף איין זייט און דערנאָך אויפן צווייטן און שפייזט זיך מיט ברויט און וואַסער, כדי דערמיט אָנזאָגן דעם פאָלק פון ירושלים וועגן דער באַלאַגערונג, געפאַר, ענגשאַפט און הונגער, וועלכע דראָען איר.[11] ער שערט אָפּ פאַרן פאָלק זיינע האָר און באָרד און צעטיילט עס אין דרייען, איין טייל פאַרברענט ער, איין טייל צע־שפרייט ער אויפן ווינט און איין טייל צעשניידט ער מיטן שווערד, וואָס אין זיין האַנט, כדי צו וואָרענען, אַז אַ טייל פון פאָלק וועט פאַלן פון שווערד, אַ טייל פון פייער און חורבן און אַ טייל וועט פאַרטריבן ווערן פון לאַנד.[12] ער גייט אַרויס אין דער פראָווינץ, אין די בערג פון ירושלים, און שטעלט זיך מיטן פנים צו די בערג, אָנזאָגנדיק זיי וועגן דעם חורבן (וואָס דערוואַרט זיי).[13] אַן אַנדערש מאָל טוט ער זיך אָן אין קליידער פון אַ געפאַנגענעם און גייט אַרויס אין זיי פאַרן פאָלק, כדי צו וואָרענען איר וועגן דער דראָענדיקער געפאַנגענשאַפט.[14]

ער שרייבט אָן אויף אַ הילצערנעם שטאַנג דעם נאָמען פון דער פריער געפאַלענער צפון־מלוכה און אויף אַ צווייטן — דעם נאָמען פון באַדראָטן און באַלאַגערטן יהודה־לאַנד, וואָס ווערט אָקופּירט דורך די באַבילאָניער, און מיט מוט און האָפענונג דערנענטערט ערביידע שטאַנגען איינעם צו דעם אַנדערן און זאָגט דערביי אָן וועגן דער פּאָליטישער פּערספּעקטיוו אויף דער צוקונפטיקער באַהעפטונג פון ביידע פאָלקסטיילן אין איין איינהייטלעכן באַפרייטן און זעלבשטענדיקן פּאָליטישן קערפּער.[15]

יחזקאל איז אַ מענטש פון שווערע אינעווייניקסטע געראַנגלענישן. ביי דער וואַקלדיקער פּאָליטישער סיטואַציע פון זיין צייט טרוימט ער אָפּט וועגן גרונטלעכע שינויים וואָס וועלן פאָרקומען אין דער כוחות־

[10] יחזקאל ד׳, 1—3.
[11] יחזקאל ד, 4—17.
[12] יחזקאל ה, 1—5.
[13] יחזקאל ו׳, 1—10.
[14] יחזקאל יב, 2—4. [15] יחזקאל לז, 16—22.

פאַרהעלטעניש פון די גרויסע וועלטמאַכטן, וואָס וועט ברענגען ווידער צו דעם אומקער פון די מאַסן פון זיין פאָלק אין זייער היים, אָבער באַלד קוקט ער זיך צו צו דערווירקלעכקייט, צום אָרגאַניזירטן לעבן פון די יידישע געמיינדעס אויף דער באַבילאָנישער ערד. אין אַלע פאַלן מיט ער זיך אויפצומונטערן זיינע פאָלקס־ברידער, אויפצוהאַלטן זייער זעלבשטענדיקע עקזיסטענץ אַלס קאָלעקטיוו און האַלטן וואַך דעם ווילן צו פולער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

ער דריקט אויס דעם דאָזיקן געדאַנק זיינעם אין דער פּרעכטיקער וויזיע פון דעם טאָל מיט די טרוקענע ביינער.

די דאָזיקע וויזיע פון דעם טאָל מיט די טרוקענע ביינער, אין קאַפּיטל לז, איז דער העכסטער אויסדרוק פון נביאישן אָפּטימיזם און פון דער־מוטיקונגס־וואָרט צום פאָלק. שילדערנדיק קינסטלעריש און רעאַליסטיש, ווי עס שטורעמט אויף דער טאָל און אַ ביין בעהעפט זיך צו אַ ביין און ווי עס קומען אויף זיי אויף אָדערן און פלייש און ווי עס שטייט אויף אַ ריזיקע מחנה לעבעדיקע מענטשן, — הערט ער ווי אַ קול, וואָס רופט צו אים, זאָגט:

„די דאָזיקע ביינער זיינען דער גאַנצער ישראל־שטאַם. זיי זאָגן: „עס זיינען פאַרטריקנט געוואָרן אונדזערע ביינער, עס איז פאַרלאָרן געגאַנגען אונדזער האָפענונג, מיר זיינען פאַרשניטן געוואָרן, דעריבער זיי מנבא און זאָג צו זיי: אַזוי האָט גאָט יהוה געזאָגט: איך עפן אויף אייערע קברים... און איך וועל אין אייך אַריינגעבן מיין גייסט און איר וועט לעבן און איך וועל אייך אין זיכערקייט ברענגען אויף אייער ערד.“[16]

זיינע נביאישע אַרויסזאָגונגען זיינען צייטנווייז ניט גענוג קלאָר. זיי ווערן פאַרטושט דורך אויפקומענדיקע מעטאַפיזישע פאָרשטעלונגען און איבערמענטשלעכע, דורך דער באַבילאָניש־פּערסישער מיטאָלאָגיע באַאיינפלוסטע וויזיעס.

זיין געדאַנקען־גאַנג איז ניט אַזוי וועלטלעך און מלוכיש ווי ביי

[16] יחזקאל לז, 12—14.

ישעיהן און ירמיהן אַזוי, אַז עס זיינען, וויניקסטנס, צום טייל באַרעכ־טיקט די מיינונגען פון די היסטאָריקער, וועלכע זעען אין אים אַן אידייאישן מיטהעלפער צו דער הערשאַפט פון טעאָקראַטיע און אַ מיטבויער פון דער פּריסטלעכער מלוכה (ממלכת כוהנים) און צו דער פּריסטלעכער קאָנ־סטיטוציע (תורת כוהנים), ווי זי איז אויפגעקומען מיט אַ צייט שפּעטער, אַלס פּראָדוקט פון פּאָליטישער אָנמעכטיקייט.

אַזוי זעען מיר אין אַ ריי קאַפּיטלעך צום סוף פון זיין בוך, ווו ער וואַרפט אָן קאָנקרעטע פּלענער פאַר אַ טעאָקראַטישער הערשאַפט פון די כוהנים פון דער צדוקישער משפחה,[17] באַשענקט זיי מיט באַשטימטע פּריווילעגיעס און שרייבט זיי זאָגאַר פאָר באַשטימטע און נייע פאַמיליען־געזעצן[18] און, קודם כל, טיילט ער זיי און די לוויים צו באַטרעפלעכע ערד־נחלאות.[19]

אין זיינע וויזיעס וועגן זיין פאַרלאָרענער היים גיסן זיך צונויף בענקעניש נאָך דער פאַרגאַנגענהייט מיט האָפענונגען און פּלענער פאַר דער צוקונפט. נביאישע רעפאָרמען פאַרפלעכטן זיך מיט טעאָקראַטישע טענדענצן. דער כוהן און דער נביא מישן זיך אָפּ צונויף. דעם אָרט פון אַמאָליקן קעניג פאַרנעמט איצט דער כוהן גדול.

אין זיין ווענדונג צו די דעפּאָרטירטע אין בבל זאָגט ער זיי אָן די האָפענונג פון אומקער, וואָס וועט ניט זיין סתם אַ צוריקוואַנדערונג אין די פריערדיקע היימען, נאָר אַ מאָראַלישע באַנייונג.

„זיי וועלן קומען אַהין און באַזייטיקן דאָס עקלהאַפטע און העסלעכע און איך וועל זיי אַריינגעבן אַ האַרץ און אַ נייעס גייסט און איך וועל אָפּטאָן דאָס שטיינערנע האַרץ פון זייער לייב און וועל זיי געבן אַ מענטש־לעכע האַרץ.״[20]

מען זעט באַשיימפּערלעך, ווי די פּאָליטישע ירידה פון זיין לאַנד האָט

[17] יחזקאל מד׳, 15.
[18] יחזקאל מד, 22—25.
[19] יחזקאל מה, 1—6; מח, 10—13.
[20] יחזקאל יא׳, 18—19.

זיך שווער אָפּגערופן אויף זײַן אַרט דענקען. ער ראַנגלט זיך מיט זיך אַליין. די אויפלעבונג פון פאָלק זעט אים אָפּט אויס ווי אַ ווײַטע מיסטישע וויזיע, וועלכע ער שילדערט פּאַטעטיש־פילאָסאָפיש.

עס איז פאַר די אָקופּירטע לענדער און אויך פאַר זײַן אייגן לאַנד ניט קיין צײַט פון נאַענטע און גינסטיקע פּאָליטישע פּערספּעקטיוון. דער זיג פון די מעכטיקע באַבילאָנישע אָקופּאַנטן איז אַ סטאַבילע טאַטזאַך, די פּאַרדינטע שטראָף פון זײַן פאָלק איז געקומען, די פאַרדינטע ליידן ברייטערן זיך. ניט נאָר די רעגירונג פון יהודה האָט באַקומען די שטראָף פאַר איר פאַרלאָרנקייט און שוואַכקייט, ניט נאָר דער קעניג יהויכין פּלאָגט זיך זײַנע לעצטע יאָרן אין באַבילאָנישער תפיסה. דער יחיד פון פאָלק איז באַלאָדן מיט זינד און ער דאַרף זיי אויסקויפן דורך חרטה און רעליגיעזער תשובה. דאָ זעען מיר ווי דער נביא, דער כוהן, פאַר־וואַנדלט זיך אין אַ פּריידיקער.

ער גיט זיך פיל אָפּ מיט דער אינדיווידועלער פאַראַנטוואָרטונג פון יעדן איינצלנעם אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. גוטס און שלעכטס ווערן ניט איבערגעגעבן בירושה. יעדער מענטש דאַרף געאורטיילט ווערן לויט זײַנע מעשים. עלטערן זײַנען ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די טואונגען פון זייערע קינדער, און ניט די קינדער פאַר די טואונגען פון זייערע עלטערן.

ער גלייבט שטאַרק אין דער קראַפט פון אויפקלערונג, וואָס דאַרף פירן ניט נאָר צו ענדערונגען אין דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, נאָר אויך צו דער בעסערונג פון דעם יחיד. ער לייגט גרויס געוויכט אויף דער מאָראַלישער איבערדערציונג פון זינדיקע און פאַדערט, אַז יעדער מענטש זאָל געמשפּט ווערן נאָך זײַנע קעגנווערטיקע מעשים, אַז עס זאָלן אים פאַרגעבן ווערן די פריערדיקע זינד, פאַר וועלכע ער האָט חרטה געהאַט.[21] ניט צו דער פאַרווירקלעכונג פון שטראָף־מיטלען דאַרף מען שטרעבן, נאָר צו דער אויסבעסערונג פון דעם מענטשן.[22]

[21] יחזקאל, קאַפּיטל יח.
[22] דאָרטן, פּסוק 23.

קאַנטיק, צוליב טעמים פון באַבילאָנישער צענזור, מוז ער רעדן מיט איינגעהאַלטנקייט וועגן די אָקופּאַנטן פון זיין לאַנד און פאַרטרייבער פון פאָלק. דאָך געפינען מיר אויך ביי אים אויסברוכן פון האַס צו די שונאים פון זיין פאָלק, וועלכע ער רופט אָן „פּרעמדע, רשעים פון דער וועלט, גוואַלטטוער, וואָס האָבן די וועלט פאַרשוועכט״.[23]

און אין זיין ווענדונג צו די פירער פון פאָלק — אפשר נאָך אין זיינע יוגנט־אַרויסטרעטונגען אין ירושלים, אין דער צייט פון באַלאַגערונג, — פאַרגלייכט ער זיי, נאָך דעם אַלטן שטייגער, צו פאַסטעכער, וואָס האָבן געשעדיקט זייער שאָף:

„וויי, איר פאַסטעכער פון ישראל! דעם חלב האָט איר אויפגעגעסן, מיט די וואָל האָט איר זיך באַקליידט, די געזונטע שאָף האָט איר גע־שאָכטן און ניט געפיטערט, די אָפּגעשוואַכטע האָט איר ניט געשטאַרקט, די קראַנקע האָט איר ניט געהיילט, די צעבראָכענע האָט איר ניט אַרומ־געבונדן און די אָפּגעשטאַנענע האָט איר ניט אומגעקערט, און די פאַרלאָרן־געגאַנגענע האָט איר ניט געזוכט, און מיט גוואַלט און האַרטקייט האָט איר איבער זיי געוועלטיקט, און די שאָף האָבן זיך צעזייט אָן אַ פאַסטעך און זיי האָבן געדינט אַלס שפייז פאַר די חיות פון פעלד״[24]

אין שאַרפן קעגנזאַץ צו דער פאַרקנעכטונג און אונטערדריקונג מאָלט דער נביא יחזקאל, כמעט אין אַ היינטצייטיקן לשון, דאָס בילד פון אַ זיכערן און זעלבשטענדיקן פאָלקס־לעבן. דערגרייכן זעלבשטענדיקייט און פריי־הייט הייסט ביי אים „צעברעכן דעם יאָך פון יענע, וואָס צווינגען צו אַרבעטן אויף זיי, ניט ווערן באַרויבט דורך אַנדערע פעלקער, געניסן פון די פּרוכט פון דער נאַטור און אויסלעבן זיך רואיק, דורך קיינעם ניט געשטערט.״ [25]

קלאָר און פּלאַנירט אין אַלע אַרכיטעקטאָנישע איינצלהייטן מאָלט דער נביא יחזקאל אין די קאַפּיטלעך מ—מג פון זיין בוך דעם אויפבוי־פּלאַן

[23] יחזקאל ז, 21—22.
[24] יחזקאל לד, 3—5.
[25] יחזקאל לד, 27—28.

פון די צוקונפטיקע ירושלימער שטאָט־מויערן, טורעמס און טויערן, וועלכע ער וויס זיי אָנצורופן מיט זייערע, אין זיין זכרון איינגעקריצטע נעמען. — וויפל טרייסט דאָס דאַרף צוגעבן אַ רואינירטן, באַזיגטן און פאַרטריבענעם פאָלק, וואָס דערמאָנט אויף פרעמדער ערד דעם קראַך פון זיין זעלבשטענדיקייט און דעם חורבן פון זיין מדינה־צענטער.

דער נביא יחזקאל צייכנט זיך אויס מיט זיינע בילדערדרייכע און רעאַ־ליסטישע צווישנפעלקערלעכע נביאות און אָפּשאַצונגען. עס פילט זיך אין זיינע ווערטער די גוטע באַהאַוונטקייט מיט די געשעענישן, די טאָפּאָגראַפישע קענטעניש פון דעמאָלטיקן נאָענטן מזרח און דער פּאָלי־טישער קלימאַט פון זיין צייט.

בשעת ער רעדט וועגן דער באַבילאָנישער אָקופּאַציע פון עמון־לאַנד, מאָלט ער בילדעריש, ווי די אָקופּאַנטן וועלן באַזעצן די דערפער, „עסן דיינע פרוכט און טרינקען דיין מילך". די הויפּטשטאָט רבת־עמון וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ סטאַציע פאַר קעמלען און דאָס לאַנד — אין אַ פּאַשע־פּלאַץ פאַר שאָף."[26]

מיט אַ באַזונדערער דייטלעכקייט און רייכן פאָלקלאָר צייכנט זיך אויס דעם נביא יחזקאלס שילדערונג פון דער באַבילאָנישער אָקופּאַציע פון די פעניקישע ברעג־שטעט. יעדער אויסדרוק אָטעמט דאָ מיטן קלי־מאַט, טאָפּאָגראַפיע, עקאָנאָמיק און לעבנס־שטייגער פון די פאַרצייטיקע כנענישע שיפער־ און קונסט־האַנטווערקישע שטעט אויפן ברעג פון מיטל־לענדישן ים. עס ווערן געשילדערט זייערע פאַרצווייגטע צווישנפעלקערלעכע באַציונגען און די קאַטאַסטראָפאַלע צעשטערונג פון זייער רייכער עקאָ־נאָמיק דורך די פרעמדע אָקופּאַנטן. ער שילדערט מייסטערהאַפט דאָס אָפּשטאַרבן פון ים־האַנדל, די אָפּשטעלונג פון דעם ריזיקן שיף־פאַרקער. ער זוכט אויס סאָציאַלע סיבות, וואָס האָבן אין אַ געוויסער מאָס באַ־רעכטיקט דעם חורבן:

„אַדאַנק דיין גרויסן האַנדל ביסטו פול געוואָרן מיט גערויבטן פאַר־מעגן און דו האָסט זיך פאַרזינדיקט."[27]

[26] יחזקאל כה, 5.
[27] יחזקאל כח, 16.

מיט אַן ענלעכער בילדלעכקייט און עטנאָגראַפישע איינצלהייטן שילדערט ער דעם נידערגאַנג פון עגיפּטן.[28] צום אונטערשייד פון דעם נביא ירמיה אָריענטירט ער זיך לחלוטין אויף בבל, אין וועלכער ער לעבט שפּעטער אַלס עמיגראַנט.[29] און ווידער ברענגט ער דעם פאָלק אַ משל, דאָס מאָל פון קיך און ווירטשאַפט, דעם משל מיטן טאָפּ גוטן פלייש, וואָס איז פאַרשמעקט געוואָרן און וואָס איז אַרויסגעוואָרפן מיטן בלוט אויף די שטיינער.[30]

ער דערמאָנט די עגיפּטער די ריזן־קראַפט פון די אַסיריער און די זיכערקייט פון זייער הערשאַפט, וועלכע איז דאָך געבראָכן געוואָרן. צוליב דער גרויזאַמקייט פון זייער פירונג האָט זיי ניט אַרויסגעהאָלפן די מאַכט און פּראַכט פון זייערע נאַטור־רייכקייטן.

„איך האָב אים איבערגעגעבן אין דער האַנט פון דעם ריזיקן צווישן די פעלקער, ער זאָל מיט אים זיך פאַסירן לויט זיין שלעכטס, און כ׳האָב אים פאַרטריבן.״[31]

יחזקאל צייכנט זיך אויס מיט זיין פּאָליטישער סאַטירע איבער די געפאַלענע אימפעריעס. ער באַנוצט זיך צו דעם מיט בילדער פון אָרטיקער עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר, כדי צו אויסלאַכן די גאווה, ברוטאַלע קראַפט און פאַרטרויטקייט פון די גרויסע אימפעריעס, וועלכע ווערט געבראָכן. ער באַקלאָגט די אָקופּאַציע פון עגיפּטן דורך די באַבילאָניער. דער גרויסער לוויתן פאַלט אַריין אין נעץ פון זיינע פאַנגער, ווערט אַרויסגעשליידערט אויפן פעלד און אַלע פייגעלעך און חיות עסן זיין פלייש. זיין בלוט טרינקט אָן די בערג אַרום, טייכן פילן זיך מיט אים אָן. די נאַטור באַוויינט זיין קראַך. די זון און לבנה לעשן זיך אויס איבער עגיפּטן.[32]

[28] יחזקאל קאַפּ. כט, ל.
[29] באַזונדער קאַפּ. ל, 22—26.
[30] קאַפּ. כד.
[31] יחזקאל לא, 11.
[32] יחזקאל קאַפּ. לב.

27. דניאל — דער וואָרטזאָגער פון די נביאישע אידייען

דניאל האָט אָפּגעשטאַמט, לויט דער ביבלישער דערציילונג, פון די ירושלימער אַדעליקע און פון דער קעניגלעכער פאַמיליע. ער איז געבראַכט געוואָרן קיין בבל בשעת דער אָקופּאַציע פון לאַנד דורך דעם באַבילאָנישן קעניג נבוכדנאצר, און איז געוואָרן אויפגענומען אין פּאַלאַץ פון דעם באַבילאָנישן הערשער אַלס דינער. אַ דאַנק זיין קלוגשאַפט און טאַקטישקייט איז ער גיך געוואָרן אַ ראַטגעבער פון קעניג און פון די שפּעטערדיקע בבלישע מלכים ביז צום קעניג בלשאצר, וועלכער איז באַזיגט געוואָרן דורך די פּערסישע אָקופּאַנטן.

עס איז אָנגענומען, אַז דניאל איז געווען באַאיינפלוסט פון די נביאישע אידייען און האָט נאָך אין זיין גאַנץ פריער יוגנט געהערט זייערע אַרויסטרעטונגען אין באַלאַגערטן ירושלים.

אין דעם דניאל־בוך, וואָס איז געשריבן צום טייל העברעיש און צום טייל אַראַמעיש, און וועלכער איז פול מיט מיסטישע און סימבאָלישע שטעלן און כראָנאָלאָגישע אָפּנייגונגען, איז פאַר אונדז אינטערעסאַנט בלויז דער מאָמענט, וואָס ווערט אונטערגעשטראָכן דורך אַלע היסטאָריקער: דאָס איז די פאַרויסזעונג פון דער פּערסישער אָקופּאַציע.

לעבנדיק אין קעניגלעכן פּאַלאַץ און צוזעענדיק די הינטערשטעליקייט פון דער בבלישער מלוכה־פּאָליטיק, האָט דניאל, אַלס ראַטגעבער פון קעניג, פאַרויסגעזען די נאָענטע מפּלה פון דער גרויסער אימפּעריע.

עס ווערט דערציילט, מיט אַ צומיש פון לעגענדע, ווי בשעת אַ גרויסער מאָלצייט אין פּאַלאַץ פון קעניג בלשאצר, ווען דער קעניג און זיינע האַרן, קריגפירער און פרויען האָבן זיך לוסטיק געמאַכט אָן אַ שיעור, און ווין האָט רייך געפלאָסן אין די גאָלדענע בעכערס, וואָס די באַבילאָנישע דעראָבערער האָבן געגזלט פון צעשטערטן ירושלימער טעמפּל, איז דערשינען אַ געהיימע האַנט און האָט אויסגעקריצט אויף דער וואַנט פון פּאַלאַץ

אַן אומפאַרשטענדלעכע אויפשריפט, וועלכע נאָר דניאלן האָט זיך איינ־געגעבן זי צו לייענען און צו דערקלערן. דאָס איז געווען דער אָנזאָג וועגן דער פּערסישער אַגרעסיע. שוין יענע נאַכט איז דאָס פּערסישע מיליטער אַריבער דעם גרויסן טייך, האָט באַלאַגערט און איינגענומען דעם פּאַלאַץ און געטויט דעם קעניג בלשאצר און זיינע שכורע מיטזויפער.

דאָס איז געווען אין יאָר 538 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, וועלכער איז געווען אַן אַנטשיידנדיקער אין דער געשיכטע פון די מערב־אַזיאַטישע אימפּעריעס. עס זיינען ניט אַריבער קיין הונדערט יאָר נאָכן פאַלן פון דער אשורישער אימפּעריע און עס איז שוין געפאַלן אויך דער באַזיגער און אָקופּאַנט — די באַבילאָנישע אימפּעריע. אונטערן אָנגריף פון די פּערסישע חיילות ווערט פאַרוויסט די „לוסטיקע, געקרוינטע" שטאָט בבל מיט אירע פּאַלאַצן און סעדער, אַן אָפּגעשוואַכטע און דעמאָ־ראַליזירטע דורך אירע סאָציאַלע סתירות.

די יידישע כראָניק מאָלט דאָ דעם נאבוניד־בלשאצר, דעם לעצטן באַבילאָנישן הערשער, ממש אין די זעלביקע פאַרבן ווי עס מאָלט דעם לעצטן אשורישן הערשער, אַשורבאַניפּאַל, די באַבילאָנישע כראָניק. דאָס בילד פון די פאַלנדיקע אימפּעריעס איז געווען אייגנטלעך איינס און דאָס זעלביקע אויפן שטח פון דורות און יאָרהונדערטער.

ווידער קומט דאָ צום אויסדרוק דער שטראָפנדיקער כוח פון דער וועלט־גערעכטיקייט. טרינקענדיק פון די גאָלדענע בעכערס פון חרובן ירושלים, זיינען צעבראָכן געוואָרן די מעכטיקע הערשער, איז צו נישט געוואָרן זייער קראַפט. דאָס פּערסישע מיליטער קומט־אויף אַלס די שטראָפנדיקע האַנט פון יהוה. די נביאישע פאָרויסזעונג וועגן דער נישטיקייט פון דער מאַכט־פּאָליטיק געפינט איר פאַרווירקלעכונג.

דער נביאישער קערן פון דניאלס אַרויסטרעטונגען, ווי ער זאָל ניט זיין פאַרשלייערט אין דניאל־בוך מיט באַבילאָניש־פּערסישע מיסטעריעס, איז פאַר אונדז קלאָר אַלס אַ דורכבררוך פון רעוואָלוציאָנערן פייער, וואָס ווערט פאַרשטומט און פאַרשוויגן אין אַ צייט פון „שטורעם און דראַנג", ווען עס קראַכן טראָנען און עס פאַלן טיראַנען, און די וועלט אָטעמט לייכ־טער אָפּ און טרוימט וועגן אַ בעסערן מאָרגן.

28. די פערסישע תקופה. דער אומקער און די נביאישע אילוזיעס. דער נביא ישעיה דער צווייטער

ווי פיל אַנדערע קלענערע פעלקער פון נאָענטן מזרח, וואָס זיינען געפאַלן אַלס קרבנות פון דער פאַרצייטיקער פאָליטיק פון כוח און פון דעם געראַנגל פון די דעמאָלטיקע גרויסמאַכטן, איז אויך דאָס יידישע פאָלק אַרויס אַ צעשמעטערטער און פאַרוויסטער פון דער אסיריש־באַבי־לאָנישער הערשער־תקופה, און עס איז קיין ווונדער ניט, אַז דער אויפקום פון אַ נייער און צום אָנהייב ליבעראַלער גרויסמאַכט, דער פערסישער, האָט אַרויסגערופן ביי די געליטענע פעלקער נייע אילוזיעס און האָפע־נונגען.

פערסיע, די נייע אויפגעקומענע גרויסמאַכט, וועלכע האָט זיי געמאַכט אונטערטעניק, האָט געזאָלט באמת אַנדערש אָרגאַניזירן די באַציונגען צווישן פעלקער אין דער נייער וועלט־מדינה, וואָס האָט זיך געצויגן „פון אינדיע ביז אַביסיניע".

דער קעניג כורש (צירוס) האָט פון אָנהייב פאַרשטאַנען אומצוקערן די גרויסע מאַסן פליטים אין זייערע נאַציאָנאַלע היימען און געבן זיי רעכט פון אינעווייניקסטער אויטאָנאָמיע.

די פאַרטריבענע פון יהודה־לאַנד, וועלכע זיינען אין יאָר 586 פאַר דער קריסטלעכער צייט פאַרטריבן געוואָרן אין אַשורישע און בבלישע פראָווינצן, האָבן זיך מאַסנווייז אומגעקערט אין זייער פאָטערלאַנד אונ־טער דער אָנפירונג פון עזרא און צוגעטראָטן בויען אַ באַנייט געזעל־שאַפטלעך לעבן אויף געזינטערע סאָציאַלע יסודות. דער פאָלקס־פירער נחמיה האָט מיט דער דערלויבעניש פון דער פערסישער רעגירונג פאַר־גענומען אַ גאַנצע ריי סאָציאַלע רעפאָרמען, פאַרריכט פיל פעלערן, וואָס

עס האָבן באַגאַנגען די לעצטע מלכים פון יהודה, פאַר דער בבלישער אָקופּאַציע.

צום אונטערשייד פון די אשורים און בבלים, האָבן די פּערסן איינגענומען דאָס לאַנד אָן בלוט־פאַרגיסונג און זיי האָבן אויסגעזען נאָך די פריערדיקע בלוט־פאַרגיסונגען, גרויזאַמע שלאַכטן און פאַרוויסטונגען, ווי באַפרייער און דערלייזער. עס איז פאַרגעסן געוואָרן די טאַטזאַך, אַז ביי יעדער פרעמדער אָקופּאַציע פון אַ לאַנד האָט דער אָקופּאַנט זיינע אייגענע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סטראַטעגישע אינטערעסן, און אַז ער קאָן ניט אומקערן די פולע פרייהייט און זעלבשטענדיקייט דעם איינגענומענעם לאַנד.

די צייטווייליקע פּאָליטישע ליבעראַליזאַציע האָט אויך פאַר די פאַרטרעטער פון דער נביאישער באַוועגונג אין אָנהייב פון דער פּערסישער צייט אויסגעזען, ווי דער אויפקום פון אַ נייער תקופה אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, ווי דער זיג פון דער גערעכטיקייט איבער דער ברוטאַלער פּאָליטיק פון כוח.

דער אַנאָנימער גביא פון יענער צייט, וועלכן מיר באַצייכענען מיטן נאָמען ישעיה דער צווייטער, איז אין אָנהייב געווען פאַרבלענדט פון דער ליבעראַלער באַציונג פון פּערסישן קעניג כורש און האָט אים באַטראַכט אַלס אַ געזאַלבטן פון יהוה, דעם גאָט פון גערעכטיקייט, און האָט פאַרפאַסט פאַר אים אַ לויב־ליד, ווי יהוה זאָגט וועגן כורשן זיין געזאַלבטן:

„איך האָב אונטערגעהאַלטן זיין רעכטע האַנט צו דערנידערן פאַר אים פעלקער... צו עפענען פאַר אים טירן, און טויערן זאָלן ניט פאַרשלאָסן ווערן. איך וועל מאַרשירן פאַר דיר, וועל קרומע וועגן אויסגלייכן און קופּערנע טירן איינברעכן און אייזערנע ריגלען איבערשניידן און איך וועל דיר איבערגעבן פאַרבאַהאַלטענע אוצרות און געהיימע שאַצן... צוליב יעקבן מיין קנעכט און ישראלן מיין אויסדערווילטן״.[1]

ישעיה דער צווייטער גלייבט ערנסט, אַז מיט דעם פּערסישן קעניג כורש איז אויפגעטריט באַנייט זיך די וועלט און עס דערגרייכן זייער פולע

[1] ישעיה מה, 1—4.

פרייהייט די פאַרוואָגלטע און צעטראָטענע פעלקער און אין דעם כלל אויך זיין אייגן פאָלק. ער טרעט אַרויס אויף די וועגן פון באַבילאָניע קיין ירושלים, און אפשר שוין אין ירושלים גופא, מיט אַ פריידיקן אָנזאָג וועגן דער דערלייזונג, וואָס איז ענדלעך געקומען, וועגן דעם נביאישן אידעאַל, וואָס טרעט אַריין אין דער סטאַדיע פון זיין פאַרווירקלעכונג. דאָ הערט זיך שוין ניט מער די שאַרפע קריטיק און ערנסטע התראה פון די פריער־דיקע נביאים. עס קלינגען טענער פון טרייסט און באַרואיקונג. עס ווערט אָנגעזאָגט דעם פאָלק, ווי אין אַ פייערלעכן מאַניפעסט, אַז עס קומען אָן טעג פון סאָציאַלן גליק און פרייד, אַז עס בייטן זיך לעבנס־פאָרמען, עס בעסערן זיך גרונטלעך מענטשלעכע באַציונגען, אַז די נאַטור פון לאַנד פרייט זיך צוזאַמען מיט אירע באַפרייטע איינוווינער. ניט נאָר מענטשן גלייכן זיך אויס, מיט זיי צוזאַמען גלייכט זיך אויס אַלץ, וואָס איז געווען קרום און נידעריק אין דער נאַטור פון לאַנד.

די גאַנצע נאַטור האָט פרייער אָפּגעענטפערט מיטן פאַלן פון טיראַנען, און יהוה, דער גאָט פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, טראָגט זיך טריומפירנ־דיק איבער די בערג און טאָלן.

איז דען די צייט ניט רייף פאַרן אָנקומען פון דעם משיח־קעניג, דעם געגאַרטן און אויסדערוויילטן, אויף וועלכן עס רוט גאָטס גייסט און וועל־כער וועט אַרויסטראָגן זיין אורטייל איבער פעלקער? קומט דען ניט אָן דער, וואָס וועט ניט באַפעלן און ניט אויפהייבן אין דרויסן זיין שטים, וואָס וועט אַ צעבראָכענעם שטעקל ניט איבערברעכן און אַ טונקעלן פייער ניט פאַרלעשן, וואָס אמת וועט זיין זיין אורטייל, וואָס וועט ניט מיד און ניט געבראָכן ווערן, ביז ער וועט ניט טאָן רעכט אין לאַנד, ביז נאָך זיין לערע וועלן ניט גאַרן די פעלקער.

די נביאישע וואָרטזאָגער האָבן אין דער האַניק־תקופה פון דער פערסישער הערשאַפט געהאָפט, אַז עס איז באמת אָנגעקומען די צייט אויסצובויען אַ געזעלשאַפט אויף יסודות פון יושר און פאָלקס־רעכט.

נחמיה גופא, וועלכער האָט באַקומען די קעניגלעכע פולמאַכט אויס־צובויען די אויטאָנאָמישע פאַרוואַלטונג פון לאַנד, איז, ווי עס זעט אויס, געווען דערצויגן אויף די נביאישע אידייען און ער האָט זיי פאַרלייגט

אַלס גרונטשטיין פאַר זיינע גײַזעלשאַפטלעכע רעפאָרמען. עס קלינגען דאָך נביאיש זיינע מיט טעמפעראַמענט געשריבענע מעמואַרן וועגן זיין ערשטן אָנקומען קיין ירושלים:

„...מיין גאָט, איך האָב מיך געשעמט צו ווענדן צו דיר מיין געזיכט, ווייל אונדזערע זינד זיינען פיל איבערן קאָפּ און אונדזער שולד איז גרויס ביז צום הימל. זינט דער צייט פון אונדזערע עלטערן און ביזן היינטיקן טאָג זיינען מיר שטאַרק פאַרשולדיקט. און פאַר אונדזערע זינד זיינען מיר און אונדזערע מלכים און כוהנים איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די הערשער פון די לענדער צום שווערד, צו געפאַנגענשאַפט, צו רויב און צו שאַנד, ביזן היינטיקן טאָג. און איצט ערשט איז געשען אַ פאַרגעבונג פון יהוה, אונדזער גאָט, וואָס האָט אונדז איבערגעלאָזט אַ רעשט און געלאָזט פאַראַנקערן זיך אין זיין הייליקן אָרט, צו אויפלייכטן אונדזערע אויגן און געבן אונדז אַ וועלכע ניט איז דערנערונג אין אונדזער קנעכט־שאַפט, דען מיר זיינען קנעכט, אָבער אין אונדזער קנעכטשאַפט האָט אונדז אונדזער גאָט ניט פאַרלאָזן און האָט צו אונדז געווענדט דעם גנאָד פון די פערסישע מלכים, צו געבן אונדז אַ דערנערונג, צו דערהייבן אונ־דזער געטלעכן טעמפל, אויפצובויען זיינע חורבות און אויפשטעלן אונדז אַ צוים אין יהודה און ירושלים".[2]

און צוטרעטנדיק אויסצובויען אויף נייע יסודות די הויפּטשטאָט, האָט ער זיך געשטעלט קעגן די פּריווילעגיעס פאַר די רייכע, האָט אַנו־לירט די שולדן פון די אָרעמע, וואָס האָבן אין די צייטן פון הונגער און מלחמה־ נויט זיך פאַרמשכנט ביי די רייכע, וועלכע האָבן איצט געדראָט צו נעמען פאַר די חובות זייערע זין און טעכטער פאַר קנעכט. ער האָט געשלאָסן פריינטשאַפט מיט די אַרומיקע פעלקער און האָט מאָביליזירט אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג אויף אויסצובויען אויף ס׳ניי די שטאָט ירושלים און דאָס אַרומיקע לאַנד אויף יסודות פון שלום און גערעכטיקייט.

ישעיה דער צווייטער האָט, ווי מיר האָבן געזען, ערנסט געגלייבט אין דעם גוטן ווילן פון דער פערסישער מאַכט און איז אַרויסגעטראָטן פאַרן

[2] עזרא ט, 6—9.

פאָלק מיט טעמפּעראַמענטפולע און שטאַרק אָפּטימיסטישע פּאָרויסזאָ־גונגען.

ער האָט געוואָלט הייבן דעם מוט פון פאָלק, וואָס איז צעבראָכן גע־וואָרן דורך די פריערדיקע ברוטאַלע גרויסמאַכטן און ווען עס איז איצט צוגעזאָגט געוואָרן אינעווייניקסטע פרייהייט און זעלבסטפאַרוואַל־טונג.

עס דערוועקן זיך ביי דעם נביא האָפענונגען אויף אַ פולער דערליי־זונג פון פאָלק און אויף אַ פרידלעכן אויפבוי פון די חרוב געוואָרענע שטעט און דערפער.

עס שלאָגט מיט גלויבן און בטחון פון זיינע רעדעס פאַרן פאָלק, וואָס איז געקומען צוריק פון דעפּאָרטאַציע:

„טרייסט, טרייסט מיין פאָלק — זאָגט אייער גאָט.
רעדט צו ירושלימס האַרץ, רופט צו איר צו:
עס איז פול געוואָרן איר מאָס, אויסגעקויפט געוואָרן איר זינד.
די האָט באַקומען פון יהוהס האַנט טאָפּלט פאַר אירע פאַר־ברעכנס.
אַ שטים רופט אויס אין דער ווּיסטעניש:
מאַכט אַ וועג פאַר יהוהן,
גלייכט אויס אין דער סטעפּע אַ שטעג פאַר אונדזער גאָט...
אויף אַ הויכן באַרג שטייג אויף, דו אָנזאָגערין ציונס,
הייב אויף דיין שטים, דו אָנזאָגערין ירושלימס.
שרעק דיך ניט, זאָג צו די שטעט פון יהודה:
אָט קומט אָן יהוה מיט קראַפט און זיין אָרעם געוועלטיקט ביי אים.
ער ברענגט באַצאָלט און זיין לוין איז מיט אים.
ווי אַ פּאַסטעך וועט ער פּאַשן זיין סטאַדע,
און אין זיין שויס זיי טראָגן, וועט פירן די זייגנדיקע״.[3]

[3] ישעיה מ, 1—3, 9—11.

עס וועט קומען אַ צייט פון אויפמערקזאַמקייט צום שוואַכן און פון אויסגלייך צווישן מענטש און נאַטור: „יעדער טאָל וועט זיך דערהייבן און יעדער באַרג און הויכעניש וועלן אַראָפּנידערן. דאָס קרומע וועט ווערן גלייך און די פעלדזן־שפּיצן (וועלן זיך פאַרוואַנדלען) אין אַ טאָל״.[4]

יהוה, דער סימבאָל פון דער העכסטער אינסטאַנץ אין נאַטור און געזעלשאַפט, קומט צום פולן זיג איבער פאָלק און מענטש. ווי ער באַהערשט די ריזיקע כוחות פון דער נאַטור, ים און באַרג, אַזוי באַהערשט ער די לײדנשאַפטן פון די גרויסע מדינות. אַנטקעגן דער הערשאַפט פון פיזישער קראַפט פירט ער איין די הערשאַפט פון רעכט. ער קלערט אויף דעם מענטשנס זיין וועג. ער שאַפט אָפּ די אומגערעכטע הערשאַפט און די פאַלשע געריכטן. „ער מאַכט די פירשטן צו גאָרנישט און די ערדישע ריכטער צו וויסט. זיי זיינען ניט געפלאַנצט און ניט געזייט און ניט פאַרוואָרצלט אין דער ערד. ער האָט אַ בלאָז געטאָן, זיינען זיי פאַרטריקנט געוואָרן, עס האָט זיי אַוועקגעטראָגן ווי אַ שטרוי״.[5]

יהוה האָט אַרויסגערופן פאַר זיין העכסטן געריכט די פעלקער. „ער האָט פון מזרח[6] דערוועקט די גערעכטיקייט. ער האָט צו זיינע פיס[7] געשטעלט פעלקער און דערנידערט מלכים, האָט זייער שווערד געמאַכט צו זאַמד און זייער בויגן — צום אויסגעדראָשענעם שטרוי״.[8]

צווישן די געקנעכטעטע פעלקער, וואָס זיינען איצט באַפרייט געוואָרן פון דער אומגערעכטער הערשאַפט פון טיראַנען, געפינט זיך דאָס אייגן פאָלק פון דעם נביא. מיט אַלע אַנדערע פעלקער צוזאַמען טריומפירט ער איבער דער ליקווידירטער פּאָליטיק פון כוח, און דער נביא מוטיקט זיין שווער געפּרוווט פאָלק: „שרעק דיך ניט, דען איך בין מיט דיר, ניט בלייב אָפּהענטיק, ווייל איך, דיין גאָט, האָב דיך געשטאַרקט און געהאָלפן און אונטערגעהאַלטן מיט מיין גערעכטער האַנט. עס וועלן זיך שעמען די,

[4] ישעיה מ׳, 3—4.
[5] ישעיה מ, 23—24.
[6] די כוונה איז צו פערסיען.
[7] די כוונה איז צו כורשן, דעם קעניג פון פערסיען.
[8] ישעיה מא׳, 2.

וואָס האָבן זיך אויפגעררייצט קעגן דיר, עס וועלן זיין צו גאָרנישט די, וואָס זיינען מיט דיר געשטאַנען אין קריג. דו וועסט זוכן און מער ניט געפינען די, וואָס האָבן געשטריטן מיט דיר, צו גאָרנישט מיט גאָרנישט וועלן זיין דיינע קריגס־פיינט״.[9]

גאַנץ גיך האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז די אָפּטימיסטישע אָריענ־טאַציע פון ישעיה דעם צווייטן איז געווען ניט מער ווי אַן אילוזיע. די פּערסישע גרויסמאַכט איז ניט אויף לאַנג געווען נאָכגעבעריש און ליבע־ראַל צו די פעלקער אין די אָקופּירטע לענדער. דאָס אויטאָנאָמע רעכט, וועלכע איז געגעבן געוואָרן דורך דער רעגירונג פון כורש פאַר די אויפ־געריכטע פאָלקסמאַסן פון ישראל, איז שווער פאַרלעצט געוואָרן דורך די שפּעטערדיקע הערשער. שוין דער זון פון כורש און דער פאַרזעצער פון זיינע דעראָבערונגען האָט געפאָדערט פון ישראל באַצאָלט פאַר דער ליבע־ראַלקייט פון זיין פאָטער און, נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט איינגענומען עגיפּטן, האָט ער מאָביליזירט ישראלדיק מיליטער און זיי אָוועקגעשטעלט אַלס אַ שטענדיקן גאַרניזאָן אין העליאָפּאָליס, וואָס האָט געדאַרפט באַוואַכן זיין הערשאַפט איבערן נילוס־לאַנד. אַזוי איז ישראל ווידער אַריינגע־צויגן געוואָרן אין דעם פּאָליטישן שפּיל פון די קאָנקורירנדיקע מלוכות אויפן נאָענטן מזרח, און די ליכטיקע אילוזיעס פון די נביאים, ווי ישעיה דער צווייטער, זיינען זיך אין גאַנצן צערונען.

[9] ישעיה מא, 10—12.

29. די אַנטווישונגען פון די נביאים און זייער ווייטערדיקער קאַמף פאַר פאָלקסרעכט. די נביאים חגי און זכריה

די יסודות פון דער צוגעזאָגטער זעלבשטענדיקייט האָבן זיך שטאַרק צעטרייסלט און אין אינעווייניקסטן לעבן, ווי אין די אויסנווייניקסטע מלוכה־באַציונגען, איז אָנגעוואַקסן אַ שווערער קריזיס, בשעת וועלכן עס זיינען אַלס וואָרטזאָגערס פון פאָלק ווידער אויפגעקומען די נביאים.

זייער וואָרט, וואָס איז דערגאַנגען צו אונדז איז, אמת, קנאַפּ, אָבער דאָס זאָגט פאַר קיין פאַל ניט קיין עדות אויף דער שוואַכקייט פון זייער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

דער טעמפּל אין ירושלים, מיט זיין איבערגעטריבענעם לוקסוס, וועלכער האָט אין די צייטן פאַרן חורבן פון דער זעלבשטענדיקייט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּריסטערלעך־אַריסטאָקראַטישן צענטער, ווו עס האָט געהערשט פאָלקס־עקספּלאָאַטאַציע און פּאָליטישער פאַרראַט, האָט איצט באַדאַרפט אויף ס'ניי אויפגעבויט ווערן, ניט קוקנדיק אויף די שטערונגען מצד די פּערסישע הערשער, אַלס פאָלקס־צענטער און אַלס סימבאָלישער אויסדרוק פון נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט.

קעגן די כאַראַקטערלאָזע און אָנמעכטיקע, וועלכע האָבן געטענהט, אַז עס איז נאָך ניט געקומען די גינסטיקע צייט אויסצובויען דעם טעמפּל, האָט דער נביא חגי, וועלכער האָט געלעבט און געווירקט אין דער צייט פון דעם פּערסישן קעניג דאַריוס (דריוש), זיך געווענדט צו די פאָלקס־מאַסן מיט אַ דרייסטן רוף:

„איז דען איצט פאַר אייך די צייט צו זיצן אין אייערע צוגעדעקטע הייזער, בעת דאָס דאָזיקע הויז שטייט וויסט... גייט אַרויף אויפן באַרג און ברענגט געהילץ און בויט דאָס הויז, און איך וועל אים באַוויליקן און באַערן".[1]

[1] חגי א, 4, 8.

דאָס לאַנד האָט דאַן איבערגעלעבט אַ שווערן עקאָנאָמישן קריזיס, וועלכער ווערט געשילדערט דורך דעם נביא מיט די ווערטער: „איר זייט אַ סך און ברענגט אַריין וויניק. איר עסט און ניט צו זאַטקייט, איר טרינקט און קאָנט זיך ניט אָנשיכורן. איר קליידט זיך און קאָנט זיך ניט דערוואַרעמען, און ווער עס פאַרדינט, פאַרדינט אין אַ לעכערדיקן זאַק״.[2]

דער נביא גלייבט, אַז די עקאָנאָמישע שוועריקייטן קומען דערפאַר, וואָס דאָס פאָלק האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון אויסצובויען דאָס הויז, דעם פּאָליטישן צענטער זיינעם.

אויך די נאַטור שטראָפט אים דערפאַר: „דער הימל האָט פאַרשלאָסן זיין טוי און די ערד איר גערעטעניש, און איך האָב געבראַכט אַ טרוקנקייט אויף דער ערד, אויף די בערג, אויפן קאָרן און ווין און אויף די איילבירטן און אויף אַלץ, וואָס די ערד ברענגט אַרויס, ווי אויך אויף די מענטשן, אויף די פי און אויף יעדער פּראַצע״.[3]

„דאָס פּאַסירט אַלץ, ווייל מיין הויז שטייט וויסט און איר לויפט זיך יעדער צו זיין אייגן הויז״.[4]

דער ערנסטער נאַציאָנאַלער אינטערעס אויסצובויען דעם פאָלקס־צענטער האָטווירקלעך פאַראייניקט אַרום נביאישן רוף סיי דעם פאָר־טרעטער פון דער וועלטלעכער מאַכט, זרובבל בן שאלתיאל, ווי אויך דעם פאַרטרעטער פון דער רעליגיעזער מאַכט יהושע בן יהוצדק. דאָס בראַווע נביאישע וואָרט האָט געזיגט און דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך מאָביליזירט צו דער אויפבוי־אַרבעט.[5]

אַלטע לייט, וואָס האָבן נאָך געזען דעם ערשטן, דורך קעניג שלמה מיט אויסערגעוויינלעכער פּראַכט אויסגעבויטן טעמפּל, זיינען איצט, נאָכן אויפבוי פון נייעם באַשיידענעם טעמפּל, געשטאַנען טרויעריקע און דער־שלאָגענע. אָבער דער נביא האָט געמוטיקט די פירערשאַפט און דאָס

[2] חגי א׳, 6.
[3] חגי א, 11—12.
[4] דאָרטן 9.
[5] דאָרטן, 14.

פאָלק און שטיצנדיק זיך אויף יהוה האָט ער געזען אין פערספּעקטיוו ווייטערדיקע פּאָליטישע אויפטרייסלונגען אויפן נאָענטן מזרח, וועלכע וועלן „אויפרודערן דעם הימל און די ערד, דעם ים און די טריקעניש, וואָס וועלן אויפרודערן אַלע פעלקער און עס וועט קומען אַהער די פּראַכט פון אַלע פעלקער, און איך וועל אָנפילן מיט ערע דאָס דאָזיקע הויז. דען מיר געהערט דאָס זילבער און גאָלד — זאָגט יהוה — און דאָס דאָזיקע לעצטע הויז וועט זיין אין אַ גרעסערער ערע ווי דאָס ערשטע, און פרידן וועל איך ברענגען אויף דעם דאָזיקן אָרט״.[6]

אין דער זעלבער צייט פון די פאַרשווונדענע אילוזיעס וועגן דער גוטהאַרציקייט פון די פּערסישע „באַפרייער״ האָט אויך געלעבט און געווירקט אַ צווייטער נביא, זכריה.

ער מערקט אָפּ אין זיינע נבואות די פּאָליטישע געשעענישן פון פאַר דער באַבילאָנישער דעפּאָרטאַציע. ער דערמאָנט דעם פאָלק די וואָרע־נישן פון די נביאים פון יענער צייט, וועלכע דאָס פאָלק האָט פאַרראָטן. „ווו זיינען אייערע עלטערן, און די נביאים, דען קאָנען זיי אייביק לעבן, אָבער מיינע ווערטער און מיינע געזעצן, וואָס איך האָב פאַרזאָגט דורך מיינע דינער די נביאים, האָבן דען אייערע עלטערן ניט אויפגענומען און ניט חרטה געקראָגן און ניט געזאָגט: ווי יהוה האָט פאַרטראַכט צו טאָן מיט אונדז לויט אונדזערע וועגן און מעשים, האָט ער מיט אונדז געטאָן״.[7]

דערמאָנענדיק — אפשר צוליב פּאָליטישע סיבות — אין פאַר־נעפּלטע אויסדרוקן די פּאָליטישע פעלערן, וואָס עס האָבן באַגאַנגען די עלטערן, דאָס פאָלק, אין דער תקופה, וואָס פאַר דער באַבילאָנישער דעפּאָרטאַציע, און אַרויסברענגענדיק, ווי יחזקאל, — מיסטישע פּערסיש געפאַרבטע וויזיעס — זעט ער דעם עיקר־וועג צו דעם פאָלקס־אויפקום און מאַכט אין דער שטאַרקונג און לייטערונג פון אינעווייניקסטן פאָלקס־לעבן.

ער דערקלערט קוים אין קורצע רמזים, אַז די „רואיקע פעלקער

[6] חגי ב, 3—4, 6—9.
[7] זכריה א, 5—6.

האָבן שלעכט געהאָלפן״ זיין פאָלק און אַז גאָט צאָרנט אויף זיי אַ גרויסן צאָרן. דאָס וויל זאָגן, אַז זייער מאַכט איז ניט סטאַביל און אַז זייערע שטערונגען אויפן וועג צו ישראלס זעלבשטענדיקייט זיינען במילא ניט אַזוי ערנסט.

און אויב דער נביא איז ניט פריי פון פּאָליטישער צענזור און קאָן ניט העלפן און דרייסט רופן דאָס פאָלק צו פאַרפעסטיקן זיינע פּאָזיציעס אין היימלאַנד און קוקן אָפּטימיסטיש אויף דער צוקונפט, לייגט ער פאַר־זיכטיק אַריין די דאָזיקע אידייע אין מויל פון געטלעכן מלאך, וועלכער פרעגט ביי גאָט: „ביז ווען וועסטו זיך ניט דערבאַרעמען אויף ירושלים און אויף די שטעט פון יהודה, איבער וועלכע דו האָסט געצאָרנט באַלד 70 יאָר״. און גאָט ענטפערט דעם מלאך מיט גוטע ווערטער און טרייסטווערטער און זאָגט: „איך האָב מיך אומגעקערט קיין ירושלים מיט דערבאַרעמונג. מיין הויז וועט אין איר אויפגעבויט ווערן, און אַ (בוי־שנור) וועט פאַרצויגן ווערן איבער ירושלים״. און ווידער לאָזט גאָט אויסרופן: „מיינע שטעט וועלן זיך נאָך שפּרייטן פאַר גוטס און גאָט וועט נאָך טרייסטן ציון און וועט נאָך אויסוויילן ירושלים״.[8]

די באַבילאָנישע אָקופּאַנטן האָבן צעשטערט ירושלים, די פּערסישע אָקופּאַנטן מאַכן שטערונגען אויפן וועג פון אויפבוי פון דעם טעמפּל, וואָס דאַרף גילטן אַלס זאַמלפּונקט און צענטער פון אָרגאַניזירטן פאָלקס־לעבן. די שטערונגען דאַרפן איבערוווּנדן ווערן און דער אויפבוי דאַרף אָנהאַלטן ביי אַלע אומשטענדן.

און די דאָזיקע אויפבוי־וויזיעס האַלטן אָן ווייטער אין די פּאָליטישע, מיסטיש געפאַרבטע וויזיעס פון זכריהן: ער זעט דעם מלאך, וואָס טראָגט אַ מעסט־שטריק אויף אויסצומעסטן די לענג און ברייט פון ירושלים.[9]

בשעת דער באַבילאָנישער אָקופּאַציע איז ירושלים פאַרוויסט געוואָרן און האָט אָנגעוואָרן איר גרויסע מאַסן־באַפעלקערונג. אין אָנהייב פון דער פּערסישער תקופה האָט נחמיה זיך פאַרמאָסטן ווידער אויפצובויען די

[8] זכריה א, 12, 15—17.

[9] זכריה ב, 1—6.

הויפּטשטאָט, אָבער ער איז געשטערט געוואָרן דורך די שומרונים און עמונים און אַראַבער וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דער געגנט אין די יאָרן פון דער באַבילאָנישער אָקופּאַציע און האָבן פאַרמסרט די יידישע אויפבויער פאַר דער צענטראַלער פּערסישער רעגירונג, זאָגנדיק, אַז זיי בונטעווען זיך קעגן קעניג.

אַ גרויסע אויפבוי־באַוועגונג זאָל איצט ביי אַלע אומשטענדן פאַר־גענומען ווערן. די קראַפט פון פאָלק איז אין דעם פאָלקס־אויפבוי פון זיין היימלאַנד, און דער נביא זכריה, ווי אויך חגי, אַלס וואָרטזאָגער פון פאָלק, מאָביליזירן אַלע רעליגיעזע און מיסטישע פאָרמען פון פּראָפּאַגאַנדע, כדי אַרויסצורופן אַ גרויסע פאָלקס־באַוועגונג פאַרן ווידעראויפבוי פון ירושלים.

ניט דורך שטיינערנע מויערן וועט געשיצט ווערן ירושלים. „זי וועט זיצן געמיטלעך פון פיל מענטשן און פי, און איך, יהוה, וועל גילטן אַלס פייערדיקע מויער אַרום איר״.[10]

און צו די קעגנער פון דרויסן ווערט דער נביא ווי געשיקט מיט שטאַרקע וואָרענענדיקע ווערטער, וועלכע דאַרפן צוגעבן דעם פאָלק נייעם מוט צו דער אויפבוי־אַרבעט פון ירושלים: „איך בין געשיקט צו די פעל־קער וואָס באַרויבן אייך (און וואָרן), אַז ווער עס רירט אייך אָן, איז גלייך ווי ער וואָלט אָנגערירט דעם שוואַרצאַפּל פון מיין אויג״.[11]

און די אויפבוי־אַרבעט וועט זיך ניט איינקנייטשן אין באַגרענעצטע פאָלקס־גרענעצן, „נאָר פיל פעלקער וועלן צוקומען צו יהוה און גילטן מיר אַלס פאָלק״.[12]

דאָ קומט צום אויסדרוק, ווי ביי די גרויסע נביאים פון פאַר דער באַבילאָנישער אָקופּאַציע, די אידייע פון אַ פעלקער־בונד, וואָס וועט זיך אויפשליסן אַרום ירושלים.

און דער נביא פּרוווט ווייטער אָנצוואַרפן, אין דער געשטאַלט פון

[10] זכריה ב, 8—9.
[11] זכריה ב׳ 12.
[12] זכריה, ב׳ 15.

סימבאָלישע וויזיעס און קורצע אָנווייזונגען, די געשטאַלט פון יענער צו־קונפט־אָרדענונג ווען „פיל פעלקער וועלן זיך אָנשליסן אין יהוה".

די וויזיע אַנטפּלעקט זיך אין דער געשטאַלט פון אַ גאָלדענער זיבן־רעריקער מנורה און זי גיט צו אַ נייעם פּרינציפּיעלן שטריך דער געזעל־שאַפטלעכער אָרדענונג פון דעם ניי־אויסגעבויטן ירושלים. צו דעם גע־ראַנגל פון די גרויסמאַכטן, וואָס באַהערשן מיט בלוט און שווערד די קליינע מדינות, וועט קומען אַ סוף. דאָס קליינע ישראל, דער קרבן פון די דאָזיקע קאָנקורירנדיקע גרויסמאַכטן, וועט ניט דורך קראַפט זיכערן דעם וווּל־שטאַנד פון איר פאָלק: די גאָלדענע, לייכטנדע און באַצירטע מנורה מיט איר באַפּוצונג פון איילבירטן, וואָס סימבאָליזירן דעם שלום, ווינקט מיט איר ליכט צו די באַפרייטע בויער פון ירושלים און שטעלט פאַר זייער פּאָליטישן פירער זרובבל אַרויס אַ נייעם דעוויז, וואָס וועט הערשן אין דעם פעלקער־בונד פון דער צוקונפט:

„ניט מיט העלדישקייט און ניט מיט קראַפט, נאָר מיט מיין גייסט" — זאָגט יהוה.[13]

דער נביא זוכט פאַר איינס צו דערגרייכן צו אַ סאָלידאַריזירונג צווישן דעם וועלטלעכן פאָלקס־פירער זרובבל און דעם רעליגיעזן פירער, דעם כהן גדול יהושע בן יהוצדק. און ער נעמט גאָלד און זילבער און מייס־טערט אויס קרוינען פאַר דעם וועלטלעכן און רעליגיעזן פירער און זאָגט זיי פאַר, אַז זיי זאָלן ביידע צוזאַמען בויען מיט פּראַכט דעם טעמפּל און ביידע סאָלידאַריש הערשן, „און אַ ראַט פון שלום זאָל אַנטשטיין צווישן ביידן, און ווייטע וועלן קומען און בויען דעם טעמפּל פון יהוה".[14]

ער זאָגט: „אַזוי האָט יהוה געזאָגט: משפט אַן אמתן משפט, טוט גענאָד און באַרעמהאַרציקייט איינער דעם אַנדערן, באַרויבט ניט די אלמנה, דעם יתום, דעם פרעמדן און דעם אָרעמען און טראָגט ניט אין האַרצן קיין שלעכטס איינער קעגן דעם אַנדערן. (אייערע) עלטערן האָבן ניט גע־וואָלט זיך צוהערן, זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן ווידערשפּעניק און זיינען געווען

[13] זכריה ד, 6.
[14] זכריה ו, 11—15.

טויב צו הערן און זייער האַרץ איז געווען פאַרשטיינערט צו הערן די דאָזיקע לערע און רייד, וועלכע יהוה האָט מיט זיין גייסט געשיקט צו זיי דורך די ערשטע נביאים, און עס איז אַרויס פון יהוה אַ גרויסער צאָרן. ווי ער האָט צו זיי גערופן און זיי האָבן ניט געהערט, אַזוי וועלן זיי רופן, און איך הער ניט. און איך האָב אויף זיי אויפגעשטורעמט די פעלקער, וועלכע זיי קאָנען ניט און דאָס לאַנד איז חרוב געוואָרן פון פאַרבייגייער און דאָס לוסטיקע לאַנד האָבן זיי געמאַכט וויסט״.[15]

און דער נביא פאַרהאַלט זיך ניט מער אויף דער טרויעריקער פאַר־גאַנגענהייט. ער וויל אויפמונטערן דאָס פאָלק, מאָביליזירן זיינע מאַסן צו אַ גרויסער באַנייטער אויפבוי־אַרבעט, און ער מאָלט פאַר זיינע צוהערער, די געפּלאָגטע און אויסגעמאַטערטע דורך דער אָקופּאַציע און פאַרטריי־בונג:

„אַזוי האָט געזאָגט יהוה: איך האָב מיך אומגעקערט קיין ציון און איך וועל רוען מיטן פאָלק אין ירושלים, און ירושלים וועט גערופן ווערן די שטאָט פון אמת, און יהוהס באַרג — דער הייליקער באַרג... עס וועלן נאָך זיצן אַלטע מענער און פרויען אין די ירושלימער גאַסן, יעדערער מיט זיין שטעקן אין דער האַנט צוליב אַלטקייט. און די גאַסן פון שטאָט וועלן ווערן איבערפולט מיט יינגעלעך און מיידעלעך, וועלכע וועלן זיך שפילן אין אירע גאַסן[16] ...איך העלף אַרויס מיין פאָלק פון מזרח־לאַנד און פון מערב־לאַנד, און איך וועל זיי ברענגען און זיי וועלן זיך באַזעצן אין מיטן פון ירושלים און זיי וועלן מיר זיין אַ פאָלק און איך וועל זיי זיין אַ גאָט מיט אמת און גערעכטיקייט, און זאָלן געשטאַרקט ווערן די הענט פון די, וואָס הערן ביי היינטיקע צייטן די דאָזיקע רייד פון מויל פון די נביאים״.[17]

און דער נביא זעט פאָרויס, ווי די עקאָנאָמישע לאַגע פון פאָלק וועט זיך גרונטלעך פאַרבעסערן אַ דאַנק דער גערעכטער אָרדענונג, וואָס וועט

[15] זכריה ז, 9—14.
[16] זכריה ח, 3—5.
[17] זכריה ח, 7—9.

הערשן אין לאַנד, און אַז אויך די געבענטשטע נאַטור פון לאַנד וועט אַרויס־ברענגען אירע פּרוכט אַ דאַנק דער באַנייטער אַרבעט פון פלייסיקע הענט:

„אין די פריערדיקע צייטן האָט דעם מענטשנס פאַרדינסט גאָרנישט ניט באַטראָפן און די פּי האָט ניט אַריינגעבראַכט קיין פאַרדינסט, און די אַרויסגייער און אַריינגייער האָבן ניט געגאַנגען פון קיין שלום מצד דעם שונא און איך האָב אָנגעשיקט איין מענטשן קעגן דעם צווייטן. אָבער איצט בין איך פאַרן איבערגעבליבענעם פאָלק ניט ווי אין די אַמאָליקע טעג. דער שלום ברענגט זיינע פרוכט, די ערד וועט אַרויסברענגען איר געוועקס, די הימלען וועלן אַרויסברענגען זייער טוי — און דאָס אַלץ וועל איך געבן צו אייגנס דעם איבערגעבליבענעם פאָלק".[18]

אָבער — חזרט דער נביא דערציעריש נאָך אַ מאָל איבער — דאָס אַלץ וועט געשען ווען „איר וועט ריידן אמת איינער מיטן צווייטן, ווען אַן אמתן און פרידלעכן געריכט וועט איר ריכטן אין אייערע שטעט, ווען איר וועט ניט טראָגן אין האַרצן קיין שלעכטס איינער קעגן דעם צווייטן און וועט ניט ליב האָבן פאַלש צו שווערן, ווייל דאָס אַלץ האָב איך פיינט — האָט געזאָגט יהוה".[19]

דעם צוריקגעקומענעם פאָלק, וואָס בויט אויף זיין מלוכה־צענטער, זיין טעמפּל, איז אָבער בעיקר נייטיק אַ גערעכטע געזעלשאַפטלעכע אָרדע־נונג, אין וועלכער עס זאָלן זיך ניט איבערחזרן יענע עוולות, וואָס האָבן אונטערגעגראָבן, פאַר דער דעפּאָרטאַציע, די יסודות פון דער געזעלשאַפט, צעשפּאָלטן דאָס פאָלק אויף קעגנזעצלעכע שיכטן, באַרויבט דאָס רעכט פון אָרעמע און אָפּגעשוואַכט די קראַפט פון דער באַפעלקערונג צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד קעגן די כוחות פון די אַריינדרינגענדיקע אָקופּאַנטן.

אמת, בעת עזרא דער שרייבער האָט געבראַכט מיט אַ צייט פריער פאַרן פאָלק, ביים וואַסער־טויער אין ירושלים, די געזעצן פון אַלטע צייטן, האָט ער אין זיי געהאַט איינגעשלאָסן אויך די נביאישע געזעצן, וואָס זיינען איינגעפירט געוואָרן אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אופן אין דער צייט פון קעניג

[18] זכריה ח, 10—12.
[19] זכריה ח, 16—17.

ישעיהו, אָבער זיי זיינען דאָרטן פאַרשוווּמען געוואָרן צווישן לאַנגע היס־טאָרישע דערציילונגען און שאַבלאָניקע פאָרשריפטן פון רעליגיעזן ריטואַל. מען האָט זיי באַדאַרפט, ווי עס האָבן געטאָן באַצייטנס, פאַר דער דעפּאָרטאַציע, די גרויסע נביאים, איבערחזרן און אונטערשטרייכן ביי יעדער געלעגנהייט, אַז דאָס פאָלק האָט זיי ניט אָפּגעהיט שוין דאַן, פאַר דער באַבילאָנישער אָקופּאַציע, און איז לייכט געפאַלן אַלס קרבן אין יענער שווערער פּאָליטישער תקופה.

און דער נביא זכריה פאַררופט זיך, ווי שטענדיק, אויף יהוהס געט־לעכן וואָרט, און חזרט איבער קורץ די גרונט־געזעצן פון דער געזעלשאַפט און וואָרנט דאָס פאָלק, ער זאָל זיי אָפּהיטן צוליב זיין אייגענעם גליק און וווילשטאַנד.

30. דער נביא יואל

עס איז אין ערגעץ ניט אָנגעוויזן די צייט, אין וועלכער עס האָט געלעבט און געווירקט דער נביא יואל, דער זון פון פתואל, פון וועלכן עס זיינען צו אונדז דערגאַנגען בלויז פיר קאַפּיטלעך רעדעס. דאָס רוב תנ״ך־פאַרשער נעמען אָן, לויט דעם כאַראַקטער פון זיינע אַרויסטרעטונ־גען, אַז ער געהערט צו די נביאים פון דער פּערסישער תקופה, צום פערטן פאַרקריסטלעכן יאָרהונדערט.

זיין נבואה־בוך הייבט זיך אָן מיט אַ העכסט קינסטלערישער און גלייכצייטיק ריאַליסטישער שילדערונג פון דעם אומגעוויינלעכן אָנפאַל פון היישעריקן אויפן לאַנד. ער ווענדט זיך צו די אַלטע לייט מיט פאַרוווּנ־דערונג און שטאַרקער זאָרג: „הערט דאָס, אַלטע לייט, און פאַרנעמט, אַלע איינוווינער פון לאַנד. צי איז געווען אַזוינס אין אייער צייט און אין די צייטן פון אייערע עלטערן? דערציילט וועגן דעם אייערע קינדער, און אייערע קינדער צו זייערע קינדער, און זייערע קינדער ביז צום לעצטן דור״.[1]

און דאָ קומט די אויסטערלישע בילדלעכע שילדערונג פון דעם חורבן, וועלכן דער היישעריק האָט אָנגעמאַכט, ווי ער האָט אויפגעפרעסן די פרוכטביימער און תבואות און נאַקעט געמאַכט די נאַטור פון לאַנד, אויסגעטרונקען אירע זאַפטן, פאַרמיטן וויין פון די טרינקער, זאַלבן פון די פרויען, שפּייז־קרבנות פון טעמפל און זיינע באַדינער.

אַ טייל תנ״ך־פאַרשער ווילן אָננעמען, אַז דער נביא רעדט דאָ אין אַ בילדעריש־פאַרשטעלטער פאָרעם וועגן דער אינוואַזיע פון די באַבי־

[1] יואל א, 2.

לאַנישע אַקופּאַנטן און דער צעשטערונג, וואָס זיי האָבן פאַרשאַפן אין לאַנד. די אויספירלעכע שילדערונג פון די נאַטור־דערשיינונגען, וועלכע ווערן געמאָלט דורך אַ מענטשן, וואָס איז טיף איינגעוואָרצלט אין דער לאַנד־שאַפט פון זיין פאָטערלאַנד, לאָזט גיכער צו דעם געדאַנק, אַז דאָ האַנדלט זיך באמת וועגן אַ גרויסער נאַטור־קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט זיך איינגע־שניטן אין זכרון פון דעם נביא.[2]

געוויינלעך זעט דער נביא אויך אין דער גרויסער נאַטור־קאַטאַסטראָפע, אין די הימלען, וואָס זיינען פאַרפינצטערט געוואָרן דורך ריזיקע מחנות היישעריקן, „אין דעם גן־עדן־לאַנד, וואָס איז געווען פאַר זייער אָנקומען, און דעם וויסטן מדבר, אָן אויסנאָם, וואָס איז געבליבן נאָך זיי".[3] ניט קיין צופאַל, נאָר אַ האַנט פון דער שטראָפנדיקער גערעכטיקייט. ער מאַכט פון דער נאַטור־דערשיינונג זיינע דערציערישע אויספירן.

אָבער ער בלייבט טריי דער נביאישער טראַדיציע פון די פריערדיקע גרויסע נביאים, און נאָך דעם, וואָס ער האָט שטאַרק דראַמאַטיש אָנגע־וואָרפן דאָס טרויעריקע בילד פון פאַרוויסטונג, הונגער און פיין, ברעכט ער אויס מיט רוישיקע, פריילעכע, אָפּטימיסטישע אַקאָרדן.

דאָס נאַטור־אומגליק איז שוין פאַרביי און די נאַטור האָט דערוואַכט מיט אַ ריזיקער שפּראָצנדיקער קראַפט. די נאַטור און די מענטשן האָבן אויסגעקויפט זייער זינד.

„יהוה האָט זיך אָפּגערופן און געזאָגט צו זיין פאָלק: איך שיק אייך (ווידער) קאָרן, וויין און בוימל און איר וועט זאַט זיין און ניט מער זיין צו שאַנד צווישן פעלקער... שרעק זיך ניט, ערד, מאַך זיך לוסטיק און פריי זיך, ווייל גרויס געטאָן האָט יהוה. שרעקט זיך ניט, בהמות אין פעלד, די מדבר־וויסטענישן האָבן זיך באַדעקט מיט גראָז, דער בוים האָט געבראַכט זיינע פרוכט, דער פייגנבוים און וויינשטאָק האָבן געגעבן זייער גאָב... די שייערן האָבן זיך אָנגעפילט מיט תבואה און די קעלטערס וועלן זיך איבערגיסן מיט טרויבן־זאַפט און בוימל".[4]

[2] יואל א, 3—7.
[3] יואל ב, 3.
[4] יואל ב, 19, 21—22, 24.

יואל מאָלט אויך דאָס בילד פון דער צוקונפט־וועלט, ווי עס וועט אויסזען נאָך דעם גרויסן משפט יהוהס איבער די פעלקער. דאָס בילד איז דאָ ניט גאַנץ קלאָר און ניט געבונדן. עס פעלן אין אים אפשר טיילן און דער אויפגעהאַלטענער טעקסט שטעלט פאָר מיט זיך, קאָן זיין, נאָר פראַגמענטן. איינס לאָזט זיך אָבער זען דייטלעך, אַז דער נביא שטעלט זיך פאָר, ווי אַלע פעלקער וועלן זיך צונויפקומען אין דעם יהושפט־טאָל, דער טאָל, וואָס טיילט אָפּ דעם טעמפּל־באַרג — הר הבית — פון דעם אייל־בירטן־באַרג — הר הזיתים) און יהוה וועט זיי משפטן פאַר די עוולות און יסורים וואָס זיי האָבן פאַרשאַפן דעם פאָלק ישראל.

זיינע צווישנפעלקערלעכע האָריזאָנטן בלייבן שמאָל און באַגרענעצט. צום אונטערשייד פון די פריערדיקע נביאים, דערהויפּט ווי עמוס און ישעיה, שליסט זיך זיין פּאַטריאָטיזם איין אין די ראַמען פון זיין פאָטער־לאַנד און דערגרייכט ניט דעם ריזיקן אוניווערסאַלן פאַרנעם, ווי ביי די דערמאָנטע נביאישע וואָרטזאָגער. ער פאַרגיט פאַר קיין פאַל ניט די הער־שער פון אדום און מצרים פאַר זייערע פיינטלעכע באַציונגען צו ישראל אין דער פאַרגאַנגענהייט, ער שטעלט זיך ניט פאָר, אַז אויך אין די לענדער פון די נעכטיקע אגרעסאָרן וועט זיך אין גרונט בייטן די געזעלשאַפט־לעכע אָרדענונג. ער איז פול מיט אויסגעשפּראָכענע נקמה־געדאַנקען. ווי איבערפראַזירנדיק די צוקונפט־וויזיע פון די נביאים ישעיה און עמוס, וועלכע האָבן געגאַרט צו אַ צייט, ווען פעלקער „וועלן צעשטויסן זייערע שווערדן אין גראָבאייזנס און שפּיזן אויף שניידמעסערס, האָט ער גערופן, פאַרקערט, מען זאָל „פאַרוואַנדלען די גראָבאייזנס אין שווערדן און די שניידמעסערס אין שפּיזן״.[5] פאַר אים איז יהוה נאָך דער אַלטער גאָט פון נקמה. ניט פאַר אַלע פעלקער וועט אויפשטראַלן מיט אַ מאָל די זון פון גליק, עס וועט ניט פאָרקומען קיין חרטה און קיין דערבאַרעמונג. און בעת ער שטעלט זיך פאָר די גליקלעכע צייט אין לעבן פון זיין פאָטערלאַנד, בעת „די בערג וועלן פליסן מיט זאַפט און איבער די הויכענישן וועלן רינען

[5] יואל ד, 10.

מילך און אַלע קוואַלן פון יהודה־לאַנד וועלן שטראָמען מיט וואַסער און פון יהוהס טעמפל וועט אַרויס אַ קוואַל און וועט אָנטרינקען דעם שיטים־טאָל״, — **דאַן וועט מצרים בלייבן וויסט און אדום וועט זיין אַ** „מדבר דערפאַר, וואָס זיי האָבן באַרויבט די יהודה־בירגער און פאַרגאָסן בלוט אין זייער לאַנד״.[6]

[6] **יואל ד, 18—20.**

31. דער נביא מלאכי

מלאכי זעט אויס צו זיין איינער פון די נביאים פון דער פערסישער תקופה ניט נאָר דערפאַר, וואָס זיין דרייקאַפּיטלדיקער נבואה־בוך ווערט געבראַכט צום סוף פון די אַזוי גערופענע „לעצטע נביאים", נאָר צוליב דעם קאָמפּראָמיספולן כאַראַקטער פון זיינע אַרויסזאָגונגען, אין וועלכע עס פילט זיך שטאַרק די טעאָקראַטישע השפעה.

דער נאָמען פון נביא מאַכט, ווי די נעמען פון אַנדערע נביאים, דעם איינדרוק פון אַ פּסעוודאָנים, פון אַ סימבאָלישער אָנדייטונג: מלאכי — מלאך יהוה — דער שליח פון יהוה. ווי אַ טייל תנ"ך־פאָרשער זיינען משער, האָט ער געלעבט אין ירושלים אַ קורצע צייט פאַר עזרא דעם שריי־בערס אָנקומען מיט די ישראלדיקע איינוואַנדערער־מאַסן פון בבל און האָט אפשר אין גאַנצן אויסגעמיטן די דעפּאָרטאַציע.

ווי דער נביא יואל, איז אויך ער גאַנץ באַזונדער אויפגעבראַכט קעגן דעם שכנישן אדום־לאַנד, וואָס האָט געהאָלפן די באַבילאָנישע אָקופּאַנטן צו פאַרוויסטן זיין פאָטערלאַנד. ער מיידט ניט אויס, הגם אין קורצע ווערטער, צו טאַדלען די פוילקייט פון אייגענעם פאָלק, וואָס האָט דער־מעגלעכט דעם חורבן פון לאַנד. ער ברענגט פאַר זיינע צוהערער דאָס וואָרט יהוהס: „איך וועל צוטרעטן משפּטן אייך און איך וועל גילטן אַלס שנעל־עדות' אַנטקעגן צויבערער, משפּחה־פאַררעטער און פאַלש־שווערער, אַנטקעגן אָפּרויבער פון דעם געהאַלט פון לוין־אַרבעטער, פון אַן אלמנה און יתום, אַנטקעגן די, וואָס פאַרפירן דעם פרעמדן".[1]

אָבער שפּרינגענדיק פון איין ענין צום צווייטן, קאָנצענטרירט זיך מלאכיס וואָרט אויף דער פאַרטיידיקונג פון פּריסטערלעכע פּריווילעגיעס פון

[1] מלאכי ג, 5.

די ירושלימער כוהנים. ער קריטיקירט דאָס פאָלק, וואָס גיט זיי ניט אָפּ די געהעריקע ערע, וואָס ברענגט זיי ניט די געהעריקע מתנות, אין וועלכע זיי נייטיקן זיך באַזונדערס אין זייער שפּלדיקן מצב. ער מאַכט אָפּהענגיק דעם ווילשטאַנד פון פאָלק פון זיין מאַטעריעלער זאָרג פאַר גאָט־דינער.

דאָס זיינען טענער, וואָס זיינען געווען לחלוטין פרעמד די נביאים פון די פריערדיקע דורות. דאָס איז אַ קלאָרע איינשטעלונג פון אַ טעאָ־קראַט, וואָס באַטראַכט די כוהנים אַלס גע׳זעצלעכע יורשים פון די מלכים און וויל זיי איינפונדעווען עקאָנאָמיש, כדי זיי זאָלן זיך דערהייבן צו פירער פון דער פריסטערלעכער מלוכה, ממלכת כוהנים, וואָס דאַרף געגרינדעט ווערן.

איר האָט דאָ דעם אָפּקלאַנג פון אַ טעאָקראַטישער איבערקערעניש, צו וועלכער עס שטייען צו באַנקראָטירער פון דער נביאישער באַוועגונג.

„ווייסט — זאָגט מלאכי אין אַ נוסח, וואָס איז פרעמד די נביאים פון אַלע צייטן — אַז איך (יהוה) האָב געשיקט צו אייך דעם דאָזיקן געבאָט, אַז מיין בונד זאָל זיין מיט דעם (שבט) לוי... מיין בונד מיט אים איז געווען אויף לעבן און פרידן און איך האָב אים געגעבן די אויטאָריטעט. פון זיין מויל קומט די אמתע לערע און פון זיינע ליפּן הערט זיך ניט קיין אומרעכט. אין פרידן און גערעכטיקייט האָט ער זיך באַגאַנגען מיט מיר, פיל האָט ער אומגעקערט פון זינד. דעם כוהנס ליפּן היטן אָפּ די דערקענ־טעניש, און פון זיין מויל ווערט געפאָדערט די לערע, ווייל ער איז דער שליח פון יהוה״.[2]

אַזוי קלינגט אין דער שקיעה־צייט פון דער נביאישער באַוועגונג דאָס וואָרט פון אַ מאַן, וואָס האַלט זיך נאָך פאַר אַ נביא, אָבער פּרוּווט אויסליידיקן די נביאישע באַוועגונג פון איר גייסטיקן אינהאַלט און זינגט לויב־געזאַנגען דעם פריסטער־קלאַס אין ירושלים, וואָס האָט דורות־לאַנג גערודפט די נביאים, קאָלאַבאָרירט מיט די מלכים און צוזאַמען מיט זיי רייך געוואָרן פון פאַרמעגן פון די פאָלקסמאַסן.

[2] מלאכי ב, 4—8.

מלאכי מאָנט איצט אָפּן, אַז עס זאָל געגעבן ווערן די כּוהנים און לוויים די בעסטע שאָף פון די סטאַדעס, עס זאָלן זיי מיט אַ פולער האַנט דער־לאַנגט ווערן די שטייערן און ער כּעסט און שילט אַפילו די, וואָס דער־פילן ניט זייער חוב לגבי די דינער פון טעמפל.

אפשר לאָזט זיך פון מלאכיס כּעס גאָר לערנען, אַז די ישראלדיקע דאָרפסלייט, וואָס האָבן אויסגעמיטן די דעפּאָרטאַציע, האָבן ווייניק וואָס געהאַט חשק אָוועקצוגעבן די ניי־אָנגעקומענע כּלי־קודש אַ באַדייטנדיקן טייל פון זייער פּראָצע, און אַז דער פרומער מלאכי האָט געמוזט מאַכן אויף זיי זיין שטאַרקן מאָראַלישן דרוק.

פערטער טייל

32. די גייסטיקע ירושה פון דער נביאישער באוועגונג. די תהילים-געזאנגען און דער פאָלקלאָר

די לאַנגע דורות פון דער פּראָדוקטיווער אויסווירקונג פון דער נביאישער באַוועגונג האָבן באַקומען זייער ליטעראַריש־רייכן און מאָראַליש טיפן אויסדרוק ניט נאָר אין היסטאָרישע שילדערונגען און פאַרשריבענע נביאישע רעדעס.

די נביאישע באַוועגונג האָט אוממיטלבאַר באַווירקט די פאָלקס־ליטעראַטור און דעם פאָלקלאָר פון איר צייט. זי האָט אַרויסגערופן צום לעבן פאָלקסלידער און פאָלקס־מוזיק, וועלכע זיינען צוגעשריבן דעם פּאַרצייטיקן גרויסן פאָלקס־קעניג און מוזיקער דוד, און וועלכע פלעגן געזונגען ווערן דורך איינצלנע פאָלקס־מוזיקער און פאָלקס־כאָרן אין באַגלייטונג פון פאַרשידענע מוזיק־אינסטרומענטן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אין פאָלקס־לעבן, ביי פריידיקע יום־טוב־צוזאַמענקונפטן, ביים שניידן די תבואה אין פעלד און בשעת אָפּגעהאַלטענע נצחונות איבער פיינט.

ניט ווייניק זיינען אָבער אויפגעקומען אויך פאָלקסלידער, וואָס אַנט־פּלעקן די טיפע ווירקונג פון דער נביאישער באַוועגונג אויפן לעבן פון יחיד, וועלכער ברענגט צום אויסדרוק, אין ליד, זיין באַעוולטקייט, זיין אָנמעכ־טיקייט קעגן שטאַרקע פיינט און שלעכטע מיטבירגער, קעגן הערשער און אויסנוצער. ווי אַ וואַנדערער אין מדבר לעכצט נאָך וואַסער, אַזוי לעכצט אין דעם פאָלקסליד דער יחיד נאָך דעם קוואַל פון גערעכטיקייט, דעם קוואַל פון גלייבן אין יהוה, דעם גאָט פון גערעכטיקייט, וועלכן עס האָבן אים אויפגעדעקט די נביאים.

אויפן יסוד פון מיינע נביאים־פאַרשונגען בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג און צו דער מיינונג, אַז דאָס תהילים־בוך איז אַ פּראָ־

דוקט אָדער, ריכטיקער געזאָגט, אַ פועל־יוצא פון דער נביאישער באַוועגונג און פון נביאישן דענקען.

דאָס איז, אין גרונט, אַ זאַמלונג פון פאָלקסלידער, וואָס זיינען פאַרפאַסט געוואָרן פון פאַרשיידענע מחברים און אין פאַרשיידענע צייטן, ביז צום 6טן פאַרקריסטלעכן יאָרהונדערט.

די לידער זיינען געווען באַשטימט צום זינגען דורך די לוויים־כאָרן אין טעמפל און אויך בשעת אַנדערע פאָלקס־פאַרווײַלונגען, און זיי פלעגן געזונגען ווערן אין דער באַגלייטונג פון פאַרשיידענע מוזיקאַלישע פאָלקס־אינסטרומענטן, ווי די נחילות, שמינית, גתית, מחלת, שושן עדות און שושנים,[1] אונטער דער אָנפירונג פון ספּעציעלע דיריגענטן (מנצחים). זיי צייכענען זיך אויס מיט זייער ריטמישקייט און זיינען, קאָנטיק, אָפט באַגלייט געוואָרן מיט פאָלקס־טענץ.

זייער עצם־זינגען — ווי דער געזאַנג פון רעוואָלוציאָנערע לידער אין אונדזער צייט — איז געווען אַ זיג פון די נביאישע אידייען און אַ קלאָרער באַווייז פאַר זייער אַריינדרינגען אין פאָלק, פאַר זייער פאָלקס־דערציערישער ווירקונג.

די פאַרפאַסונג פון דעם תהילים־בוך ווערט צוגעשריבן דעם מוזיקאַלישן קעניג דוד, אָבער שוין אין בוך גופא, אין סוף פון קאַפּיטל ע״ב ווערט געזאָגט: „עס האָבן זיך געענדיקט די געבעטן פון דוד, דעם זון פון ישי״.

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז אַ דאַנק זייער מאָראַלישן, סאָציאַל־קריטישן און שטרענג יהוהיסטישן אינהאַלט האָבן די מלכים און כוהנים, וואָס זיינען געווען אָנהענגער פון בעל־קולט, געשטערט אין זייער צייט דער עפנטלעכער פאַרשפּרייטונג פון די געזאַנגען. זיי זיינען אפשר געזונגען און געשפּילט געוואָרן אַ געוויסע צייט געהיים אין פאָלקס־קרייזן און ערשט נאָכן אומקער פון די פאַרטריבענע פון בבל האָבן זיי זיך איינגעבירגערט און געזונגען געוואָרן דורך די לוויים־כאָרן אין צווייטן בית־המקדש און אויף פאָלקס־יום־טובים.

[1] זע פּנחס מינקאָווסקיס אויספירלעכע פאַרשונג איבער די פאַרצייטיקע ישראלדיקע מוזיק־אינסטרומענטן — כלי הזמר בישראל. „השלוח״, כרך ו׳.

פאַר דעם תהילים־זינגער איז יהוה נאָך אַפּט דער אויסשליסלעך נאַציאָנאַלער גאָט פון ישראל. ער העלפט דעם פאָלק קעגן אַלע, וואָס גרייפן אים אָן פון דרויסן.[2] ער העלפט אויך דעם פאָלקס־קעניג, כל זמן ער איז טריי דער אידייע פון שלום און גערעכטיקייט.

אין דער פאַרעם פון פאָלקס־געזאַנגען ווערט דאָ געגעבן אַ יהוהיס־טישע אָפּשאַצונג און באַלייכטונג פון היסטאָרישע טאַטזאַכן. די גייסטיקע קראַפט, דער וועלט־יושר, שטייט דאָ אין אַ זיגרייכן געראַנגל מיט דער פינצטערקייט, מיט די ברוטאַלע אויסברוכן פון דער כוח־פּאָליטיק.

דער גערעכטער מענטשליידט שווער און ביטער פון דער אומגע־רעכטיקייט און גוואַלט, ער איז אַרומגערינגלט מיט שונאים, וואָס לויערן איבער אים, אָבער ער איז ניט איינזאַם, ניט קוקנדיק אויף זיין שוואַכקייט און כלומרשטיקער הילפלאָזיקייט קאָן ער זיך שטיצן אויף דעם וועלט־כוח, וואָס שטייט אויף דער וואַך פון דער גערעכטיקייט און שיצט אַלע באַרויבטע: „איך לייג זיך און ווער אַנטשלאָפן, איך כאַפּ זיך אויף, ווייל יהוה שטיצט מיך. איך שרעק זיך ניט פאַר דעם המון פון צענדליקער טויזנטער, וואָס האָבן זיך אַרום מיר באַנומען. שטיי אויף, יהוה, העלף מיר, מיין גאָט, ווייל דו האָסט צעשלאָגן די באַק פון מיינע פיינט, דו האָסט צעבראָכן די ציינער פון די רשעים. פון יהוה קומט די הילף צו דיין פאָלק".[3]

יהוה איז דער שיצער פון די שוואַכע קעגן די רשעים פון דער וועלט: „אויף דיר פאַרלאָזט זיך דער אָרעמער, דו העלפסט אַרויס דעם יתום; דו צעברעכסט דעם אָרעם פונעם רשע און דעם שלעכטן, מען וועט זוכן זיין שלעכטס און ניט געפינען".[4]

לויט זייער טעמאַטיק זיינען די תהילים־געזאַנגען פילפאַרביק און פאַרשיידנאַרטיק. זיי לאָזן זיך, אין גרונט, צעטיילן אויף פיר גרעסערע טעמאַטישע גרופּן: 1) דער רוף פון באַעוולטן יחיד צו יהוהן, דעם אַנער־

[2] תהילים, קאַפּיטל ב׳ און אַנדערע.
[3] תהילים ג, 6—9.
[4] תהילים י, 14—15.

קענטן גאָט פון גערעכטיקייט. 2) דער רוף פון אונטערדריקטן פאָלק צו יהוהן, פון וועלכן דער ליידנדיקער קאָלעקטיוו פאָדערט הילף און דער־לייזונג. 3) פייערלעכע געזאַנגען, דאָס רוב דאַנק־געזאַנגען צו יהוהן אין שייכות מיט באַשטימטע מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע דערגרייכונגען און דערפאָלגן. 4) מאָראַלישע וויזיעס פון דעם יחיד, אין וועלכע עס קומט אויף די געשטאַלט פון דעם פאָזיטיוון העלד און פון דעם אידעאַלן בירגער.

אין דער מערהייט פון זיינע קאַפּיטלעך איז דער תהילים־בוך אַ טעקסט־בוך צו נביאישער פאָלקס־מוזיק, וועלכע האָט זיך פאַרשפּרייט אין פאָלק ערשט נאָכן אומקער פון בבל.

אין די תהילים־געזאַנגען קומען צו אַ באַזונדערס בולטן אויסדרוק צוויי נביאישע אידעאַלן: 1) דער אידעאַל פון אַ פאָלקס־קעניג, וואָס איז געקומען צום באַוווסטזיין פון זיינע זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן פאָלק, און פון זיין אומגערעכטער אויפפירונג, און וועלכער איז דורכגע־דרונגען מיטן געפיל פון חרטה אויף זיינע מעשים. ער רעדט זיך אויס זיינע איבערלעבענישן פאַר יהוה, דעם גאָט פון גערעכטיקייט, און בעט ביי אים אונטערטעניק, ער זאָל אים פאַרגעבן זיינע שווערע זינד.

דער צווייטער און עיקרדיקער אידעאַל, וועלכער גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך דעם גרעסטן טייל קאַפּיטלעך פון בוך, איז די פאַר־ווירקלעכונג פון דער נביאישער מאָראַל און געזעלשאַפטלעכקייט אין לעבן פון דעם יחיד. בעת די נביאישע ביכער זעען פאַר זיך, דאָס רוב, דאָס פּאָליטישע און מאָראַלישע לעבן פון דעם קאָלעקטיוו, פון דעם ישראל־פאָלק און פון אַנדערע פעלקער, זעען מיר אין תהילים־בוך די ־אַנגלעבנישן און די דערגרייכונגען פון דעם יחיד, וועלכער קעמפט מיט דער סביבה און מיט זיך אַליין פאַר אַ גערעכטן לעבן. דאָ קומט צום בולטן אויסדרוק דאָס אינדיווידועלע, די אָפּשפּיגלונג פון די נביאישע אידעאַלן אין לעבן פון דעם איינצלנעם בירגער, אַלס אַן אָרגאַנישן טייל פון דער געזעלשאַפט, פון זיין פאָלק און פון זיין לאַנד. די שילדערונג פון די אינדיווידועלע איבערלעבענישן איז דאָ ניט אַבסטראַקט. זי איז אַריינגע־פלאָכטן אין דער היסטאָרישער סביבה, אין פאָלקלאָר און קלימאַט פון

לאַנד און זי האָט די בולטע כוונה צו באַווייזן די ריכטיקייט פון די נביאישע אידעאַלן אויפן גרונט פון לעבעדיקע ביישפילן פונעם בירגערלעכן לעבן.

די געשטאַלט פון אַ גערעכטן קעניג, וואָס איז טריי די נביאישע אידעאַלן, וועלכער גילט אַלס דער „געזאַלבטער פון יהוה״, ווערט שוין געשילדערט אין צווייטן קאַפּיטל פון בוך. דער געזאַלבטער פאָלקס־קעניג שטעלט זיך דרייסט און זעלבסטפאַרטרויט אַרויס קעגן דער הערשנדיקער פּאָליטיק פון מאַכט מצד די פיזיש שטאַרקע מדינות. ער זינגט אין זיין ליד:

צו וואָס דולן זיך אומזיסט די פעלקער?
צו וואָס פאַרנעמען זיך אומזיסט די נאַציאָנען?
עס פאַרמעסטן זיך די קעניגן פון לאַנד
און פירשטן האָבן זיך צוזאַמענגענומען
קעגן יהוהן און זיין געזאַלבטן.
(זיי זאָגן:) לאָמיר אָפּשניידן זייערע אויפבונדן,
לאָמיר אַראָפּוואַרפן זייערע שטריק,
דער וואָס זיצט אין הימל לאַכט,
גאָט שפּאָט זיי אויס.
ער רעדט צו זיי מיט צאָרן,
מיט זיין כעס שרעקט ער זיי אָן,
און איך האָב אויסדערוויילט מיין קעניג
אויף מיין הייליקן ציון־באַרג,
איך דערקלער אַלס געזעץ.
יהוה האָט צו מיר געזאָגט: דו ביסט מיין זון,
איך האָב דיך היינט געבוירן.
פאַרלאַנג פון מיר, וועל איך דיר געבן
פעלקער, אַלס מיין ירושה,
און דיין באַזיץ — ביז צום ענד פון דער ערד!...
און איצט ווערט קלוג, איר מלכים,
זייט געוואָרנט, איר ערדישע ריכטער״.[5]

[5] תהילים ב, 1—10.

כל זמן עס עקזיסטירט שלעכטס אויף דער וועלט, איז יהוה דער גאָט פון די געדרודפטע און אונטערדריקטע, צו אים ווענדט זיך דער באַוואולטער מענטש נאָך הילף, אין אים געפינט ער קראַפט און בטחון אין זיינע ליידן, ווייל

„פאַר דיינע אויגן קאָנען ניט אויפקומען קיין אומגעלומפּערטע.
דו האָסט פיינט שלעכטס־טוער,
דו ברענגסט אום ליגנער,
דעם מענטש פון בלוט און פאַלשקייט האָסטו״.[6]

דער ערלעכער און גערעכטער געפינט אין יהוה זיין באַשיצער:

„יהוה, מיין גאָט, אויף דיר האָב איך מיך פאַרלאָזן.
העלף מיר אַרויס פון מיינע פאַרפאָלגער און ראַטעווע מיך,
טאָמער וועט ער (דער שטאַרקער) פאַרצוקן מיין נשמה,
ווי אַ לייב,
צעברעכן מיך און קיינער וועט מיך ניט ראַטעווען״.[7]

יהוה איז דער גערעכטער ריכטער צווישן מענטש און מענטש און ער איז גלייכצייטיק דער פאַרטיידיקער פון דעם באַוואולטן.

„משפט מיך, יהוה, לויט מיין גערעכטיקייט און גאַנצקייט,
זאָל זיך ענדיקן דאָס שלעכטס פון די שלעכטע,
און ריכט אויף דעם גערעכטן״.[8]

יהוהס גערעכטער אורטייל מוז פריער אָדער שפּעטער קומען אויף אַלע גוואַלד־טוער און פאַרברעכער.

„דען דו האָסט געפירט מיין משפט און פראָצעס,
דו ביסט געזעסן אויף דיין שטול אַלס גערעכטער ריכטער,

[6] תהילים ה, 6—7.
[7] תהילים ז, 2—3.
[8] תהילים ז, 9—10.

דו האָסט אַנגעשריען אויף די פעלקער,
האָסט אומגעבראַכט דעם אומגערעכטן...
דו האָסט שטעט רואינירט,
זייער אָנדענק איז צו גרונט געגאַנגען,
און יהוה זיצט אין דער אייביקייט אַריין,
ריכט אויף זיין שטול צום משפט,
ער משפט די וועלט מיט גערעכטיקייט,
ער ריכטעט די פעלקער מיט יושר״.[9]

אין 15טן קאַפּיטל ווערט געמאָלט דאָס אידעאַלע בילד פון אַ בירגער, וואָס „לעבט אין יהוהס געצעלט, וואָס רוט אויף זיין הייליקן בארג״. דאָס וויל זאָגן — וואָס לעבט זיך אויס יושרדיק און מענטשלעך, וואָס

„באַגייט זיך ערלעך און האַנדלט גערעכט
דער, וואָס רעדט אמת אין זיין האַרצן,
וואָס האָט מיט זיין צונג קיינעם ניט באַרעדט,
האָט זיין מיטמענטשן קיין שלעכטס ניט געטאָן,
האָט ניט געטראָגן קיין שאַנד אויף זיין נאָענטן,
זיין געלט האָט ער ניט אויסגעבאָרגט אויף פּראָצענט
און האָט ניט גענומען שוחד פאַרן ריינוואַשן.
דער וואָס טוט אַזוי וועט קיין מאָל ניט פאַלן״.[10]

רייכע און פילזייטיקע שילדערונגען פון גערעכטע און אומגערעכטע מעשים, פון מאָראַלישער אויפפירונג ביי איינע און פון פאַרשיידנ־אַרטיקסטע פאַרברעכנס ביי די אַנדערע, ווערט אין אַלערליי ליטעראַרישע פאָרמען געשילדערט אין דעם אינהאַלטרייכן 150 קאַפּיטלדיקן בוך.

אָט דריקט אויס דער גערעכטער זיין געפיל פון גליק און צופרידנקייט, וואָס ער איז ניט פאַרפירט געוואָרן דורך די פאַרדאָרבענע שיכטן פון פאָלק, וואָס ער איז ניט אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון זינד, וואָס איז

[9] תהילים ט, 5—9.
[10] תהילים טו, 1—3, 5.

דורך זיי געשטעלט געוואָרן. אַט טרעט ער אַרויס אַלס טאַדלער און אָנקלאָ־גער, שטיצט זיך אויף ביישפּילן און בעט ביי גאָט, ער זאָל ניט לאָזן אומבאַשטראָפט די רשעים. און אַט קלאָגט ער זיך ביטער אויף דעם מצב פון דעם גערעכטן און באַשיידענעם, וואָס ווערט גערודפט און באַוועלט און וואָס יהוה, דער גאָט פון גערעכטיקייט, איילט זיך ניט מיט זיין הילף און רופט זיך ניט אָפּ אויף די טרערן, וואָס דער גערודפטער פאַרגיסט אין שלאָפלאָזע נעכט. אָפּט דערגייט אפילו די זאַך צו אַן אָפענעם פּראָטעסט קעגן יהוהס געדולדקייט צו די שלעכטע, קעגן זיין אָפּלייגן דאָס געטלעכע געריכט איבער דער פאַרדאָרבענער געזעלשאַפט.

אַלס באַזונדער כאַראַקטעריסטישער אויסדרוק פון די נביאישע אידייען גילט דער קאַפּיטל צד — 94, וועלכער פלעגט געזונגען ווערן — ווי עס דערציילט די טראַדיציע — יעדן מיטוואָך דורך די לווים־כאָרן אין טעמפּל:

„דערשיין, יהוה, גאָט פון נקמה,\
דערהייב זיך, ריכטער פון דער וועלט,\
באַצאָל דאָס געהעריקע די שטאָלצע!\
ביז וואַנען, יהוה,\
ביז וואַנען וועלן די רשעים זיך לוסטיק מאַכן?!\
(ביז וואַנען) וועלן זיי רעדן גראָבע רייד,\
(ביז וואַנען) וועלן זיך פאַרמעסטן אַלע שלעכט־טוער?!\
דיין פאָלק, יהוה, אונטערדריקן זיי\
און דיין נחלה פייניקן זיי,\
די אַלמנה און דעם פרעמדן טויטן זיי\
און די יתומים מאָרדן זיי...״\
יהוה איז מיר געוועזן אַ פעסטונג\
און מיין גאָט — אַ שוץ־פעלדז,\
זאָל ער זיי באַצאָלן פאַר זייער אומרעכט\
און פאַר זייער שלעכטס פאַרשניידן,\
יהוה אונדזער גאָט״.[12]

[11] תהילים צד, 1—6.

[12] תהילים צד, 22—23.

אין איינצלנע תהילים־געזאַנגען קומט אַ קלאָרער אָנווייז אויף אַ באַ־שטימטער היסטאָרישער תקופה, אין וועלכער דער זינגער האָט געלעבט. עס ווערן געשילדערט בילדער פון ירושלימער געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַזוי, אַ שטייגער, געהערן איינצלנע געזאַנגען מיט זייערע אויסגעשפּראָ־כענע נאַציאָנאַלע מאָטיוון און מיט זייער דראַמאַטישן און עלעגישן אינהאַלט צו דער צייט, ווען די געפאַנגענע זיינען פאַרשלעפּט געוואָרן נאָך דער באַבילאָנישער אָקופּאַציע פון לאַנד קיין בבל. עס זיינען דאָ אַפילו געזאַנ־גען, וואָס געהערן צו דער שפּעטערדיקער צייט, ווען די דעפּאָרטירטע האָבן זיך אומגעקערט געטרייסטע און פריידיקע צוריק אין זייערע היימען.

אַזוי אַרום ברייטערט זיך די קאַנווע פון דעם פּילזייטיקן לידער־בוך תהילים און ער נעמט אַרום אַ זאַמלונג פון פאָלקס־שאַפן אויף אַ שטח פון כמעט טויזנט יאָר, וועלכער איז באַשטראַלט און באַהויכט מיטן גייסט פון דער נביאישער באַוועגונג.

אַזוי ווערט געזונגען אין 126סטן קאַפּיטל, אין איינעם פון דער פּרעכ־טיקער סעריע טרעפּן־לידער:[13]

„ווען יהוה האָט אומגעקערט ציונס געפאַנגענע
זיינען מיר ווי פאַרטרוימטע געוועזן.
אונדזער מויל האָט זיך אָנגעפילט מיט געלעכטער
און אונדער צונג מיט געזאַנג;
דאַן האָבן פעלקער געזאָגט:
יהוה האָט גרויסעס געטאָן מיט זיי.
וואָלט ער מיט אונדז אַזוי געטאָן,
וואָלטן מיר זיך פרייען.
קער אום, יהוה, אונדזערע געפאַנגענע
ווי וואַסער־שטראָמען אין אַ טרוקן לאַנד.
די וואָס זייען מיט טרערן
זאָלן שניידן מיט פרייד.

[13] עס האָט זיי, קאָנטיק, געזונגען דער לוויים־כאָר אויף די טרעפּ פון טעמפּל.

עס גייט און וויינט דער טרעגער פון זוימען־בייטל,
זאָל קומען מיט פרייד דער טרעגער פון די גאַרבן.״[14]

און אין קאַפּיטל 137 (קל״ז) ווערט געזונגען:
„אויף די טייכן פון בבל זיינען מיר געזעסן און געוויינט
דערמאָנענדיק זיך אין ציון.
אויף די ווידן־ביימער דאָרטן
האָבן מיר אויפגעהאָנגען אונדזערע פידלען,
ווייל דאָרטן האָבן פון אונדז געפאָדערט
אונדזערע פאַנגער לידער און אונדזערע דריקער — פרייד.
זינגט אונדז פון ציונס לידער!
— ווי קאָנען מיר זינגען יהוהס ליד
אויף פרעמדער ערד?!
אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים,
זאָל מיין רעכטע האַנט פאַרגעסן ווערן,
זאָל זיך צוקלעפּן מיין צונג צום גומען,
אויב איך וועל דיך ניט געדענקען,
אויב איך וועל ניט אַרויפברענגען ירושלים
אויף דער שפּיץ פון מיין פרייד...״[15]

און דער פריידיקער געזאַנג פאַרענדיקט זיך מיט אַ נקמה־רוף קעגן דער פעלקער־אומברענגערישער בבלישער אימפּעריע, מיט אַ ווונטש, „אַז זי זאָל צעשטערט ווערן ביזן גרונט, זאָל צערויבט ווערן און קריגן באַצאָלט פאַר דעם, וואָס זי האָט אונדז געטאָן און אַז אירע עופהלעך זאָלן (ווי אונדזערע) צעשלאָגן ווערן איבערן פעלדז.״[16]

און אין דעם גרויסן ריטמיש־קלינגענדיקן לויב־געזאַנג פאַר יהוה, דעם גערעכטן און גנאַדיקן, ווערט אויסגערעכנט אַ היסטאָרישער לאַנגער

[14] תהילים קכו, 1—6.
[15] תהילים קלז, 1—6.
[16] תהילים קלז, 7—9.

צעטל פון הילף־אַקציעס, וועלכע יהוה האָט געטאָן מיט זיין פאָלק אין משך פון דורות און ווי אַ רויטער פאָדעם גייט אַדורך דורך דער גאַנצער שערענגע פון דערפאָלגרייכע מעשים און גליקלעכע געשעענישן דער נביאישער געדאַנק, אַז עס איז נישטיק די פיזישע מאַכט פון די הערשער, אַז די גערעכטיקייט זיגט און אַז די שוואַכע ווערן געשיצט און דערלייזט דורך יהוהס אַלמעכטיקער האַנט. אַזוי ווערט געזונגען איבערן ניצחון פון יהוהס גערעכטן ווילן:

„(לויבט דעם) וואָס האָט געשלאָגן די גרויסע קעניגן,
ווייל אייביק איז זיין גנאָד.
דעם וואָס האָט געטויט די מעכטיקע קעניגן,
ווייל אייביק איז זיין גנאָד.
סיחונען, דעם קעניג פון אמורי
און עוג, דעם קעניג פון בשן,
ווייל אייביק איז זיין גנאָד...״[12]

און דער זינגער וואָלט געקאָנט פירן ווייטער זיין צעטל און דערמאָנען די היינטצייטיקע טיראַנען, סיי די וואָס זייער הערשאַפט איז שוין געבראָכן געוואָרן, סיי די וואָס זייער מאַכט וועט געבראָכן ווערן מאָרגן. ער באַגנוגנט זיך אָבער צוליב פּאָליטישע טעמים מיט ביישפּילן פון דער ווייטער פאַר־גאַנגענהייט, אין וועלכע דאָס פאָלק קאָן געפינען אַן אָנצוהערעניש און אַ קוואַל פון ביטחון פאַר דער קעגנוואַרט.

עס זיינען דאָ געזאַנגען ביי וועלכע עס ווערט אָנגעוויזן די געשעעניש, וואָס האָט געבראַכט צו זייער פאַרפאַסונג. אַזוי הייסט דאָס אין קאַפּיטל 3, אַז דאָס ליד האָט געזונגען דער קעניג דוד אַנטלויפנדיק פון זיין אויפ־שטענדישן זון אבשלום, אָדער אין קאַפּיטל 18 (י״ח), אַז דאָס ליד איז געזונגען געוואָרן דורך דעם קעניג דוד „אין דעם טאָג, ווען יהוה האָט אים געראַטעוועט פון דער האַנט פון זיינע פיינט און פון שאולס האַנט״, אָדער

[12] תהילים קלו, 17—20.

אין קאַפּיטל 34 (לד), ווו עס הייסט, אַז „דאָס ליד איז געזונגען געוואָרן דורך דודן, ווען ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אבימלכן און יענער האָט אים אַרויסגעטריבן און ער איז אַוועק״, אָדער אין קאַפּיטל 51 (נא), אַז דאָס ליד איז געזונגען געוואָרן אַלס חרטה־ליד דורך דודן „ווען דער נביא נתן איז צו אים געקומען בעת ער האָט זיך פאַרבונדן מיט דער בת־שבע״, און אין פאַרשיידענע אַנדערע פאַלן פון דעם קעניג דודס לעבן. עס איז, פאַרשטייט זיך, גיכער אָנצונעמען, אַז די לידער זיינען פאַרפאַסט געוואָרן דורך פיל שפּעטערע דיכטער און אַז דאָ זיינען בלויז אָנגעוויזן די היסטאָרישע געשעענישן, וואָס האָבן געגאָלטן אַלס מאָטיוון, אַלס טעמאַטיק פאַרן דיכטער.

אַ באַזונדער אָרט אין דעם זאַמלבוך פון די געזאַנגען פאַרנעמען די טרעפּן־לידער (שיר המעלות), וועלכע, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, זיינען געווען באַשטימט צום זינגען דורך די לוויים־כאָרן ביי זייער אַרויפגאַנג אין טעמפּל. די לידער זיינען דאָס רוב קורץ און פלעגן, קאַנטיק, געזונגען ווערן אויף די איינצלנע טרעפּ פון טעמפּל. זיי זיינען צונויפגעזאַמלט אין די קאַפּיטלעך 121—134 (קכא—קלד) פון די תהילים־געזאַנגען.

ביי איניקע לידער זיינען אָנגעוויזן די נעמען פון די מחברים אָדער די נעמען פון די פעריזאַנען, וועמען זיי זיינען געווידמעט געוואָרן. אַזוי הייסט, אַ שטייגער, דאָס ליד אין קאַפּיטל לט „צו ידותון״ אָדער אין די קאַפּיטלעך מד—מט, פד—פה, פז—פח — „צו די קורח־זין״, אָדער אין קאַפּיטל פט — „צו איתן האזרחי״.

אין אַנדערע לידער ווערט אָנגעוויזן דער מוזיקאַלישער אינסטרומענט, מיט וועלכן עס דאַרף באַגלייט ווערן דער געזאַנג.

אַזוי איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך דערהאַלטן ביז אונדזערע טעג אַן אינהאַלטרייכע פּאָעטישע און פאָלקלאָריסטישע ליטעראַטור, וואָס איז באַהויכט מיט דעם דינאַמישן און אידייאישן גייסט פון דער נבואה.

33. די אָפּשפּיגלונג פון די נביאישע אידייען אין די פאָלקס־משלים און שפּריכווערטער. די ביכער „משלי" און „חכמת־שלמה"

אויב אָבער אין די תהילים־געזאַנגען אַנטפּלעקן זיך די נביאישע אידייען אין צעזייטע און צעשפּליטערטע, ניט גענוג קאָנצענטרירטע געדאַנקען, געפינען זיי אַ מער קלאָרע, קאָנצענטרירטע, זאַכלעכע און פילאָסאָפישע פאָרמולירונג אין די משלים־זאַמלונגען משלי און חכמת־שלמה.

דאָס זיינען אויסדערוויילטע פאָלקלאָר־זאַמלונגען, באַשטראַלטע דורכן נביאישן געדאַנק.

דאָ ווערט די דערהייבענע און אַלגעמיינע, אָפּט ניט גענוג פּאָפּולערע אידייע פון נביאישן פאָלקיזם און דעמאָקראַטיע פאַרטייטשט אין דעם נוסח פון טאָג־טעגלעכן בירגערלעכן לעבן. עס ווערט אָנגעוויזן דעם יחיד קלאָר און דייטלעך, ווי ער האָט צו האַנדלען בראַוו און גערעכט, ווי ער האָט זיך אויסצולעבן און איינצולעבן מיט זיינע נאָענטע, מיט דער געזעלשאַפט אין האַרמאָנישן קאָנטאַקט מיט יהוהס געבאָטן, דאָס הייסט מיט די געבאָטן פון גערעכטיקייט, שלום און מענטשלעכקייט.

ניט ווייניקער ווי אין אַ פאָלקסליד לעבט דאָ אויף אויף לאַנגע דורות די נביאישע באַוועגונג אין פאָלקס־שפּריכוואָרט, אין דעם אויסגעמייסטערטן און פלייסיק אויפגעזאַמלטן קלוגן וואָרט, אין דעם משל. דאָ שטראַלט אָפּ און שפּיגלט זיך אָפּ די מאָראַלישע לערע און סאָציאַלעטישע ווירקונג פון די נביאים אין דער לעבנס־חכמה, צו וועלכער עס ווערט גערופן און דערצויגן דער יחיד. דאָס געזעלשאַפטלעך־אַלגעמיינע ווערט דאָ פּראָדוקטיוו געפלאַנצט אין די אינדיווידועלע באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש. דאָ קומט צום בולטן אויסדרוק דער איבערגאַנג פון כלל צום פּרט.

עס מאַכט דאָ דעם איינדרוק ווי נאָך שטורמישע לעבנס־קאַמפן, אַנטוישונגען, מפלות, דערגרייכונגען און זיגן קלאָרט זיך אויף דאָס לעבן פילאָסאָפיש, פאַרטיפט זיך דער דענקען, באַרויקט זיך דער געמיט, און פון אַלע נסיונות און פרוּוון דרינגט אַרויס, ווי אַ פערל־זאַמלונג נאָך אַ ים־שטורעם, די רויקע און זיכערע לעבנס־חכמה.

און אויב די נביאיש באַשטראַלטע פאָלקס־לידער און פאָלקס־געזאַנגען ווערן צוגעשריבן דעם אַלטצייטיקן קעניגלעכן זינגער און שפּילער דודן, ווערט די אינהאַלטסרייכע און פילפאַרביקע זאַמלונג פון שפּריכווערטער און משלים צוגעשריבן דעם קעניגלעכן זון דודס, דעם קלוגן און גייסט־רייכן שלמהן. אים ווערט צוגעשריבן ניט נאָר דער משלים־בוך „משלי־שלמה", וועלכער איז אויפגענומען געוואָרן אין דער ביבל־ליטעראַטור, נאָר אויך זיין צווילינג־ברודער, דער משלים־בוך „חכמת־שלמה", וועלכער איז צוליב ניט פאַרשטענדלעכע סיבות געבליבן אויסער די גרענעצן פון דער ביבלישער ליטעראַטור.

לאָמיר ברענגען אַלס מוסטער אייניקע שפּריכווערטער און קלוגע אָנווייזונגען פאַרן יחיד, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ אויף אַ קלאָרן אופן די נביאישע עטיק:

אַנטקעגן דעם פּתי — דעם נאַר, וואָס לאָזט זיך פאַרלאָקן צו פאַר־ברעכנס דורך זיינע ליידנשאַפטן, ווערט דאָ אַרויסגעשטעלט אַלס ביישפּיל פון אַ באַוווּסטזיניקן און בראַוון בירגער דער חכם — דער קלוגער, וועל־כער לערנט ערנסט די יסודות פון לעבנס־חכמה און מאָראַל און לעבט זיך איין אין „גערעכטיקייט, רעכט און ערלעכקייט"[1]. „טאָן" גערעכטיקייט און רעכט איז פאַר גאָט ליבער פון אַ קרבן"[2].

די לעבנס־חכמה איז די העכסטע מענטשלעכע קאַטעגאָריע, דער טייערסטער פאַרמעגן אין דער וועלט.

„גליקלעך איז דער מענטש, וואָס האָט געפונען חכמה, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט פאַרשטענדעניש, ווייל איר האַנדל איז בעסער פון געלט־

[1] משלי א, 3.
[2] משלי כא, 3.

האַנדל. זי איז טייערער פון פערל, און קיין קעגנשטאַנד גלייכט זיך ניט אויס מיט איר. (זי פאַרשאַפט) לאַנגיאָריקייט פון רעכטס, רייכקייט און ערע פון לינקס. אַנגענעמע זיינען אירע וועגן און פרידלעך זיינען אַלע אירע שטעגן. זי איז אַ לעבנס־בוים פאַר די וואָס האַלטן זיך אין איר און די וואָס שטיצן זיך אויף איר זיינען גליקלעך.״ [3]

די דאָזיקע סאָציאַל־פּראַקטישע קלוגקייט איז ניט קיין פאַרבאַהאַל־טענע, פאַרבאָרגענע. זי געהערט ניט איינצלנע, אויסדערוויילטע. ״זי זינגט אין דרויסן, זי לאָזט הערן איר שטימע אין די גאַסן, זי רופט אין העכסטן גערויש, ביים אַריינגאַנג אין די שטאָט־טויערן.״ [4]

נאַר נאַראָנים אָדער צו להכעיסדיקע לצים, אָפּשפּעטער זיינען טויב זי צו הערן, זייער פירונג ברענגט נאָטירלעך צו זייער שטראָף. [5]

די מענטשלעכע קלוגקייט, דער ראַציאָנעלער בליק אויפן לעבן טרעט אויס דעם וועג צו רעכט און גערעכטיקייט, דעם וועג פון מענטש צו גאָט. [6]

בעת די נבואה האָט אָבער געשטעלט אין צענטער פון איר אויפמערק־זאַמקייט געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע און עקאָנאָמישע עבירות, — ווי אויס־ברענגעריי, אונטערדריקונג און באַעוולונג פון אָרעמע, דאָס פאַרכאַפּן פאַר־מעגנס און פאָלקס־פאַרראַט, שטעלן זיך איצט אָפּ די פאָלקס־לערער אויף מער אינדיווידועלע עבירות, ווי פאַמיליען־פאַרראַט. [7]

סתם־קלוגקייט איז אָבער אַן אומבאַשטימטע קאַטעגאָריע. זי ווערט באַשטימט ערשט דורך דער געטלעכער עטיק. אַזוי קערט זיך דער פאָלקס־לערער אין יעדן פאַל צוריק צום מקור פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, וועלכע ער זעט, גלייך ווי דער נביא, אין דעם באַגריף פון יהוה. [8]

אויפן גרונט פון דער דאָזיקער סאָציאַל און עטיש באַגרינדעטער לעבנס־חכמה ווענדט זיך דער פאָלקס־דערציער צום בירגער און זאָגט אים:

[3] משלי ג, 13—18.
[4] משלי א, 20—22.
[5] משלי א, 24—32.
[6] משלי ב.
[7] משלי ב, 16—19.
[8] משלי ג, 11 און אַנדערע.

פראָפ׳ שמואל אייזנשטאַדט

„זון מיינער, אויב עס וועלן דיך איבעררייִדן זינדיקע,
שטים ניט צו.
אויב זיי וועלן דיר זאָגן, קום מיט אונדז,
לאָמיר לויגן נאָך בלוט,
שטעלן אָן אַ גרונט נעצן דעם אומשולדיקן, —
מיר וועלן זיי איינשלינגען, ווי דער שאול ביים לעבן,
און אומשולדיקע אין גרוב אַראָפּנידערן,
מיר וועלן אונדזערע הייזער אָנפּילן מיט רויב,
וואַרף דיין גורל צוזאַמען מיט אונדז,
איין בייטל זאָל זיין פאַר אונדז אַלעמען,
זון מיינער, גיי ניט מיט זיי אין וועג״.[9]

„זון מיינער, פאַרגעס ניט מיין לערע,
זאָל דיין האַרץ אָפּהיטן מיינע געבאָטן,
ווייל זיי וועלן דיר צוגעבן אַריכות ימים,
לעבנס־יאָרן און שלום.
זאָלן דיך ניט פאַרלאָזן גנאָד און אמת,
בינד זיי אָן אויף דיין האַלדז,
שרייב זיי אויפן ברעט פון דיין האַרצן
און געפין גנאָד און גוטן פאַרשטאַנד
אין די אויגן פון גאָט און מענטשן״.[10]

ווי מיר האָבן געזען, זיינען די נביאים געווען צום גרעסטן טייל אַרבעטס־מענטשן, דערצויגענע אויף פּראָדוקטיווער אַרבעט אין דאָרף. זיי האָבן זיכער געזען די אַרבעט אין פעלד און גאָרטן אַלס דעם ריכטיקן און סאָציאַל־ערלעכן באַרוף פון מענטשן. דער מענטש איז פאַראַרעמט געוואָרן, ווען מען האָט ביי אים געהאַט אָוועקגערויבט זיין באָדן, אַרויס־

[9] משלי א, 10—15.
[10] משלי ג, 1—4.

געשטויסן אים פון זיין נחלה. דער מענטש איז געוואָרן שלעכט און פאַר־דאָרבן, ווען ער האָט זיך אָפּגעריסן פון אַרבעט און אַריינגעלאָזן זיך אין שכרות און זנות.

עס איז דעריבער כלל ניט אויסגעשלאָסן, אַז אויך דער פּרעכטיקער לויב־געזאַנג דער אַרבעט, וואָס געפינט זיך אין דעם משלי־פאָלקלאָר, טראָגט אין זיך דעם שטעמפּל פון נביאישער ווירקונג.

וועלן מיר דאָ ברענגען אים פאַר די לעזער:

„גיי צו דער מורעשקע, פוילער,
זע איר פירונג און ווער קלוג.
זי האָט ניט קיין קאָמאַנדיר,
קיין פּאָליציי און קיין הערשער
און (דאָך) גרייט זי אין זומער איר ברויט,
זאַמלט אין שניט־צייט איר עסן.
ביז וואַנען, פוילער, וועסטו ליגן?
ווען וועסטו אויפשטיין פון שלאָף?
ווייניקער שלאָפן, ווייניקער דרעמלען,
ווייניקער די הענט צעלייגן ביים ליגן,
(דאַן) וועט דיין אָרעמקייט ווי אַ דורכגייער אַריבער
און דיין מאַנגל ווי אַ מיליטער־מאַן״.[11]

אויך איז באַאיינפלוסט פון דער נביאישער עטיק דער לויב־געזאַנג פאַר דער פלייסיקער אַרבעטס־פרוי:

„די אשת חיל, ווער קאָן זי געפינען.
טייערער פון פּערל איז איר ווערט.
איר מאַנס האַרץ איז פאַרזיכערט אין איר,
עס פעלט ניט קיין איינקונפט.
זי האָט אים מיט גוטס באַצאָלט און ניט מיט שלעכטס
איר גאַנץ לעבן.
זי האָט פאַרלאַנגט וואָל און פלאַקס

[11] משלי ו, 6—11.

און האָט מיט אירע הענט אַ צופרידענע באַאַרבעט.
זי איז געווען ווי אַ האַנדלס־שיף,
וואָס ברענגט פון דער ווייטן איר ברויט...
זי האָט אָנגעגורט פעסט אירע לענדן
און געקרעפטיקט אירע אָרעמס...
עס לעשט זיך ניט אויס ביי דער נאַכט איר ליכט.
אירע אָרעמס האָט זי אויסגעשטרעקט צום וועבשטול
און אירע הענט שפּאַרן אָן די שפּינדל.
זי האָט איר האַנט אויסגעשפּרייט צו דעם אָרעמען
און האָט איר אָרעם דערלאַנגט דעם נויטבאַדערפטיקן.
זי האָט קיין זאָרג ניט אין איר הויז פאַרן שניי.
איר גאַנץ הויז איז רייך אויסגעקליידט״.[12]

אין „חכמת שלמה״ קומען אויף ריין געזעלשאַפטלעכע מאָטיוון:

„הערט צו, איר מלכים, ווערט קלוג,
נעמט אַראָפּ מוסר, איר ריכטער פון אַלע וועלט־עקן,
פאַרנעמט, איר הערשער איבערן פאָלק,
וואָס גרויסן זיך איבער דער פעלקער־מאַסע,
פון גאָט איז דאָך אייך געגעבן געוואָרן די קראַפט,
און פון דעם אייבערשטן — די הערשאַפט.
ער וועט אויספרווון אייערע טואונגען
און אויספאָרשן אייערע טראַכטונגען,
דען איר זייט נאָר די דינער פון זיין מלוכה
און איר האָט ניט גערעכט געמשפט,
די לערע האָט איר ניט אָפּגעהיט
און דעם געטלעכן ראָט האָט איר ניט געפאָלגט״.[13]

[12] משלי לא, 10—14, 17, 19—21.
[13] חכמת שלמה ו, 1—4.

דען דער האַר פון דער וועלט מאַכט ניט קיין אויסנאַם,
האָט ניט מורא פאַר קיין הויכגעשטעלטן.
דעם גרויסן, ווי דעם קליינעם, האָט ער באַשאַפן
און פאַר זיי אַלעמען צוזאַמען זאָרגט ער.
אָבער פאַר די מעכטיקע גרייט ער
אַ שרעקלעכן משפט.
צו אייך, הערשער, מיינע ווערטער,
לערנט פאַרשטאַנד און פאַלט ניט דורך..."[14]

און אין מויל פון קעניג שלמה, וועמען עס ווערט צוגעשריבן די פאַר־פאַסונג פון דעם בוך, ווערן דורכן שפּעטערדיקן מחבר אריינגעלייגט פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע ווערטער פון דעם קעניגס געבעט צו גאָט:

„שיק מיר אים (דעם פאַרשטאַנד) פון דיינע הייליקע הימלען,
און פון דיין ערנשטול זאָל ער מיך באַזוכן,
פיר אָן מיט פאַרשטאַנד אַלע מיינע טואונגען...
און איך זאָל קאָנען מיט גערעכטיקייט פירן דיין פאָלק
און עס זאָל מיר באַשערט זיין זיצן אויף מיין פאָטערס טראָן".[15]

אין נביאישן גייסט איז אויך צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דעם קעניג שלמהס געבעט צו יהוה:

„...און ווען זיי וועלן זיך פאַרזינדיקן אַנטקעגן דיר — דען עס איז ניטאָ קיין מענטש וואָס זאָל ניט זינדיקן — און וועסט צאָרנדיק ווערן און דו וועסט זיי אויסליפערן צו זייער פיינט און זיי וועלן געפירט ווערן געפאַנגענע אין אַ ווייטן אָדער נאָענטן פיינטלעכן לאַנד, און זיי וועלן מיטן האַרצן זיך אומקערן אין דעם לאַנד וווּ זיי זיינען געפאַנגען געוואָרן... הער צו אין הימל, דיין וווינאָרט, זייער געבעט, משפט זיי און פאַרגיב דיין פאָלק פאַר

[14] חכמת שלמה ו, 7—9.
[15] דאָרטן ט, 10—12.

יעדער שולד, וואָס זיי האָבן זיך פאַרשולדיקט אַנטקעגן דיר און זאָלן זיי באַקומען רחמים ביי זייערע פאַנגער און זאָלן יענע אויף זיי זיך דערבאַרעמען״.[16]

מיר האָבן געקאָנט באַהאַנדלען נאָך פיל ברייטער און פילזייטיקער יענעם ראַציאָנאַליזירטן און אינדיווידועל באַאַרבעטן פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ המשך פון דער נביאישער געזעלשאַפטלעכקייט און פאָלקס־דעמאָקראַטישער לערע. דאָס וואָלט אונדז אָבער אַוועקגעפירט ווייט איבער די גרענעצן פון דער אויפגאַבע, וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט אין איצטיקן ווערק.

מיר האָבן בעצם נאָר געוואָלט אָנווייזן אויף דער עקזיסטירנדיקער קולטור־היסטאָרישער בריק, וואָס פירט פון דער נביאישער באַוועגונג אין די ווייטערדיקע דורות אַריין, און דעם דאָזיקן ציל האָבן מיר אין אַ געוויסער מאָס דערגרייכט.

[16] מלכים א׳ ח, 46—50.

34. די נביאישע ווירקונג אויף אַנדערע אויסער-ביבלישע (אַפּאָקריפישע) שריפטן

אידייאיש פאַרבונדן מיט דער נבואה־ליטעראַטור איז ניט נאָר דאָס בוך „חכמת שלמה", נאָר אויך אַנדערע פילאָזאָפישע און ליטעראַרישע ווערק, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן שוין נאָך דעם אָפּשלוס פון דער ביבלישער ליטעראַטור.

עס איז אויסגעקומען אין די צייטן פון טעראָר און רדיפות מצד דער גריכישער אָקופּאַציע־מאַכט אַנצוקליידן די געדאַנקען, ווי שפּעטער אין דער תלמודישער און אין דער קבלה־ליטעראַטור, אין אַלערליי מיסטערישע לבושים, הינטער וועלכע עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר דעם געניטן אויג די קריטיק פון דער פרעמדער מאַכט און אירע ברוטאַלע טעראָריסטישע האַנדלונגען, און אויב די אומבאַקאַנטע מחברים פון די דאָזיקע אַרבעטן האָבן ניט געגאָלטן און האָבן ניט געקאָנט מער גילטן צוליב אויסערלעכע סיבות אַלס נביאים, זיינען זיי געווען באַהויכט פון זייער גייסט און פאַרגע־זעצט פריידיקן זייערע אידייען.

אין דער ביבל ווערט אין קורצע ווערטער דערציילט אַן אַלטע לעגענדע וועגן איינעם פון די עלטסטע פאָטערס פון דער מענטשהייט מיטן נאָמען חנוך, „וועלכער איז זיך אַרומגעגאַנגען מיט גאָט און איז ניט געוואָרן מער, ווען גאָט האָט אים אָוועקגענומען".[1]

אויפן סמך פון דער דאָזיקער אַלטער לעגענדע איז פאַרפאַסט געוואָרן אין די יאָרן פון פּאָליטישע רדיפות, האַרט פאַרן מאַקאַבייער־אויפשטאַנד, אַ גאַנצע ריי פון חנוך־ביכער, ווו עס ווערט אויף אַ פאַנטאַסטישן אופן —

[1] בראשית ה׳, 24.

און קאַנטיק מיט אַ פאַרשטעלטער כוונה פון פּאָליטישער קריטיק — באַ־שריבן ווי עס זעט אויס דאָס לעבן און דער געטלעכער משפט אין הימל. אינטערעסאַנט איז פון נביאישן שטאַנדפּונקט פאָלגנדיקע שטעלע:

„און גאָט האָט באַפוילן די קעניגן און די תקיפֿע און די איינוווינער פון דער ערד און האָט געזאָגט: עפנט אויף אייערע אויגן און הייבט אויף אייער מוט, צי וועט איר אימשטאַנד זיין צו דערקענען דעם אויסדערוויילטן. און דער האַר פון אַלע גייסטער האָט אים (דעם אויסדערוויילטן) אַוועקגע־זעצט אויף זיין ערנשטול און עס איז אויף אים אויסגעגאָסן געוואָרן דער גייסט פון גערעכטיקייט און מיט זיין וואָרט טויט ער אַלע זינדיקע און אַלע רשעים ווערן פון אים פאַרטיליקט. און אין יענעם טאָג וועלן אויפשטיין אַלע מלכים און תקיפֿע, די דערהויבענע און די איינוווינער פון דער ערד וועלן אים אַנקוקן און דערקענען בשעת זיין זיצן אויפן ערנשטול און וועלן אויף אַ גערעכטן אופן געמשפט ווערן פאַר אים און קיין ליגן וועט ניט געזאָגט ווערן פאַר אים... און אַלע מלכים און תקיפֿע, דערהויבענע און הערשער פון דער ערד וועלן פאַלן פאַר אים אויף זייערע פנימער און וועלן זיך בוקן און האָפן אויפן מענטשן־זון און בעטן און פאַרלאַנגען פון אים רחמים. און דער האַר פון די גייסטער וועט זיי אונטערשטיין, אַז זיי זאָלן זיך שנעל שטעלן פאַר אים און זייערע פנימער וועלן זיך איינהילן אין שאַנד, און פינצטערניש וועט זיי באַדעקן, און זיי וועלן איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון די געריכט־דינער אָפּצורעכענען זיך מיט זיי פאַר זייער אונטערדריקן זיינע זין און אויסדערוויילטע...״[2]

פון אַלע אַנדערע אַפּאָקריפישע, אויסער־ביבלישע ווערק פון דער אַלטער העברעישער ליטעראַטור, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ, אָפט צווישן פיל אַפּנייגונגען און פאַרגרייזונגען, די ווירקונג פון דער נביאישער באַוועגונג, איז צו דערמאָנען דאָס בוך „חזון ברוך״, וועמענס פאַרפאַסונג עס ווערט צוגעשריבן דעם אין דער ביבל דערמאָנטן תלמיד פון נביא ירמיהו ברוך בן נריה, און דעם פראַגמענט פון אַ ווערק „חזון ירמיהו״,

[2] חנוך א׳ סב, 1—3, 9—11.

וועלכער דאַרף גילטן אַלס דערגענצונג צום נביא ירמיהוס טרויער־געזאַנג אויפן חורבן פון ירושלים.

אַ ווונדערבאַרן פראַגמענט געפינען מיר אין דעם פּרט אין דעם אַפּאָ־קריפישן בוך עזרא. ווי מיר האָבן געזען פון די דערציילונגען אין דעם ביבלישן דניאל־בוך,[3] פלעגן יידישע יוגנטלעכע פון די אויסדערוויילטע ירושלימער משפחות באַשטימט ווערן, ווי דניאל, אין די קעניגלעכע הויפן פון בבל און פרס און זיי פלעגן אָפט אַרויסטרעטן אַלס קעניגלעכע ראַט־געבער און וואָרטזאָגער.

איינעם פון אַזעלכע גייסטיק אויסגעצייכנטע יוגנטלעכע לייגט דאָס אַפּאָקריפישע עזרא־בוך אַריין אין מויל פּאַלגנדיקע אויפקלערערישע ווערטער, אין וועלכע עס שטראַלן אָפּ די נביאישע אידייען. ער האָט זיי געהאַט געזאָגט פאַרן פּערסישן קעניג דריוש (דאריוס) און דער קעניג האָט אים פאַר זיי באַלוינט און געקושט.

„...גרויס איז דער אמת און שטאַרקער פון אַלץ. אומעטום רופט די ערד צום אמת און די הימלען בענטשן אים. און אַלע טואונגען ציטערן און גאַרן צו אים. זיין משפט איז גערעכט און ער פאַרטראָגט ניט קיין אומרעכט. אומרעכט שאַפט דער וויין, אומרעכט שאַפט דער קעניג, אומרעכט שאַפן די פרויען, אומגערעכט זיינען די מענטשן און אומגערעכט זיינען זייערע מעשים, אויב אין זיי איז ניטאָ קיין אמת, און צוליב זייער אומרעכט וועלן זיי גיין צו גרונד. דער אמת אָבער באַשטייט אויף אייביק, ער איז שטאַרק און הערשט אויף אייביקע צייטן און ער ווייס ניט פון קיין חניפה און פון קיין אויסקויף־געלט. ער שטעלט פאַרן געריכט יעדן אומגערעכטן און רשע, אַלע שטימען צו צו זיינע שאַפונגען און אין זיין אורטייל איז ניטאָ קיין שום אומרעכט. אים געהערט די קראַפט און די רעגירונג און הערשאַפט און גרויסקייט אויף אייביקע צייטן. געבענטשט זאָל זיין דער גאָט פון אמת“.[4]

[3] דניאל א׳ 4 און אַנדערע.

[4] ספרים חיצוניים, עזרא ד, 35—40.

35. דער המשך פון די נביאישע אידייען אין דער גריכיש־רוימישער תקופה

איינער פון די גרעסטע טעותים, וואָס עס זיינען באַגאַנגען די יידישע און קריסטלעכע תנ״ך־פאָרשער, איז דאָס, וואָס זיי האָבן איינגעטיילט די נביאים אויף ערשטע און לעצטע. ווי מיר האָבן שוין געפּרוווט באַווייזן, ווערט די נביאישע אידייע צוריקגעפירט ביז משהן, דעם „האַר פון די נביאים״, און די ביכער פון די אַזוי גערופענע לעצטע נביאים, אויף וויפל עס זיינען צו אונדז דערגאַנגען זייערע געשריבענע רעדעס, זיינען ניט דורכויס געבראַכט אין כראָנאָלאָגישן סדר.

אָבער דער עיקר איז, וואָס מיר ווילן אין גאַנצן אָפּלייקענען די עצם לעצטקייט פון די נביאים, וואָס עס האָבן איינגעפלאַנצט אין משך פון דורות אין אונדזער מחשבה די יידישע און קריסטלעכע טעאָלאָגן.

פאַר די טעאָלאָגן האָט זיך מיטן אָפּשליסן פון תנ״ך פאַרענדיקט די גלאָררייכע תקופה אין דער יידישער קולטור און געשיכטע, ווען גאָט האָט גערעדט צום מענטשן און זיך אים אַנטפּלעקט. פאַר די יידישע טעאָלאָגן האָט זיך מיטן דערשיינען פון די „לעצטע״ נביאים פאַרענדיקט אויף שטענדיק די „דירעקטע געטלעכע אַנטפּלעקונג״. פאַר די קריסטלעכע טעאָלאָגן האָט זי שפּעטער געפונען איר המשך אין דער אַנטפּלעקונג פון יעזוס.

מיר ווילן אין אונדזער איצטיקער פאָרשונג לאָזן אין אַ זייט דאָס קריסטנטום.[1] מיר ווילן נאָר דערקלערן, אַז פון וועלטלעכן און רעאַליסטישן

[1] ווי עס האָבן באַוויזן פּראָגרעסיווע געלערנטע היסטאָריקער, ווי פּראָפּ׳ יוסף קלויזנער אין ירושלים און גאַנץ באַזונדערס פּראָפּ׳ פּאול ווינטער אין בערלין, איז ישו פון נצרת געווען אַ וואָרטזאָגער פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג,

שטאַנדפּונקט איז די נבואה געווען, ווי מיר האָבן געזען, אַ מענטשלעכע, סאָציאַלע באַוועגונג. די פּערזאָניפיצירטע אידייע פון דער וועלט־גערעכטי־קייט, פון שלום, פון פאָלקסוווילשטאַנד און יושר האָט זיך דעם נביא אַנט־פּלעקט אין זיין הארצן, אין זיין דמיון. ער האָט טיף געשפּירט, אַז עס רעדט אין אים גאָט, אַז ער איז אַ שליח פון דער גערעכטיקייט.

האָט זיך אָבער די דאָזיקע גערעכטע וועלט שוין אויפגעבויט אין דער צייט פון די אַזוי גערופענע „לעצטע נביאים", וואָס זיי האָבן געקאָנט אויפ־הערן צו זיין אירע וואָרטזאָגער?! האָט דען דער פּערסישער קעניג דאַריוס (דריוש) פאַרווירקלעכט די נביאישע אידייע, אויסגעגליכן די קעגנזאַצן פון דער געזעלשאַפט און גליקלעך געמאַכט די פעלקער פון זיין גרויסער וועלט־מדינה?! — ווי אַלע פריערדיקע הערשער פון די זיגרייכע גרויסמאַכטן האָט ער זיך אָנגעשטרענגט צו זיכערן זיין הערשאַפט מיט דער קראַפט פון כלי־זיין: מיט כלי־זיין האָט ער באַזיגט די באַבילאָניער און מיט דעם זעלביקן כלי־זיין איז זיין ממשלה שפּעטער באַזיגט געוואָרן דורך די גריכן. די הערשער האָבן זיך געביטן, די פעלקער־פאַרקנעכטונג — אין גרויזאַמערע אָדער מילדערע פאָרמען — איז געבליבן.

די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אויפגאַבע פון די נביאים איז געבליבן אויך ווייטער באַשטיין. זי האָט זיך, אין גרונט, אין פּרינציפּ, נישט געענ־דערט. זי האָט נאָר געביטן די אָרט און פאָרעם פון איר טעטיקייט. ווייל עס איז אין די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרהעלטענישן אויפן גאַנצן נאָענטן מזרח און אין דעם כלל אויך אין ארץ־ישראל, פאָרגעקומען אַ גרונטלעכער שינוי.

ווען דאָס לאַנד איז אַריבער פון אונטער דער פּערסישער הערשאַפט צו דער גריכישער און דער גריכישער הערשער אַלעקסאַנדער דער גרויסער איז אַריין אין ירושלים אין יאָר 331 פאַר דער קריסטלעכער צייט, האָט

וואָס איז געווען געווענדט קעגן די רוימישע אָקופּאַנטן. ער האָט זיכער געהאַט באַרירונגס־פּונקטן מיט דער נביאישער באַוועגונג, אָבער זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער מיט די וואַנגעליסטן בראש האָבן צוליב פּאָליטישע כוונות פאַרגרייזט זיין פּערזענלעכקייט און זיין לערע, און אים פאַרוואַנדלט אין אַ גרינדער פון אַ נייער אַנטי־יידישער און פראָ־רוימישער רעליגיע.

אָנגעהויבן צו פליסן פון מערב קיין ארץ־ישראל די גריכישע קולטור. דאָס איז געווען די ערשטע אייראָפעישע אָקופּאַציע פון לאַנד, וועלכע איז צום אָנהייב, אמת, פאָרגעקומען אָן בלוט־פאַרגיסונג, אָבער האָט געהאַט אַ גרינטלעכע השפעה אויף דעם ווייטערדיקן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד. דער גרויסער העלעניסטישער צענטער אין עגיפּטן, די שטאָט אַלעקסאַנדריע, וואָס איז אין יענער צייט, זינט דעם יאָר 332, אויפגעבויט געוואָרן מיט דער שטאַרקער באַטייליקונג פון יידישע פאַך־מייסטערס און אינטעלעקטואַליסטן, האָט איצט געגאָלטן אַלס גריכישע באַזע אויף דער גרענעץ פון ארץ־ישראל, פון וועלכער עס האָט זיך געפירט די פּאָליטישע דעראָבערונג און קולטורעלע באַאיינפלוסונג פון ארץ־ישראל. שפּעטער זיינען געשאַפן געוואָרן שטאַרקע גריכישע אָנהאַלט־פּונקטן אויך אין סיריע און עס זיינען אויפגעבויט געוואָרן שטעט מיט אַ גריכישער באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל גופא. די חכמת יוונית, די העלעניסטישע קולטור האָט זיך שטאַרק איינגעבירגערט אין לאַנד, האָט באַווירקט די געזעצגעבערישע און פאַרוואַלטונגס־אינסטאַנצן און האָט געדראָט מיט אַ פולער אַסימילאַציע און צופּאַסונג סיי אויפן פּאָליטישן און סיי אויפן קולטורעלן געביט.

די הערשנדיקע קרייזן אין לאַנד, די גרויסע באָדן־באַזיצער און די שטאַרקע טעמפּל־טעאָקראַטיע, האָבן זיך איצט לייכט צוגעפּאַסט צו דער גריכישער הערשאַפט ווי פריער צו אַנדערע הערשער און האָבן פאַרראַטן די אינטערעסן פון די ברייטע פאָלקס־שיכטן. די אַריסטאָקראַטיש־קלע־ריקאַלע פּאַרטיי פון די צדוקים האָט באַפעסטיקט איר הערשאַפט און האָט ביי יעדער געלעגנהייט קאָלאַבאָרירט מיט די גריכישע אָקופּאַנטן. זיי האָבן אַ צייט לאַנג געבילדעט די מערהייט אין דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג, אין גרויסן סנהדרין, און מן הסתם אויך אין די קליינע פּראָווינציעלע סנהדרינס.

די גייסטיקע ירושה פון דער נביאישער באַוועגונג איז ניט אונטער־געגאַנגען אויך ביי די נייע פּאָליטישע אומשטענדן. די פאַרטיידיקונג פון פאָלקס־רעכט, פון נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט און די פאַרשפּרייטונג פון יהוהיזם, אַלס אוניווערסאַלע אידייע פון גערעכטיקייט און שלום, האָט זיך איצט געפירט דורך די לערן־הייזער, בתי־מדרשות, וועלכע האָבן

געדינט אַלס קולטור־צענטער פאַר דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער באַוועגונג פון די חסידים, ווי אויך דורך די סינאַגאָגעס, בתי־כנסת, ווו עס פלעגן סיסטעמאַטיש געלייענט ווערן פאַרן פאָלק קאַפּיטלעך פון דער ביבל און פון דער נביאישער ליטעראַטור.

שפּעטער, אין די יאָרן 167—163, איז אויסגעבראָכן דער גרויסער פאָלקס־אויפשטאַנד קעגן דעם גריכישן טעראָר און קעגן דער געצווונגענער אַסימילאַציע, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך די מאַקאַבייער מיט דער אַקטיווער באַטייליקונג פון דער חסידים־באַוועגונג.

נאָך שווערע, דויערנדיקע און מסירות־נפשדיקע קאַמפן, איז דערגרייכט געוואָרן אויף אַ צייט די פולע זעלבשטענדיקייט און פרייהייט און די גרונט־פּרינציפּן פון דער נביאישער באַוועגונג האָבן טריומפירט. דער פּאָליטישער פירער שמעון פון דער מאַקאַבייער־משפּחה האָט „אויסגעראָטן דאָס אומריינע פון לאַנד און קיינער האָט זיך אים מער ניט אַנטקעגנגעשטעלט. ישראלים זיינען רואיק געזעסן און האָבן באַאַרבעט פרידלעך זייער ערד. דאָס לאַנד האָט געצייטיקט איר ברויט און די פעלד־ביימער — זייער פּרוכט. אַלטע לייט זיינען אין די גאַסן געזעסן, זיי האָבן אַלע זיך גוט אויפגערעדט. מיידלעך האָבן זיך אָנגעטאָן אין פּראַכט און די בחורים האָבן מיט ערע געטראָגן זייערע מיליטערישע קליידער. אין די שטעט האָט ער (שמעון) געליפערט שפּייז און האָט זיי פאַרוואַנדלט אין באַפעסטיקטע פונקטן. ביז צו די עקן פון דער וועלט איז זיין נאָמען געטראָגן געוואָרן מיט ערע און וועגן זיין רום האָבן פעלקער דערציילט. ער האָט געבראַכט שלום דעם לאַנד און ישראל האָט זיך שטאַרק געפרייט און זיי זיינען געזעסן יעדער אונטער זיין ווייַנשטאָק און פייגנבוים און קיינער האָט זיי ניט באַאומרואיקט, און עס איז ניט געבליבן מער אין לאַנד, ווער ס'זאָל מיט זיי פירן מלחמה, און די קעניגן זיינען דורך זיי דעמאָלט באַזיגט געוואָרן. און ער (שמעון) האָט געשטיצט די נויטבאַדערפטיקע פון זיין פאָלק און האָט די לערע דערקלערט און געשטאַרקט אירע אָפּהיטער, און ער האָט פאַרניכטעט אַלע פאַרברעכער און שלעכטס־טוער".[2]

[2] מקבים א, יד, 7—14.

שפּעטער, אין מיטן פון ערשטן פאַרקריסטלעכן יאָרהונדערט, בעת דער קאַלאַבאָראַציע פון קעניג הורדוס מיט די רוימער און דער פאַרשקלאַפערישער אַסימילירנדיקער ווירקונג פון דער רוימישער פּאָליטיק, האָט די גרויסע אידייאישע ירושה פון די נביאים געפונען איר המשך און קאָנסעקווענטע פאַרשפּרייטונג דורך דער דעמאָקראַטישער (ניט שטענדיק אידענטיש מיט דער פּירושישער) שול פון הלל הזקן, וואָס האָט גרינטלעך איבערגעבויט די לערן־הייזער און האָט זיי פאַרוואַנדלט אין מאַסן־צענטערס פאַר פאָלקסטימלעכער פּאָליטיק און בילדונג. עס האָבן זיך געעפנט ברייט די טויערן פאַר דעמאָקראַטישע טענדענצן און אויסווירקונגען אין גרויסן סנהדרין און אין די שפּעטערדיקע לערן־הייזער. עס האָבן אָנגעהויבן פליסן אין ברייטע און פאַרטיפטע שטראָמען די דעמאָקראַטישע, נביאישע אידייען פון דער תלמודישער און מדרש־ליטעראַטור, וועלכע זיינען ווערט באַהאַנדלט צו ווערן אין אַ זעלבשטענדיקן ווערק, וואָס זאָל טראָגן דעם נאָמען: „די תלמוד־לערער, זייער צייט און זייערע געזעלשאַפטלעכע אידייען״.[3]

די נביאישע באַוועגונג האָט איצט באַווירקט דאָס געזעלשאַפטלעכע און רעכטלעכע לעבן פון לאַנד. אירע אַנטוויקלטע אידייען האָבן געגאָלטן אַלס יסוד פאַר דער פאָלקס־פּאָליטיק אין גרויסן סנהדרין און אין די לאָקאַלע קליינע סנהדרינס: זי האָט געפונען איר אויסדרוק אין די פאָלקס־ביכער פון דער משנה און אין די גריכישע ווערק פון יידישע פילאָסאָפן אין דעם נייעם קולטור־צענטער פון אַלעקסאַנדריע.

פון די פאַרשריבענע נביאישע ביכער, וואָס זיינען רעדאַקטירט און אויפגענומען געוואָרן אין דער געהייליקטער ביבלישער זאַמלונג, פירט אַ גאָלדענע קייט צו די „פּרקי־אבות״ — צו די „עלטערן־קאַפּיטלעך״ מיט זייערע גוט פאָרמולירטע סאָציאַל־עטישע אָנווייזונגען אין די וויי־טערדיקע דורות. זיי פלעגן געלייענט ווערן אין משך פון לאַנגע דורות

[3] אַ טייל פון די תלמודישע אידייען האָב איך מיט אַ לענגערער צייט צוריק באַהאַנדלט אין מיין גרעסערער אָפּהאַנדלונג „די אַרבעטער־פראַגע און די אַרבעטער־געזעצגעבונג אין דער משנה־צייט״. „צוקונפט״, ניו־יאָרק, דעצעמבער 1909.

אין די זומערדיקע חדשים דורך די ברייטע פאָלקסמאַסן יעדן שבת אַ קאַפּיטל, מיטן צוגאָב פון אַלערליי אויסטייטשונגען.

עס האָט זיך אָבער אויך ניט אָפּגעשטעלט דאָס סיסטעמאַטישע לייענען פאַרן פאָלק די פאַרשריבענע נביאישע רעדעס. אין די דורך עזרא גע־גרינדעטע פאָלקס־קלובן, די שפּעטער באַקרוינטע מיטן נאָמען „סינאַגאָ־געס", פלעגן וואָך־איין וואָך־אויס געלייענט ווערן אין די שבתים פאַרן צוזאַמענגעקומענעם פאָלק אויסדערוויילטע קאַפּיטלעך פון די נביאים, — די אַזוי גערופענע הפטרות, און אפשר פלעגן זיי אויך אויפגעקלערט און באַלויכטן ווערן פאַרן פאָלק דורך די ספּעציעלע איבערזעצער און אינטער־פּרעטאַטאָרן — די מתורגמנים. דער דאָזיקער מנהג האַלט אָן ביז היינטיקן טאָג.

אַזוי האָבן די גאַזעלשאַפטלעכע אידייען פון די נביאים ניט אויפ־געהערט צו לעבן און איינצובירגערן זיך אין פאָלק אויף לאַנגע דורות, צו פלאַנצן אין אים באַוווּסטזיין און מאַכן אים רייף און גרייט צום קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט, פאַר פּאָליטישער און רעליגיעזער פרייהייט, קעגן דער גריכישער און דערנאָך רוימישער טיראַנישער הער־שאַפט.

די דעמאָקראַטישע אידייען־וועלט פון די נביאים איז געבליבן באַשטיין. איר אינהאַלט האָט זיך פאַרטיפט און אַנטוויקלט. די באַרירונג מיט דער גריכישער און רוימישער קולטור און וויסנשאַפט האָט זי ניט ווייניק באַפרוכפּערט. עס האָט זיך בלויז געביטן די אַרט און די אויסערלעכע פאָרעם פון ווירקונג. דער שווערפּונקט איז איצט אַריבער צו דער דער־ציאונג פון די מאַסן.

אויפן אָרט פון דעם עקסטאַטישן אָריענטאַלישן נביא, וואָס איז פריער אַרויסגעטראָטן פאַרן פאָלק אויפן מאַרק אָדער ביים שטאָט־טויער און אויפן טעמפּל־פּלאַץ, קומט איצט אויף דער חכם, דער געלערנטער, דער פילאָזאָפיש־דענקענדיקער פאָלקס־לערער, וועלכער פּריידיקט און לערנט דעם פאָלק די זעלביקע נביאישע אידייען אין די פאָלקס־הייזער, וועלכער פאָרמולירט, אויפן גריכישן שטייגער, זיין לערע אין קורצע, קאָנדענסירטע קלוגע זאַצן. די סך־הכלען פון דער נביאישער לערע פירט

ער אונטער אין אַ קאָנצענטרירטער שפּראַכלעך־קלאָרער און רואיקער אויסדרוק־פאָרעם. ער פאַרוואַנדלט זיי אין פילאָסאָפיש פאָרמולירטע פּרינציפּיעלע אָנווייזונגען, לויט וועלכע עס דאַרף זיך פירן צו זיין גליק און וווילשטאַנד דער פאָלקס־מענטש.

דעם שטריך צווישן דער נביאישער באַוועגונג און די שפּעטערדיקע באַוועגונגען איז בכלל שווער געגוי דורכצופירן, ווייל די געשיכטלעכע דענקמאָלן פון די אַלע באַוועגונגען זיינען צו אונדז דערגאַנגען אין אַ ניט גענוגנדיקער און ניט פולער מאָס. ניט נאָר די רדיפות אויף די דאָזיקע באַוועגונגען מצד הערשער און פרעמדע אָקופּאַנטן האָבן אָן שום ספק גורם געווען צו דער פאַרניכטונג פון חשובע דאָקומענטן און געשרי־בענע כראָניקעס, נאָר אויך ווייל די קוועלן, וואָס זיינען דערהאַלטן געוואָרן ביז אונדזער צייט אין תנ״ך און תלמוד, זיינען טיילווייז גרונטלעך רעדאַק־טירט געוואָרן דורך מענטשן, וואָס האָבן זיך ניט שטענדיק און ניט אין גאַנצן אידענטיפיצירט מיט די אידייען, וועלכע עס האָבן געפּריידיקט די נביאים און זייערע נאָכפאָלגער. דער כוהן און שרייבער עזרא, וועלכער האָט נאָך זיין אומקער פון דער באַבילאָנישער געפאַנגענשאַפט ענדגילטיק רעדאַקטירט די ביבל אין יאָר 538 פאַר דער קריסטלעכער צייט, און יהודה דער פאָלקס־פירשט, וועלכער האָט אין יאָר 218 נאָך דער קריסט־לעכער צייט אויפגעזאַמלט און רעדאַקטירט די לערע פון די פריערדיקע רעכט־שולן און פאַרפאַסט די משנה, זיינען געווען מענטשן פון קאָמ־פּראָמיס און צופאַסונג און האָבן בלי־ספק אויסגעמיטן און פאַרשוויגן, צום טייל, — אפשר אויך צוליב אויסערלעכע צענזור־טעמים, — עקס־טרעמע מיינונגען און שאַרפע אַרויסטרעטונגען. אַזוי, אַ שטייגער, איז כמעט ניט געבליבן אין דער משנה קיין שפור פון רבי עקיבאס רעוואָל־טישע אַרויסטרעטונגען, הגם זיי האָבן זיך אויסגעווירקט נאָר מיט איין דור פאַר דער צייט פון רבי יהודה הנשיא.

ערשט אין אונדזער צייט אַנטפּלעקן די ישראלדיקע אַרכעאָלאָגן די ערשטע און חשובע שפּורן פון יענע באַוועגונגען און אויפשטענדלערישע טאַטן און עס דעקן זיך אויף רינגען פון יענער היסטאָרישער קייט, וואָס זיינען געבליבן אומבאַקאַנט און טיילווייז באַוווסטזיניק באַהאַלטן פון די

אויגן פון דער פּאָליטישער צענזור און פון דעם הערשנדיקן טעראָר.

עס האָט זיך אויך אָנגעהויבן פירן מיט דערפּאָלג דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אַנאַליז פון פּאָלקס־לעבן אין דער גריכיש־רוימישער תקופה און עס ווערן דעשיפרירט פאַרשיידענע אומקלאָרע רמזים אין דער תלמודישער ליטעראַטור. אויך דער אויפקום פון קריסטנטום און זיין יידיש־רעוואָלוציאָנערער שורש ווערן לעצטנס מיט גרויס דערפּאָלג באַלויכטן דורך וועלטלעכע היסטאָריקער.

דאָס אַלץ וועט אונדז, אָן שום ספק, ליפערן נייע און פולערע מאַטעריאַלן צו דער פאָרשונג פון די המשך־באַוועגונגען, וועלכע האָבן אין אַלע דורות און צייטן אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן געדינט אַלס המשך פון דער נביאישער אידייען־וועלט און דער נביאישער באַוועגונג, וועלכע האָט געלעבט און לעבט ווייטער אַלס אויסדרוק פון די נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע שטרעבונגען פון אונדזער פאָלק.

36. די פרווּן צו פאַרווירקלעכן די נביאישע אידייען.
די איסיים־קאָמונעס און די „בני־אור"

די פאַרשאַרפטע פּאָליטישע לאַגע פון דער גריכיש־רוימישער תקופה, דאָס טיפע און טעראָריסטישע אַריינדרינגען פון דער פרעמדהערשאַפט אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד און די דורות־לאַנג געפירטע דערציאונג פון די מאַסן אין גייסט פון די נביאישע אידייען, פון דער אַנדער זייט, האָבן געשטויסן אויסדערוויילטע שיכטן פון ישוב געזעלשאַפטלעך צו אָרגאַני־זירן זיך, צו איזאָלירן זיך פון דעם דרוק פון די אייגענע און פרעמדע הערשער און זוכן וועגן און מיטלען צו בילדן אַ נייע געזעלשאַפט, די געזעלשאַפט פון דער צוקונפט, צו פּרווּן רעאַליזירן אין דער ווירקלעכ־קייט די נביאישע אידייען.

עס איז קיין ספק ניט, אַז די קאָמונעס פון די איסיים און פון די „בני־אור" האָבן זיך געגרינדעט אַלס אָפּאָזיציע צו די צדוקיש־אַריסטאָקראַ־טישע פירנדיקע קרייזן און צו די קאָלאַבאָראַנטן מיט דער גריכישער און שפּעטער מיט דער רוימישער אָקופּאַציע־מאַכט.

מיר זיינען ניט אויסן אַריינצוגיין אין דער פּאָלעמיק וועגן דער גענויער צייט, אין וועלכער עס האָבן אַנטוויקלט זייער טעטיקייט די דאָזיקע קאָמונעס און אַלע אַנדערע אָפּאָזיציאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. אונדז איז גענוג אָנצונעמען מיט פולן באַוווסטזיין, אַז זיי זיינען געווען אַ פּראָ־דוקט פון דער פּאָליטישער אַנטווישונג פון די מאַסן, וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן פאַרברייטערן זינט דער צייט פון אלכסנדר ינאי (102—76 פאַר דער קריסטלעכער צייט).

צווישן אַלע אַנדערע, ביז איצט אונדז באַקאַנטע אָפּאָזיציאָנעלע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס פון דער גריכיש־רוימישער תקופה אין דער יידי־שער געשיכטע, וועלכע זיינען געווען באַשטראַלט דורך די אידייען פון

דער נביאישער באַוועגונג, האָט אָן ספק פאַרנומען דעם חשובסטן אָרט די מאַסנהאַפטע און דיסציפּלינירטע קאָמונע פון די איסיים, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין אַן אומבאַשטימטער דאַטע דורך איסי בן יהודה. זי האָט געהאַט אַ טאָפּלטן צוועק: צו דערציען אירע מיטגלידער אויף נייע רעכטלעכע און מאָראַלישע יסודות, וואָס זיינען געשטאַנען אין שאַרפן קעגנזאַץ צו דער קלאַסן־הערשאַפט פון זייער תקופה, און גרייטן זיך צו אַ צייט, ווען די גלייכקייט און קאָלעקטיווע שותפות וועלן קאָנען איינגע־פירט ווערן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון גאַנצן לאַנד.

די איסיישע געמיינדעס האָבן עקזיסטירט אין פאַרשיידענע ערטער אין לאַנד, קאָנטיק אויך אין ירושלים, ווו איינער פון די שטאָט־טויערן האָט באַקומען דעם נאָמען „טויער פון די איסיים" („שער האיסיים"). אָבער דער צענטער פון זייערע געמיינדעס איז געווען, ווי עס זעט אויס, אין גליל.

אונדז זיינען ניט באַקאַנט קיין פאַלן פון מלוכהשע רדיפות קעגן די איסיים און דאָס באַווייזט, אַז זיי האָבן עקזיסטירט ביי גינסטיקערע פּאָלי־טישע אומשטענדן ווי די „בני־אור" און די אַנדערע קאָמונעס, וועגן וועלכע מיר וועלן נאָך ריידן ווייטער.

וועגן דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג אין די איסיישע קאָמונעס דערוויסן מיר זיך פון פאַרשיידענע מקורים.

אַזוי שרייבט דער באַקאַנטער יידישער היסטאָריקער יוסף בן מתתיהו (פלאַוויוס), וועלכער איז אַליין געווען אַ געוויסע צייט אַ מיטגליד פון דער איסיים־קאָמונע, אַז „די העכסט וווּנדערלעכסטע זאַך ביי זיי איז די קאָלעק־טיווקייט. דו געפינסט ניט ביי זיי, אַז איינער זאָל האָבן מער פון דעם אַנדערן. ביי זיי באַשטייט אַ געזעץ, אַז יעדער, וואָס טרעט צו זיי אַריין, גיט איבער זיין פאַרמעגן אין רשות פון קאָלעקטיוו, אַזוי, אַז קיינער לעבט ניט, ניט אין נויט און ניט אין ווױלטאָג. זיי געניסן אַלע ווי ברידער פון בשותפותדיקן פאַרמעגן".[1]

[1] פלאַוויוס, יידישע אַלטערטימער, צווייטער בוך, 8, 3.

די כאַראַקטעריסטיק, וואָס עס האָט געגעבן יוסף בן מתתיהו, ווערט דערגענצט דורך דעם יידישן פילאָזאָף פילאָן פון אַלעקסאַנדריע, וועלכער באַמערקט, אַז „קיינער פון זיי וויל ניט זיין קיין פּריוואַט־אייגנטימער, וויל ניט האָבן, ניט קיין הויז, ניט קיין קנעכט, ניט קיין פעלד און ניט קיין אַנדער פאַרמעגן, וואָס שאַפט רייכקייט. זיי באַנוצן זיך אַלע מיט דעם, וואָס זיי האָבן צוזאַמען אויפגעבראַכט"...[2] „דעם געהאַלט, וועלכן זיי באַקומען פאַר וועלכע ניט איז אַרבעט, גיבן זיי איבער דעם אויסדערוויילטן עלטסטן, וועלכער נעמט אים צו און קויפט איין אַלדאָס נייטיקע און ער פאַרשאַפט (פאַר די מיטגלידער פון דער קאָמונע) מיט אַ ברייטער האַנט שפּייז און אַנדערע זאַכן וואָס דער מענטש נייטיקט זיך אין זיי"...[3] „ניט נאָר די שפּייז איז קאָלעקטיוו ביי זיי, נאָר אויך די קליידער. פאַר דער רעגנצייט האָבן זיי וואַרעמע קליידער, פאַרן זומער — לייכטע קליידער און יעדער קאָן זיך פירן, ווי עס איז אים נייטיק, ווייל וואָס איינער פאַרמאָגט, רעכנט זיך אַלס פאַרמעגן פון כלל, און דער פאַרמעגן פון כלל רעכנט זיך אַלס פאַרמעגן פון יעדן איינצלנעם באַזונדער".[4]

יעוזעביוס, איינער פון די גרינדער פון דער עלטסטער קריסטלעכער געמיינדע, וועלכער ברענגט פילאָנס אינפאָרמאַציע וועגן די איסיים, גיט נאָך צו פון זיין זייט פאָלגנדיקע פּרטים: „ביי זיי עקזיסטירט איין קאַסע פאַר אַלע אויסגאַבן — פאַר קליידונג, שפּייז און אַזוי ווייטער. די קאָלעקטיווקייט פון דער וווינונג, פון לעבן און עסן איז אין ערגעץ ניט אַזוי אַנטוויקלט ווי ביי זיי. און דאָס איז גוט פאַרשטענדלעך, ווייל וואָס איינער באַקומט טאָג־טעגלעך אַלס אַרבעטס־לוין האַלט ער ניט פאַר זיך, נאָר זיי לייגן צוזאַמען און געניסן פון די פּרוכט פון זייער אַרבעט. די קראַנקע זאָרגן ניט דערפאַר, וואָס זיי פעלט אויס פּרנסה, ווייל זיי האָבן אַ געמיינ־

[2] פילאָן פון אַלעקסאַנדריע, געבראַכט דורך יעוזעביוס אין זיין בוך Quod Omnis Probus, קאַפּיטל 11, 4.

[3] דאָרטן 11, 10.

[4] דאָרטן 11, 12.

זאַמע קאַסע, און זיי קאָנען רואיק באַפרידיקן זייערע באַדערפענישן פון דעם רייכן רעזערוור".[5]

אַזוי איז דער נביאישער אידעאַל פון גערעכטיקייט פאַרווירקלעכט געוואָרן מינדסטנס אין אַ טייל פון דער ישראלדיקער געזעלשאַפט.

די „בני־אור", די זין פון ליכט, וועמעס סטאַטוטן, די „מגילת הסרכים", זיינען געפונען געוואָרן אין דער הייל פון מדבר יהודה, זיינען געווען אַ מאַראַליש־פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געשטרעבט אויפצובויען דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אויפן יסוד פון די נביאישע אידייען. זיי האָבן זיך אָנגערופן „אנשי היחד" — „די מענטשן פון צוזאַמען", און זיינען אָנגעפירט געוואָרן דורך דער „עצת־היחד", דעם „ראַט פון צוזאַמען". זיי האָבן געפירט אַן אָפענעם אידייאישן קאַמף קעגן די צעלייגטע קרייזן פון דער געזעלשאַפט אין זייער צייט, די „בני־חושך", „די פינצטערע" און די „אנשי־עול", די „מענטשן פון אומרעכט", זיינען געווען געבונדן דורך אַ שטרענגער אינעווייניקסטער דיסציפּלין און האָבן זיך סאָלידאַריש פאַרפליכטעט צו האַלטן טרייקייט דער לערע פון משה און אָפּזאָגן זיך פון זייער פּריוואַט־פאַרמעגן לטובת דעם קאָלעקטיוו.

זיי האָבן שאַרף און אָפן קריטיקירט די אַנטיפּאַטריאָטישע און אַסימילאַטאָרישע פּאָליטיק פון די ירושלימער הערשער און פאַררופנדיק זיך אין זייער קאָמענטאַר אויפן נביא חבקוק האָבן זיי געשריבן: „די שטאָט — דאָס הייסט ירושלים, ווו דער כוהן, דער רשע, האָט אָפּגעטאָן אַלע העסלעכקייטן און פאַרשמוצט גאָטס טעמפּל, און דער רוב פון לאַנד — דאָס הייסט די שטעט פון יהודה, וואָס זיינען פול מיט גוטס אָפּגעגזל'טע ביי אָרעמעלייט".[6]

מיט אַ צייט שפּעטער, נאָכן אַנטשטיין פון דער קאָמונע פון די „בני־אור", איז אויך אַן ענלעכן אופן אַנטשטאַנען די קאָמונע פון „ברית־דמשק", דער „דמשק־בונד". דאָס איז געווען, קאָן מען זאָגן, אַן אָפּאָזיציאָנעלע עמיגראַנטן־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט ביי די פּאָליטישע אומ־

[5] אין דעם דערמאָנטן בוך פון יעוזעביוס 1, עמ' 458.
[6] פשר משא חבקוק יב, 7—9.

שטענדן אין לאַנד איבערגעטראָגן דעם צענטער פון איר לעבן און טעטי־קייט צפונדיקער, איבער דער סירישער גרענעץ. אין ירושלים האָבן זיי איבערגעלעבט אַ שווערן בירגער־קריג און אַ שאַרפע קעגנערשאַפט, וואָס איז געווען באַגלייט דורך טעראָריסטישע אַקטן: „וכל הנסוגים הוסגרו לחרב והמחזיקים נמלטו לארץ צפון" — „די וואָס זיינען צוריקגעטראָטן זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צום שווערד און די וואָס האָבן זיך פעסט־געהאַלטן זיינען אַנטלאָפן אין צפון־לאַנד".[7]

זיי האָבן געבילדעט געשלאָסענע געמיינדעס אין דער שפיץ פון וועלכע עס איז געשטאַנען דער „דורש־התורה" — „דער אויסטייטשער פון דער לערע", אָדער, ווי מיר וואָלטן געזאָגט, דער טעאָרעטישער פירער. זיי האָבן אים אויך אָנגערופן „לערער פון גערעכטיקייט — „מורה הצדק".

אין זייערע סטאַטוטן האָבן זיי זיך געשטיצט אויף דער לערע און געזעלשאַפטלעכער קריטיק פון די נביאים, דערהויפּט פון דעם נביא הושע און ישעיהו. זיי האָבן אַרויסגעזאָגט זייער שאַרפן פּראָטעסט קעגן דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. זיי האָבן באַשולדיקט די הערשנדיקע קרייזן פון לעצטן דור, וועלכע זיי רופן אָן „געמיינדע פון פאַר־רעטער", אַז זייער צייט איז „אַ צייט פון שקר" („ימי־כזב"), אַז זיי האָבן „אָראָפּגעניטערט די גרויס פון דער וועלט און אָפּגעווענדט זיך פון די וועגן פון גערעכטיקייט, צעשטערט די גרענעצן, וואָס די פאָרצייטיקע האָבן פעסטגעשטעלט אין לאַנד... זיי האָבן דערקלערט פאַר גערעכט דעם שול־דיקן און שולדיק געמאַכט דעם אומשולדיקן, זיי האָבן פאַרשטערט דעם בונד און פאַרלעצט דאָס געזעץ, נאָכגעשפּירט די פערזאָן פון דעם גערעכטן און אַלע ערלעכע האָבן זיי פאַרהאַסט, מיטן שווערד זיי גערודפט און געהעצט צו אַ בירגער־קריג".[8]

זיי זיינען שטאַרק אַנטוישט אין דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט, וואָס איר צענטער איז אין ירושלים. זיי נעמען אויף זיך

[7] „ברית דמשק ד׳, 13—14.

[8] „ברית דמשק" א׳, 11—12, 15—16, 19—21.

דעם יאָך פון שווערן לעבן פון אַ געמודפטן קאָלעקטיוו, וואָס וויל זיך אויסהעלפן אויפן וועג פון צייטווייליקער עמיגראַציע.

זייער קריטיק אויף דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג איז ערטערווייז שווערער ווי די קריטיק פון די נביאים: זיי ריידן וועגן דעם העסלעכן דרייבונד פון זנות, פאַרמעגן און פאַרשוועכונג פון טעמפּל.[9]

אין קעגנזאַץ צו דער זינדיקער געזעלשאַפט, האָבן זיי געפאָדערט פון זייערע מיטגלידער אין לאַנד און אויף דער עמיגראַציע ערנסט „אויספירן די אָנווייזונגען פון דעם לערער פון גערעכטיקייט און ניט אָפּטרעטן פון די געזעצן פון גערעכטיקייט (חוקי־הצדק)“.[10]

[9] „ברית דמשק“ ד, 17.
[10] „ברית דמשק“ ח, 55.

באמערקונגען

פֿאַר די חדשים, אין וועלכע עס האָט זיך אויסגעפּאַרטיקט אין דרוק מיין בוך, וואָס ווערט איצט דערלאַנגט די לייענער, זיינען ביי מיר אויפֿגעקומען געדאַנקען, וועלכע דערגענצן דאָס געזאָגטע אין די איינצלנע קאַפּיטלעך פֿון בוך, און קלערן אויף פֿאַרשיידענע פֿראַגן. טיילווייז קום איך זיי אַרויסצוברענגען אין די באַמערקונגען צום דאָזיקן בוך.

*

דאָס גאַנצע מאַטעריאַל פֿונעם בוך, וועלכן איך האָב צוגעגעבן אַ פּאָפּולערע, אַלגעמיין־פֿאַרשטענדלעכע פֿאָרם, וועט אויף אַ מער פֿאַכמעניש־וויסנשאַפֿטלעכן אופֿן באַאַרבעט ווערן אין דער העברעאישער אויפֿלאַגע פֿונעם בוך, וואָס איך גרייט צום דרוק; אַזוי אַרום וועלןביידע אויפֿלאַגעס דערגענצן איינע די אַנדערע און גרייכן צו די פֿאַרשידענע שיכטן לייענער פֿון אונדזער ליטעראַטור.

*

אין משך פֿון פֿיל יאָרן, און בפֿרט בשעתן שרייבן די ערשטע און נאָך מער די איצטיקע אויפֿלאַגע פֿון אונדזער בוך איבער די נביאים, האָב איך פֿלייסיק שטודירט און געלייענט די רייכע ליטעראַטור וועגן די נביאים, סיי די ווערק פֿון די קלאַסישע ביבל־קריטיקער און סיי די מאָדערנע ליטעראַטור. אויב די ביבל־קריטיקער האָבן זיך געהאַט פֿאַרנומען דאָס רוב מיט אַנאַטאָמישע אָפּעראַציעס פֿון די טעקסטן, האָבן זיך די מאָדערנע תנ״ך־פֿאַרשער מער געווענדט צו שפּראַכלעכע, רעליגיעז־פֿילאָסאָפֿישע און היסטאָרישע פֿאָרשונגען. זעלטן ווען עס איז באַזונדער באַהאַנדלט געוואָרן דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער אינהאַלט פֿון די נביאישע ספֿרים, און ווען דאָס איז געמאַכט געוואָרן, איז עס דאָס רוב געשען מיט מאָדער־

ניזירטע און אָפט פאַרבאַהאַלטענע רעליגיעז־פּראָפּאַגאַנדיסטישע צילן. מיר זיינען טיף איבערצייגט, אַז נאָר דורך דער היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישער וועלט־אויפפאַסונג, וואָס וואַרפט אָפּ אַלע רעשטן פון אַבערגלויבן און אַבסטראַקטן אידעאַליזם, קומט מען צו דער ריכטיקער סאָציאַל־היסטאָרישער אויפפאַסונג פון די נביאים. נאָר אויף דער באַזע פון דער פאָלקס־עקאָנאָמיק בויט זיך אויס אין אַלע צייטן די פּאָליטיק און קולטור פון יעדן פאָלק און לאַנד, און די נבואה־באַוועגונג איז געווען, ווי מיר האָבן געהאַט באַוויזן, — אַ פּראָדוקט פון סאָציאַל־עקאָנאָמישע אומשטענדן אין לעבן פון אונדזער פאָלק.

*

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן צו דעם פילאָלאָגישן באַדייט פון דעם וואָרט „נביא״, אַז עס זיינען אויך פאַראַן פילאָלאָגן, וואָס ווילן אַרויסדרינגען דעם באַגריף „נביא״ פון העברעישן „ניב״ — „וואָרט״. זיי פאַרשטייען אויף אַזאַ אופן דעם נביא ריכטיק אַלס וואָרטזאָגער. מיט דעם שטימט אויך די אויפפאַסונג פון רמב״ם (רבי משה בן מיימון), וועלכער זאָגט, אַז די נביאים זיינען געווען מענטשן, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן צום וואָרט דורך דער געטלעכער אַנטפּלעקונג.[1]

*

פאָרשער פון דער אַלט־עגיפּטישער קולטור־געשיכטע געפינען, אַז ביי די אַלטע עגיפּטער איז דער באַגריף „נביא״ צוזאַמענגעפאַלן מיטן באַגריף פּריסטער. זאָל דאָס זיין אמת, איז נאָך שטאַרקער דער רעוואָלוציאָנערער אויפטו, וואָס ווערט צוגעשריבן משהן: ער האָט צעשפּאָלטן דעם איינהייטלעכן באַגריף, איבערלאָזנדיק די פאָרמעלע פּריסטער־פונקציעס זיין ברודער אהרונען און פאַרלייגנדיק, פון זיין זייט, די יסודות פאַר דער

[1] יסודי התורה ז, 1

נביאישער באַוועגונג, וועלכע איז פריי פון יעטווידער פאָרם פון רעלי־גיעזן קולט.

*

דער נביא איז ניט געווען קיין נזיר, אַ מין אינדישער דערוויש, ווי עס ווילן אים פאָרשטעלן אייניקע תנ״ך־פאָרשער, אַ מענטש אָן אָפּגע־ריסענער פון דער טאָג־טעגלעכערווירקלעכקייט. מיר זעען אים גיין מיט זיין צייט, פאָרויס פאַר זיין צייט, פאָרויסזען דעם מאָרגן פון זיין פאָלק און פון דער מענטשהייט. דעריבער ווערן די נביאים אויך ניט פאַרגליווערט אין געדאַנק און סטיל. עס איז קאָנטיק די עוואָלוציע, די שפּראַכלעכע, קולטורעלע און פּאָליטישע אַנטוויקלונג, וועלכע עס האָבן דורכגעמאַכט די נביאים — גלייכצייטיק מיט די מענטשן פון זייער צייט — פאַר די יאָרהונדערטער פון נביאישן דענקען און געראַנגל.

פיל שטאַפּלען פון קולטורעלער אַנטוויקלונג זיינען דורכגעמאַכט געוואָרן פאַר דעם האַלבן יאָרטויזנט, וואָס ליגט צווישן דער צייט פון נביא שמואל און דער צייט פון נביא יחזקאל און ישעיהו דעם צווייטן, און יעדער קולטור־שטאַפּל האָט אונטער זיך אַלס פונדאַמענט און באַזע אַ באַטרעפנדיקן שטאַפּל פון עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד און פון די צווישנפעלקערלעכע באַציונגען.

*

מיר שטעלן זיך ניט אָפּ אויף דער פראַגע, וואָס פאַרנעמט אַ קאָנטיק אָרט ביי די אָרטאָדאָקסישע און כלל־בירגערלעכע נבואה־פאָרשער. זיי באַטראַכטן די עלטערע נביאים אַלס רואים, זעער, דאָס הייסט, אַלס טרעפער און צויבערער אויפן שטייגער פון די אראקול־ריידער. מיר אָבער זעען די אַלע ווונדער און צויבער, וואָס ווערן דערציילט וועגן משהן, שמואלן און אליהון, ווי רעשטן פון לעגענדעס, מיט וועלכע דער פאָלקס־דמיון פון אַלע פעלקער און צייטן באַצירט געוויינלעך דעם אָנדענק פון זיינע אויסדערוויילטע פירער און טוער. מיר וואַרפן אָפּ יעדן אָבערגלויבן, אַז

דער נביא איז געווען, כלומרשט, אַן אויבערמענטש און כישופמאַכער, בפרט, אַז לויט דעם נביאישן יהוהיזם איז יעדע כישופמאַכעריי שטרענג פאַרבאָטן געוואָרן און געווען באַדראָט מיט טויט־שטראָף.[2]

*

איינער פון די בעסטע באַווייזן וועגן דעם אָרט, וואָס די נביאישע באַוועגונג האָט פאַרנומען אין דער קולטור־געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פונעם פאָלק, איז די אַזוי גערופענע „קייט פון טראַדיציע" (שלשלת המסורת). ניט דורך שפּרינגען פון איין אַנשויונג און קולטור צו דער צווייטער, ניט דורך מעכאַנישער אויפנאַמע פון פרעמדע ווירקונגען און טראַדיציעס איז געגאַנגען די קולטור־אַנטוויקלונג — ווי עס האָבן זיך פאַרגעשטעלט שוין די פאָלקס־לערער פון 2טן נאָכקריסטלעכן יאָרהונ־דערט. ווי שטאַפּעטן און פאָנען־טרעגער האָבן די דורות איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן די לערע (תורה) מיט אירע פאָלקס־דעמאָקראַטישע באַשטימונגען. און דאָ קומען די נביאים אַלס אָרגאַנישער רינג אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. ניט די שופטים און קעניגן, נאָר די נביאים ווערן פאַררעכנט אַלס היסטאָרישע טרעגער פון דער פאָלקס־פאָן. אַזוי ווערט דאָס קלאָר אויסגעדריקט אין אַן אַלטצייטיקער קורצער משנה[3]: „משה האָט דערהאַלטן די תורה אויפן סיני, האָט זי איבערגעגעבן יהושוען, יהושוע — צו די (פאָלקס־)עלטסטע, די (פאָלקס־)עלטסטע — צו די נביאים און די נביאים — צו די מיטגלידער פון דער גרויסער פאַרזאַמלונג (כנסת הגדולה)".[4]

*

די פון אונדז אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען וועגן דער המשכדיקייט פון דער נביאישער באַוועגונג שטיצן זיך דורכויס אויף גלייביקע אַנזיכטן

[2] שמות כב, 17

[3] אבות א, 1

[4] געזעצגעבנדיקע פאַרזאַמלונג, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן נאָכן אומקער פון בבל (538 פאַר דער קריסטלעכער צייט).

פון יידישע געלערנטע אין בבל אין דער תלמודישער צייט (3טער און 4טער יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער צייט). לאָמיר ציטירן איינעם פון די וויכטיקסטע פון זיי: „עס האָט געזאָגט רבי אבדימי פון חיפה: „זינט עס איז חרוב געוואָרן דער בית־המקדש, איז צוגענומען געוואָרן די נבואה ביי די נביאים און איז געגעבן געוואָרן די חכמים (די געלערנטע)". דערצו האָט צוגעגעבן אַ צווייטער געלערנטער מיטן נאָמען אמימר: „אַ געלערנטער שטייט העכער פון אַ נביא".[5] דאָס הייסט, אַז מיטן פאַרשטאַנד קאָן דער געלערנטער מער תופס זיין ווי דער נביא מיט זיין אינטואיציע.

*

פונקט אַזוי ווי אין אונדזער צייט קאָן אַ פּאָליטיש־באַוווסטזיניקער מענטש איינזען, אַז עס זיינען דאָ אַנדערע, וועלכע אָריענטירן זיך פאַלש אין די געשעענישן, אַזוי האָבן אויך די נביאים געקאָנט אָנווייזן אויף פאַלש אָריענטירטע וואָרטזאָגער, וואָס פאַרפירן דאָס פאָלק דורך זייער איבערפלעכלעכן, קורצזיכטיקן בליק אויף דער ווירקלעכקייט. דאָס זיינען געווען די אַזוי גערופענע פאַלשע נביאים, די נביאי־השקר, וועלכע האָבן געדאַרפט, לויט דער נביאישער לערע, אויסגעראָטן ווערן. אין פּראָצעס פון זייער אידייאישן קאַמף איז די נביאים ניט איין מאָל אויסגעקומען אָנצושטויסן זיך אויף אַזעלכע פאַלשע נביאים, וועלכע האָבן אין צו העלע פאַרבן געשילדערט די ווירקלעכקייט און האָבן געגאָלטן אַלס מיטאַרבעטער און קאָלאַבאָראַנטן מיט די קעניגן און אָנהענגער פון זייער פאַלשער פּאָליטיק.[6]

[5] בבא בתרא יב.

[6] זיי האָבן אויך געהייסן, צום טייל, „בעל־נביאים", ווייל זיי האָבן זיך באַרופן צום כנענישן אָפּגאָט „בעל".

*

עס פאַרשטייען אויך פאַלש די נביאישע באַוועגונג יענע, וועלכע מיינען, אַז די אמתע נביאים זיינען שטענדיק געווען שוואַרצזעער, אַז זיי האָבן שטענדיק געזען דאָס עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין אויסשליסלעך טונקעלן ליכט, אַז זיי האָבן פאַר איינס נאָר געשטראָפט און געוואָרנט, בעת די פאַלשע נביאים האָבן שטענדיק דאָס פאָלק געהאַט באַרואיקט און פאַרויסגעזען שלום און נצחונות. ריכטיק איז, אַז די אמתע נביאים זיינען געווען ווייטזעענדיקע רעאַליסטן און אומאָפּהענגיקע דענקער און פּאָליטיקער. זיי האָבן געשילדערט די לאַגע אַזוי ווי זי איז, און האָבן פאַרשטאַנען צו דערציען דאָס פאָלק און אויך מאָלן אים ליכטיקע צוקונפט־בילדער.

*

דער רעליגיעזער דעקמאַנטל, דער רעליגיעזער אויסגאַנג־פונקט פון די נביאישע אידייען האָט גלייכצייטיק געהאַט אַ פּאָזיטיווע און אַ נעגאַטיווע באַדייטונג. אַ דאַנק דעם רעליגיעזן צוגאַנג פון די נביאים צו די העכסטע סאָציאַלע אידעאַלן און צו זייער שאַרפסטער קריטיק פון די געזעלשאַפטלעכע עוולות, האָבן היינטצייטיקע סאָציאַליסטישע מדינות און איינצלנע דערציער נעגאַטיוו זיך באַצויגן צום תנ״ך בכלל און געלאָזן אים אין דער זייט פון זייער קולטורעלער און פּעדאַגאָגישער אַרבעט. זיי האָבן כמעט ניט אויסגענוצט דעם געבענטשטן באָדן, וואָס איז אויפגעאַקערט געוואָרן דורך דער פאָלקס־רעליגיע פון דורות און אויף וועלכן עס קאָנען מיט דערפאָלג געזייט ווערן פּרוכטבאַרע קערנער פון סאָציאַלער דערציאונג. די פּראָגרעסיווע וועלטלעכע דערציער דאַרפן, לויט אונדזער מיינונג, אַראָפּנעמען פון דער נביאישער ליטעראַטור מיט אַ פאָרזיכטיקער האַנט איר רעליגיעזן לבוש און פּראָדוקטיוו אויסנוצן איר פאָרטיפטן סאָציאַלן אינהאַלט.

מען דאַרף דערביי אָבער אויך געדענקען און פּאָזיטיוו אָפּשאַצן דעם פאַקט, אַז נאָר אַ דאַנק דעם רעליגיעזן לבוש, אין וועלכן עס זיינען אין

זייער צייט אָנגעקליידט געוואָרן די נביאישע אידייען, זיינען זיי אויפגע־נומען און פאַרשפרייט געוואָרן דורך די דריי גרעסטע וועלט־רעליגיעס, דער יידישער, קריסטלעכער און מאַכמעדאַנישער, און אַז דערפאַר זיינען זיי קאָנסערווירט געוואָרן ביז צום היינטיקן טאָג און זיינען איבערגעזעצט געוואָרן און דערקלערט געוואָרן אין אַלע מענטשלעכע לשונות.

אַראָפּצונעמען פון די דאָזיקע אידייען זייער רעליגיעזן לבוש און ברייט צו פאַרשפרייטן זייער סאָציאַלן קערן אין די פאָלקסמאַסן, איז דער געבאָט פון דער וועלטלעכער קולטור און דערציונג פון אונדזער צייט.

*

איינע פון די גרעסטע סתירות צווישן אידייע און ווירקלעכקייט אין דער וועלט־געשיכטע און אין דער וועלט־ליטעראַטור איז די סתירה צווישן די נביאישע רעוואָלוציאָנערע אידייען, וועלכע די קריסטלעכע און מאַכמעדאַנישע מדינות האָבן אָנגענומען אַלס טייל פון זייערע רעליגיעס, און צווישן זייערע האַנדלונגען קעגן ייד און מענטש אין משך פון דורות. די דאָזיקע סתירה, וועלכע וואָלט אונדז געגעבן אַ חשובן שליסל צו דער פאַרשטענדעניש פון פעלקער־לעבן און באַלויכטן די סאָציאַלע און דער־ציערישע אויפגאַבן פון די היינטצייטיקע פּראָגרעסיווע און וועלטלעכע מדינות, איז וויניק וואָס באַהאַנדלט געוואָרן מצד דער מאָדערנער ליטע־ראַטור און וויסנשאַפט. אונדזער סאָציאַלער און וועלטלעכער צוגאַנג צו דער נביאישער באַוועגונג, וועלכן מיר ברענגען אַרויס אין אונדזער בוך, דאַרף, דרך אגב, אויך גילטן אַלס אַן אָנווייזונג, ווי די דאָזיקע סתירה צו פאַרשטיין און צו באַאורטיילן.

*

שוין זינט דעם מיטן פון 19טן יאָרהונדערט האָבן די קריסטלעכע ביבל־פאָרשער געלייגט אַכט דערויף, אַז אין דער ביבל לאָזן זיך אונטער־שיידן צוויי פאַרשיידענע שיכטן, די יהוהיסטישע, וואָס גאָט ווערט באַ־צייכנט מיטן נאָמען יהוה, און די אלהיסטישע, וווּ ער ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען אלהים. זיי האָבן זיך אָבער דאָס רוב אָפּגעשטעלט אויף שפּראַכלעכע און רעדאַקציאָנעלע איינצלהייטן פון די צוויי, שפּעטער פאַר־אייניקטע ביבל־נוסחאות און האָבן וויניק וואָס אַנאַליזירט און אונטער־

געשטראָכן דעם פאַקט, אַז דער אויסדרוק „אלהים״ איז אַ רעשט פון דער תקופה פון פילגעטעריי (אלהים איז די מערצאָל פון „אל״), בעת דער יהוה־באַגריף איז אַ ריין מאָנאָטעיסטישער באַגריף, אַ באַגריף פון אַן איינהייטלעכער אַבסטראַקטער גאָטהייט. דער נאָמען „יהוה״ זאָל, ווי עס מיינען טראַדיציאָנעלע דערקלערער, באַצייכענען דעם מאָמענט פון אייביקייט און זאָל גילטן אַלס קאָמבינירטע פאַרשמעלצונג פון די ווערטער „היה, הווה ויהיה״, — „געווען, איז און וועט זיין״.

*

מיר וואַרפן אָפּ די השערה פון די עקסטרעמע ביבל־פאַרשער, וועלכע האַלטן, אַז די געשיכטע וועגן דעם דורך משהן [7] צעבראָכענעם און צעשטויסענעם גאָלדענעם קאַלב, איז אַ פּראָדוקט פון אַ שפּעטערדיקער צייט, ווען דער יהוהיזם האָט זיך שוין געהאַט איינגעבירגערט. די דאָזיקע האַנדלונג האָט גוט געפּאַסט פאַרן ערשטן באַגרינדער פון יהוהיזם און האָט האַרמאָניזירט מיטן ערשטן פון די צען געבאָטן: „דו זאָלסט דיר ניט מאַכן קיין סטאַטוע און קיין בילד״.[8] די פרייד פון פאָלק אין זיינע טענץ אַרום דעם געגאָסענעם קאַלב און די איניציאַטיוו אהרונס אין זיין גיסן [9] באַשטעטיקן אויפן בעסטן אופן, אַז דער בעל־קולט האָט שוין געהערשט אין פאָלק און ער איז געבליבן הערשן אויף לאַנגע דורות. מיר זעען אים אין די 12 געגאָסענע אָקסן־בילדער אין דעם טעמפּל פון שלמה,[10] אין די גאָלדענע קעלבער פון טעמפּל אין בית־אל,[11] און אויך די כרובים־ספינקסן אויפן אָרון מיט די צען געבאָטן, זיינען ניט פריי פון געצנדינערישע רעשטן.

דער עקסטאַז, די באַגייסטערונג, מיט וועלכער די נביאים, איבער־

[7] שמות לב, 20
[8] שמות כ, 4
[9] שמות לב, 2—6
[10] מלכים א, ז, 25
[11] מלכים א, יב, 32

הויפּט די עלטערע, פלעגן אַרויסטרעטן, האָט אַרויסגערופן ביי פאַרשיידענע פאַרשער דעם אומגערעכטן איינדרוק, אַז זייערע אַרויסטרעטונגען זיינען געווען ווילדע, היסטעריִשע, אַז זיי האָבן דערביי כמעט פאַרלאָרן דעם באַוווּסטזיין פון אייגענעם איך און ווי פאַרשיכורטע און היפּנאָטיזירטע אַרויסגעבראַכט פאַרשיידענע וויזיעס. דאָס איז היסטאָריש און פּסיכאָ־לאָגיש פאַלש און דעגראַדירט דעם סאָציאַלן ווערט פון די נביאים. מיר געפינען, אמת, אין די אויפגעהיטע נביאים־שריפטן טעמפּעראַמענט, אָבער גלייכצייטיק אויך געדאַנקען־קלאָרקייט און טיפקייט. אויף ביישפּילן פון אונדזער צייט קאָנען מיר לערנען, אַז פאָלקס־רעדנער קאָנען זיין פון פאַרשיידענעם טעמפּעראַמענט. עס מינערט זיך כלל ניט די פאָלקסטימ־לעכקייט פון דעם נביא, זי ווערט, פאַרקערט, גרעסער, ווען ער טרעט אַרויס שטורמיש און אויפגעברויזט, בעת ער קומט וואָרענען דאָס פאָלק וועגן די געפאַרן, וואָס שטייען אים פאַר.

*

מיר האָבן אין אונדזער בוך דורכויס גערעדט וועגן אַ נביאישער באַוועגונג און באַטראַכט די איינצלנע נביאים אַלס אירע וואָרטזאָגער. דאָס רוב רעדן די נבואה־פאָרשער וועגן דעם נביא אַלס אַ יחיד, אַלס אַן אינדיווידועלע דערשיינונג, אָפט אויך אַלס אויבערמענטש און וווּנדער־מאַכער. איינצלנע פאָרשער דערמאָנען, אמת, די להקת הנביאים, אַלס קאָלעקטיוו, זיי זעען אָבער ניט די עצם קאָלעקטיווישקייט פון דער נביאי־שער באַוועגונג און שטעלן זיך ניט אָפּ אויף דעם סאָציאַלן און פּאָליטישן כאַראַקטער פון די נביאים־קאָלעקטיוון, וואָס זיינען אייגנטלעך געווען גרופּן פון אַקטיוויסטישע קעמפער פאַר אַ מאָראַליש בעסערער און פּאָלי־טיש זיכערער אָרדענונג. וועגן די פּאָליטישע רדיפות פון אַזעלכע קאָלעקטיוון אין דער מלוכה־צייט פון אחאב, ווערט קלאָר דערציילט אין תנ״ך.

*

אין משך פון 25 יאָר האָב איך מיטגעאַרבעט מיט אונדזער פאַר־שטאָרבענעם גרויסן פאָלקס־דיכטער חיים נחמן ביאַליק אויפן געביט פון קולטור און וויסנשאַפט. און איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט טאָג־טעגלעך צו אָבסערווירן פון דער נאָענט זיין גייסטיקע געשטאַלט, וועלכע האָט זיך אָן שום ספק אויסגעמייסטערט אויפן באָדן פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אומשטענדן אין רוסלאַנד און אין ארץ־ישראל אין סוף פון 19טן און אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט.

אויף זיין שאַפונג קאָן מען מיט דערפאָלג שטודירן דעם כאַראַקטער פון נביאישן שאַפן. ער האָט אין זיך געהאַט אַן אָפּשטראַלונג פון דער נבואה. ער איז געווען אַ וועלטלעכער רעאַליסטישער מענטש, אָפּט אָפּילו מיט אַנטי־רעליגיעזע טענדענצן. פרומקייט און שאַבלאָניקע גלויביקייט זיינען אים געווען לחלוטין פרעמד. אָבער ווען עס פלעגט זיך אין אים ספּאָנטאַן און אינטואיטיוו אָנצינדן דאָס פייער פון שעפערישקייט, ווען עס פלעגט אָנקומען מיט אַ ווולקאַנישער קראַפט דער אויפברויז פון אַן אינעווייניקסטער אינספּיראַציע, האָט ער דעמאָלט ניט פאַרמאָגט איינ־צוהאַלטן זיין נשמה־שטורעם. ער האָט געפלאַמט און האָט גערעדט „נביאיש", האָט געזען כלערליי וויזיעס און עס האָט זיך בפירוש געדאַכט, אַז אַ העכערע מאָראַלישע קראַפט (אַ רוח הקודש, ווי ער פלעגט זיך אַליין אויסדריקן) רעדט פון זיינע גליענדיקע אויגן, פון זיין אויפגעפלאַמטן געזיכט. זיין מויל פלעגט מיט אַ ווולקאַנישן ברען זיך עפענען און עס האָט זיך ניט געלאָזט אָפּשטעלן דער שטראָם פון זיינע פּראָדוקטיווע געדאַנקען און דער שטורעם פון זיינע געפילן און איבערלעבענישן. אויף יעדער געשעעניש אין לעבן פון פאָלק און פון דער מענטשהייט האָט ער שטורמיש, נביאיש רעאַגירט אין מאָמענטן פון גייסטיקער דערהייבנקייט.

זאך־רעגיסטער

עס ווערן אָנגעמערקט נאָר נעמען און זאַכן, מיט וועלכע עס פאַרנעמען זיך נישט ספּעציעלע קאַפּיטלעך פונעם בוך.

אבדימי 299
אבן העזר 113
אברהם יצחק און יעקב 89
אבשלום־אויפשטאַנד 114 265
אדום, אדום־לאַנד 248 144 142 132 90
אדונירם 114
אהרון 302 25
„אוטאָפּיאַ" 74
אוטאָפּיסטן 35
אויטאָנאָמיזם 217 201
אויטאָנאָמיע 213
אויפשטאַנד 114 34
אוריה 111 110
אורים ותומים 29
אזיל־רעכט (מקלט) 175
אחאב 303 131 128 127 126 46
אחז 163 155 151
אחיה פון שילה 119 118
אחרית־הימים 74 73
איזבל 130 129 127
איכה קלאָג־ליד 203
אילת 116
אינטערנאַציאָנאַליסטן 50
אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק 11
אינטערפּרעטאַטאָרן (מתורגמים) 283
אינספּיראַציע 87 42 38 31
איסיים, איסייִשע קאָמונעס, געמיינדעס 289 288 287 286 171
אלישע בן שפט 130 123 33
אלמנה, אלמנות און יתומים 162 156 106 262 249 198 182 176
אלעקסאנדער דער גרויסער 279
אלעקסאנדער ינאי 286 171
אלעקסאנדריע 282
אמון 177
אמימר 299
אמציה, כוהן 148
אמציה, קעניג 155
אנטלאָפענער קנעכט 183
„אנשי־היחד" 289
אסיפת־זקנים 107 104 86
אַפּאָקריפישער עזרא־בוך 277
אראַבער 26
אראַקול 297 29
אַרבעט־לוין 183
אַרבעט־צייט 20
אַרבעטס־פּרוי 271
אַרבעטס־קאָנטראַקט 175
ארם 147 115
אשורבאניפאל 228 165
אשת־חיל 272 271

באָדן־פאַרטיילונג 105
באַנוצונג פון מעטאַלן 19
באַפרייונגס־קריג 43
באַרג נבו 89
„בוך פון בונד" (ספר הברית) 176 174 88 86
ביאַליק, חיים נחמן 304
בילדער און סטאַטועס 302 112 46 39
בירגער־קריג 123 73
בית־אל 302 256 148
בית המקדש 117
בלעם בן בעיר 57 26
בלשאַצר 228 227

בני־אור 289
בני־נביאים 55 30
בעדואינישע געמיינדע 121
בעל, בעל־נביאים, בעל־פריסטער, בעל־
קולט 113 112 93 46 42 41
302 299 256 208 182 140
ברוך בן נריה 276 205
„ברית־דמשק" 290 289
ברק בן אבינועם 99 97
בת־שבע 266 110
בתי־כנסת 281

גאָט־מלוכה 214
גאָט פון מלחמה 43
גאָלדענער קאַלב 302
גאַרניזאָן (חיל מצב) 100
גבעה 103 99
גדליה בן אחיקם 202
גואל־הדם 142
גושן 84 18
גלגל 100
גלויבווירדיקייט פון קוועלן 15
גליל 148 115
גלעד, גלעד־לאַנד 196 128 125 124 99
געוווינהייטס־רעכט 174
געזעצגעבער, געזעצגעבונג 180 87
183 182 181
געצנדינסט 182 167 113 112 47
געשיכטע־שרייבער 109
גרויסע פאַרזאַמלונג (כנסת הגדולה)
298 54
גריכן 279
גרים, גרים־תושבים 108

דאַריוס (דריוש) 279 277 236 59
דאָרן־בוים 84 64 57 40 32
דבורה־ליד 91 61 57
דברי־הימים למלכי־יהודה וישראל 109
דויד, דויד־דינאַסטיע 109 107 105 104
266 265 256 120 117 116 114 110
דורש התורה 290
דיאַלעקטיקער 35
דיאַלעקטישער צוגאַנג 19
„דלת־העם" 201

דמשק 144
„דמשק"־"בונד" 290 289
דראַנג צו לאַנדווירטשאַפט 19
דתן ואבירם־אויפשטאַנד 58

האַנטווערקער־צעכן 116
החרש ומסגר 116
הייליקע שטעט 140 117 98 28
היישעריק 245 140 98
היסטאָריאָגראַפיע 20
היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישע אויפפאַ־
סונג 296
הלל הזקן 282 278
העליאָפּאָליס 235
העלעניסטישע קולטור 280
הפטרות 283
הר הבית 247
הר הזיתים 247
התגלות 27

וואַל־קעניגטום 118
ווינטער, פּאָול 278
וועלט־בירגער 50
וועלט־גאָט 142 53 41
וועלט־מאַכט 45 42
וועלט־קעניגטום 105
וועלט־שאַפונג 44

זעלבסט־פאַרוואַלטונג 233
זרובבל בן שאלתיאל 241 215

חבלי־משיח 35
חבקוק 62
חולדה 207 179
„חוקי־הצדק" (געזעצן פון גערעכ־
טיקייט) 291
חושן 29
„חזון ברוך" 276
חזקיהו 261 207 167 166 165 164
חיל־מצב 100
חיתים־לאַנד 115
חכמה 269 268 267
חכמת־יוונית 280
חלקיהו 178

חנה 92 93
חנוך 275 276
חנמאל 205
חסידים, חסידים־באַוועגונג 281

„טאָג פון יהוה" 43 160 161
טאָל פון טרוקענע ביינער 65 66 216 221
טאָל פון מגידו 191
טאָמאָס מאָרוס 74
טויט־שטראָף 175 182
טייך כבר 216
טעאָקראַטיע, טעאָקראַטישע מדינה 70 213
טעמפל פון בית אל 148 302
טעמפל פון שילה 92 94 95

יאשיהו 102 178 180 183 191 193 244
יהוא בן נמשי 124 130
יהואש 16
יהודה דער פאַלקס־פירשט (הנשיא) 284
יהודה־לאַנד 35 73 115 116 120 127 132 148 158 165 176 192 200 202 229 248 180 184
יהויכין 211 216
יהויקים 193 199 205
יהונדב 124
יהושע 90
יהושע בן יהוצדק 215 241
יהושפט־טאָל 247
יואב 110
יובל־געזעץ, יובל־יאָר 105
יוסף בן מתתיהו (פלאוויוס) 287 288
יועצים 107
יותם 151 155
יזרעאל 129
יזרעאל־טאָל 105 141 153 212
יחזקיהו (חזקיהו) 151 155
ים־ליד 85
יעווזעביוס 288 289
יעזוס 278
יצירה 44
ירבעם בן יואש 143 151
ירבעם בן נבט 117 118 119 120 125
ירושה־באָדן 105
ירושה־קעניגטום 107 118
ירושלים 37 76 107 116 132 155 156 239 168 169 203 204 215 157 166 241 243 264 279 218 220 228 236
ישו פון נצרת 278
ישמעאל בן נתניה 202
ישעיה דער צווייטער 46 137 230 232 235 297
יתרו 32 86 126

כּורש 230 235
„כהנים" 26
כוהן גדול 98
כוהנים־רעגירונג 71
כנסת־הגדולה 54 298
כראָניקעס 54 55 62 63
כרובים, ספינקסן 302
כרמל־באַרג 128 144
כישופמאַכעריי 298

להקת־נביאים 30
לוויים־כאַרן 256 262 263
לוין־אַרבעטער 266
לעגענדעס 63

מאַסן־פסיכאָלאָגיע 62
מאַקאַבייער 281
מאַראַטאָריום 182
מגילות פון קומראַן, פון מדבר יהודה 61 62
מדי 141
מואב־לאַנד 89 144
מואבים 26
מוזיקאַלישע אינסטרומענטן 256
מוחמד 26 96
מוראַשקע 271
מורה הצדק 290
מיטללענדישער ים 140 169
מיליטאַריזם 78
מיליטער־דינסט 180 181
מישע 26
מלוכה־פּאָליטיק 49 213
מלוכה־שפּאַלטונג 118
מלחמה־באַגרענעצונגען 180 181

ממלכת־כוהנים 250 222 214 71
מנשה 177 161
מעל־ און ברויט־קרבנות 37
מצפה 102 98
מקובלים 35
מקלט 175
מרודך בלאדן בן בלאדן 165
מרשה 168
משה בן מימון (רמב"ם) 296
משיח־געדאַנק 74 73
משיח־ליידן 35
משיח־קעניג 231 78 77 75
משכון 182
משל וועגן וויינגאָרטן 66 65
משנה 284
משאת משה 195
מתורגמנים 283

נאַטור־קאַטאַסטראָפעס 246 146 85
נאַטור־רעליגיע 174 113 112 45 41 39
נאַטור־שטייערן 182
נאַציאָנאַלער גאָט 257 41
נבוזראַדן 202
נבוכדנצר 227
נבות דער יזרעאלי 129 128
נביאים פאַר פעלקער, (נביאים לגויים) 141 125
נביאים־קאָלעקטיוו 303
נגב 121 116
נחמיה בן חכליה 239 232 231 229 215
231
נילוס 178 38
נינוה 188 186 185 165
נקמה־נעמער 142
נתן 266 111 110

סאָציאַלע גערעכטיקייט 27
סאָציאַלע הילף 182
סאָציאַלע רעליגיע 113 41 39
סאָציאַלער פאַרשריט 45
סטאַבילער שלום 37
סטאַטוס 302 147 39
סימבאָלישע נעמען 65
סינאַגאַגעס 281
סיסרא 90
סנהדרין, גרויסע 280
סנהדרין, קליינע 280
סנחריב 193 167 165 164 156 73
ספר הברית 181 176 175 174 88 86
ספר התורה 181
סקיטן 191

עבד עברי 175
עובדיה 132 131 127
עוואַנגעליסטן 174
עוזיהו 156 155 151 143
עולי־רגל 117
עזה 144
עזרא 284 277 249 243 229 54
"עלטערן־קאַפּיטלעך" 282
עלי 95 93
עמון־לאַנד, עמון־מלוכה 225 144 125
ענתות 196
ציון־גבר 116
עצרת־היחד 289
עקאָנאָמישע פאַקטאָרן 52
רבי עקיבא 284
עראַטישער עלעמענט 153 152
ערד־ציטערניש 164
עשרת הדיברות 87 19

פּאָליטיק פון כוח 40 37
פּאָליטישער טראַר 36
„פּאָלקס־אַרעמקייט" (דלת העם) 201
פּאָליטישער מאָרד 114
פּאָלקס־יום־טוב 257 103
פּאָלקס־פאַרזאַמלונג 119 104 103 102
פּאָלקס־פאַרטרעטונג, פּאָלקס־ראַט, פּאָלקס־עלטסטע 98 86
פּאָלקס־פאַרראַט 269 94
פּאָלקס־קעניגטום 104 103 102 101 98
פּאָלקס־רעכט 231 131 38
פּאָלקס־שטייער (משאת משה) 195
פאָלשע נביאים 300 299 194 170
פּאַמיליע־קאָמונע 18
פּאַמיליע־געזעצן 222
פּאַמיליען־פאַרראַט 269

פאַרמיטלער 69 70
פּאַשע־ווירטשאַפט 19
פּול 139
פּייער, פּייער־זייל 32 40 84
פילאָן פון אַלעקסאַנדריע 288
פּיתום און רעמסס 84
פּלשתּים 95
פעלקער־בונד 224 225
פעניקיע 115 127 139 141
פערזאָנען־קולט 89
פראַגנאַז 29 30 52
פּראַצענטן און פּראַצענטניקעס 182
פּריוואַט־אייגנטום 19 20 87 122 174
פרייער אַרבעטער 87 175
פּריסטערלעכע מלוכה 214 222 250
פּריסטערלעכע פּריווילעגיעס 249
פּרעה נכה 180
פּרקי־אבות („עלטערן־קאַפּיטלעך”) 282
פּרת (יעופראַט) 38 178
פשר משא חבקוק 171

צדקיהו 63 191 193 211
צוואַנג־מאָביליזאַציע 180
צוקונפט־אידעאַל 77
צוקונפט־וויזיעס 73 163
צוקונפט־מלוכה 74
צור 144
צען געבאָטן 87 174 302
צענטל 102 182
צפורה 86

קאַדיפיקאַציע 174
קאָלעקטיווישקייט 303
קאָלעקטיווע פּאַלקס־פירונג 86
קאָמונעס 267
קאָמונעס אין מדבר יהודה 171
קאָמונעס פון די איסיים 286
קאָנסטיטוציע 180
קאָנסטיטוציאָנעלע מלוכה־מאַכט 179
קאַראַוואַנען, קאַראַוואַנען־וועג 105 115
קדש ברנע 18
קדשות 176
קורח־אויפשטאַנד 88
קלויזנער יוסף 278
קמיעות 112

קנעכט, קנעכטשאַפט 107 108 174
קעגנזייטיקע הילף 175
קעניגלעכע געזעצגעבונג,
קעניגלעכע כראָניקעס 62 109
קעניגלעכע באַאַמטע 69
קעניגלעכער סטאַטוס 101 106
קערפּערלעכע פאַרלעצונגען 175
קצינים 97
קרבנות 31 42 69 70 74 156 158 159
קריג־פירונג 46
קרימינעלע און ציווילע געריכטן 183
קריסטנטום 278 285

ראַטגעבער 107 119
רבשקה 164 166
רבת־עמון 225
רו־טאָג 20 87 176
רו פון דער ערד 176
רואה, זעער 29 297
רחבעם 115 118 119
רמב״ם (משה בן מיימון) 296
רמה 91
רמתיים צופים 92
רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג 33
רעליגיעזע זנות 176

שאול 97 98 99 100 102 103 125 265
שוואַגער־הייראַט 183
שוחד 158
שומרון 124 127 141 143 146 147 148
115
שומרונים 240
שטיינהאַקערייען 106
שטראָף־עקספּעדיציע 200
שילה־טעמפּל 34 93 95
שיר המעלות (טרעפּן־ליד) 263 266
שלמה 107 114 115 130 237 273 302
שלום 38 49 51 72 279
שלום־פּאָליטיק 51
שליחות 25 51 95 118
שלמנאסר 73 120 193
שמעי בן גרא 114
שמעיה 120
שפן 178
שקלאַפעריי 20

שרון 212

תגלת פלאסר 139 193
תורה־בוך (ספר התורה) 180 181
תורת־כוהנים 37
תלמוד 284
תפיסה 205 211 223
תשעה באב 203

צעטל פון די שפענדער און אַבאָנענטן
וואָס האָבן דערמעגלעכט די אויסגאַבע פונעם בוך

זאָלן פאַרשריבן ווערן מיט גרויס ערע און האַרציקן דאַנק די נעמען פון פריינט, פּראָגרעסיווע טוער, פון די מיטגלידער פון איניציאַטיוו־קאָמי־טעט, שפענדער און אַבאָנענטן, וועלכע האָבן, יעדער לויט זיין מעגלעכקייט, מיטגעהאָלפן צו פאַרווירקלעכן די אויסגאַבע פון דער דאָזיקער היסטאָ־רישער פאָרשונג וועגן די נביאים, די סאָציאַלע דענקער און קעמפער אין פאַרצייטיקן ישראל.

מיטגלידער פון איניציאַטיוו־קאָמיטעט

פסח נאָוויק

פרענק קווירק

ישראל איסר אַראָנסאָן

שפענדער און אַבאָנענטן

פ. אודין, ניו־יאָרק
י. אייזענבערג, ניו־יאָרק
ל. אַלבערט, קאַטולי
ג. און מ. אַלטמאַן, ניו־יאָרק
עוועלין אַלעקסאַנדער, סאַן פראַנציסקאָ
א. אַלפעראָוויטש, ניו־יאָרק
א. אַלפערט, קאָנעקטיקוט
ישראל איסר אַראָנסאָן, ניו־יאָרק

ש. באָבריק, ניו־יאָרק
מ. באָומעל, ניו־יאָרק
בריינדל בורקין, לאָס־אַנדזשעלעס
ח׳ בושמאַן, מיאַמי ביטש
הימאַן ביאַלאָס, לאָס אַנדזשעלעס
אברהם בינעמאַן, סאַן פראַנציסקאָ
צילה בלום, לאָס אַנדזשעלעס
ר. בלום, ניו־יאָרק
בען און חיה בענעוויץ, מיאַמי ביטש
י. בעקער, מאָנטרעאַל (קאַנאַדע)
מאָריס בעקער, ניו־יאָרק
משה און ראייא בעקער, מיאַמי ביטש
אהרן און העלען בערג, מיאַמי ביטש

בראונעל, לאָס אַנדזשעלעס
מאַקס און ליאַנאַ בריימאַן, מיאַמי ביטש
א. בריקמאַן, מיאַמי ביטש

שרה גאָלדוואַלד, לאָס אַנדזשעלעס

צום אָנדענק פון איר מאַן
חיים גאָלדוואַלד

בעלאַ גאָלדווירט, ניו־יאָרק
מ. גאָלדפיין, ווינניפעג, קאַנאַדע
גיטאַ גאַלינסקי, לאָס־אַנדזשעלעס
פ. גאַרדן, לאָס־אַנדזשעלעס
חיים בער גאַראָוועץ, מיאַמי ביטש
נ. גאַרפילד, לאָס־אַנדזשעלעס
מ. גודין, ווינניפעג, קאַנאַדע
מ. גוטטען, פעטאַלומאַ
מ. גלימכער, ניו־יאָרק
י. גליקמאַן דזשאַמייקאַ
ל. גליקמאַן, בראָנקס
גדליה געלער, דעלי־סיטי (קאַליפאָרניע)

ב. גרייבער, לאָס־אַנדזשעלעס
דען און רויז דאַנציג, מיאַמי ביטש

י. דאַראַזשקין, ניו־יאָרק
מאָריס דזשייקאָבס, ברוקלין
היימי און סאַפי דעוויס, מיאַמי ביטש
מ. דעמבוס, ניו־יאָרק
ליובאַ דרזשאַוואָסקי, לאָס אַנדזשעלעס
ר. האַך, ניו־יאָרק
יעטא האָפמאַן, לאָס־אַנדזשעלעס
ליובי האַרעוויטץ, לאָס־אַנדזשעלעס
ה. האַרריס, ניו־יאָרק
גוסטאַוו וואַלמאַן, פּעטאַלומא
י. וואָולף, לאָס אַנדזשעלעס
נתן וואַלטער, נאָרטה בערגען

ר. ווינאָקור, ניו־יאָרק
ל. וואָלפלין, אָנטאַריאָ, קאַנאַדע
י. וואָלפמאַן, טאָראָנטאָ, קאַנאַדע
מאיר וויינוס, לאָס אַנדזשעלעס
ה. ווילינסקי, לאָס אַנדזשעלעס
חנה און שמואל זאַלצמאַן, ניו־יאָרק
ד. זעלטצער, ניו־יאָרק

ישראל דוב טאַבאַטשניק, ניו־יאָרק
א. ד. טאָף, בייערלי הילס
ש. טרייבוש, לאָס־אַנדזשעלעס

מאַרקוס יאנק, ניו־יאָרק

וואָלף כהן, ניו־יאָרק
יוסף כהן, ניו־יאָרק
יעקב כהן, ניו־יאָרק

י. לאַקרעטץ, לאָס אַנדזשעלעס
י. לוסקין, ניו־יאָרק
אברהם און ראָז לידץ, מיאַמי ביטש
לייען־קרייז חוה פּאָוועס, סאַן פראַנ־
ציסקאָ
גאָסא לין, מיאַמי ביטש
ס. ליפּצין, ניו־יאָרק
ש. ליפּשיץ, בראָנקס
סעם און ליזאַ לעבעוויטש, מיאַמי
ביטש

א. לעווין, ניו־יאָרק
שמואל לעווין, סאַן פראַנציסקאָ
ה. לעווענסאָן, דענווער

ל. מאַלטין, קאַנאַדע
סעם און טילאַ מאַליקאָוו, מיאַמי ביטש
ב. מאַנדשיין, ניו־יאָרק
מ. מאַס, ניו־יאָרק
ל. מאַפּלין
יוסף מאַרגענשטערן, האָליוווד
י. מאַרקוס, לאָס אַנדזשעלעס
אידאַ מיטשעל, טרענטאָן
סילי מיללער, פּעטאַלוואַ
לעאָן מילמאַן, סאַלוואַדאָר באַהיאַ
(בראַזיל)
סילי מיללער, פּעטאַלומא
אסתר מילער, לאָס־אַנדזשעלעס
בערל מעלאַמעד, לאָס־אַנדזשעלעס

נ. נאַרטה, פלאָרידע
יהודה ניבאָרסקי, ראַמאָס מעייאַ
(ארגענטינע)
ש. ניטצבערג, פּעטאַלומא
ל. נעלסאָן, ניו־יאָרק

מ. סאַבעראָף, דעטראָיט
עטל סאָוועל, לאָס־אַנדזשעלעס
איווע סאַצקע, לאָס־אַנדזשעלעס
שמואל סאָקאָלאָר, באַלטימאָר
אהרון סאָקער, ניו־יאָרק
ד״ר ה. ב. סטעלער, טשעלזעאַ
מינא סמאָלער, לאָס־אַנדזשעלעס
נתן סערעס, סאַן פראַנציסקאָ

מ. פּאַגעל, ניו־יאָרק
ב. פּאָדאָלסקי, מיאַמי ביטש
ב. פּאַכט, האָליוווד
י. פּאַלל, לאָס־אַנדזשעלעס
מינא פּאַללער, לאָס־אַנדזשעלעס
י. פּאַלמער, לאָס־אַנדזשעלעס
ח׳ פּאַלסקי, מיאַמי ביטש
אהרון פּינסקי, לאָס־אַנדזשעלעס
ח׳ פינקעל, מיאַמי ביטש
ש. פינקעלשטיין, וואָרטשעסטער

בען פיעלד, פעטאלומא
ב. פערלמוטער, לאָס־אַנדזשעלעס
ק. פראנט, לאָס־אַנדזשעלעס
ש. פראנצבלאו, לאָס־אַנדזשעלעס

מ. קאָופמאַן, פלאָרידאַ
ה. מ. קאזלאף, לאָס־אַנדזשעלעס
אהרון און דזשעני קאן, מיאַמי ביטש
קלאַראַ קאַסטען, האַליוווד
ל. קאַסמאַן, ניו־יאָרק
וו. מ. קאַפּלאַן, ריטשמאָנד
מ. פּ. קאראַל, לאָס־אַנדזשעלעס
דזשאָרזש קארט, מיאַמי ביטש
הירש און חסיע קארט, מיאַמי ביטש
יוסף קאַרן, לאָס־אַנדזשעלעס
מ. קארראל, לאָס אנדזשעלעס
נענסי קופּערסמידט, טאָראָנטאָ (קאַנאַדע)
פרענק קוירק, ניו־יאָרק
ד. קיש, ניו־יאָרק
מ. קלוגער, מאָנטרעאַל (קאַנאַדע)
ד״ר מאַקס קעניגסבערג, ניו־יאָרק
ה. קעסלער, ניו־יאָרק
לעאָן קעסמאַן, טרענטאָן
א. קערטמאַן, קאַליפאָרניע
שמואל קראַפט, דעטראָיט

ה. ראַבינס, ניו־יאָרק

א. ראָטבלאַט, לאָס אַנדזשעלעס
קלאַראַ ראָזענבערג, לאָס אַנדזשעלעס
שמחה ראָטענבערג, לאָס־אַנדזשעלעס
נתן ראפּאפּאָרט, בראָנקס
רובערמאַן, בראָנקס
דוד ריטשמאַן, לאָס־אַנדזשעלעס
ש. רעלין, לאָס אַנדזשעלעס

י. שאַכנאָוו, לאָס־אַנדזשעלעס
נתן שאפּירא, לאָס־אַנדזשעלעס
ד״ר ל. שאצאָוו, ניו־יאָרק
ה. שלאָסבערג, טשיקאַגאָ
וואָלף שטיין, ניו־יאָרק

צום אָנדענק פון זיין פרוי
ראָז שטיין

שלום־עליכם־לייען־קרייז, באָסטאָן
א. שענאק, ניו־יאָרק
י. שפּיגעל, ניו־יאָרק

דערגענצונג:

ס. גלאזמאַן, בראָנקס
קאַרל וואַסערמאַן, פאַר ראקאוויי, נ.י.
י. כהן, ניו־יאָרק
ט. לעווין, בראָנקס
שמואל סימאַן, ברוקלין
בען סלאטער, לאָנג ביטש, נ.י.
ליזא פּאָדאָלסקי, ברוקלין
בען פיעלד, ברוקלין
זעליג ציפּער, ניו־יאָרק